STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07921

GEKLIBENE SHRIFTEN

Anton Pavlovich Chekhov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע

שריפטען

— פון —

אנטאן טשעכאוו

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין.

צווייטער באַנד

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
85־83 קאנאל סטריט, ניו יאָרק.
1910.

COLLECTION OF WRITINGS

by

ANTON CHEKHOV

Translated into Yiddish by LEON KOBRIN.

Copyright 1911

Hebrew Publishing Company.

New York.

אינהאלטס־פערצייכניס

דער אנטלאָפּענער 5
אַ בלבול 17
פינסטערניש 23
לעבעדיגע סמנים 29
דעם קאַפּיטאַן'ס יוניפאָרם 33
דער מאַן 42
די פּאַלאַטע נומער זעקס 50
אַן אומגליק 130
די אַרומשפּרינגערקע 150
אַריאַדנאַ 188
גנבים 225
נו, פּובליקום! 251

דער אנטלאפענער

דאס איז געווען זעהר א לאנגער עסק. פריהער איז פאשקא גע־גאנגען מיט דער מאמען אונטער'ן רעגען, דאָ איבער'ן אָבגעשניטע־נעם פעלד, און דאָ איבער די וואלד־וועגלאך, וואו צו זיינע שטיוועל האבען זיך צוגעקלעפט געלע בלעטער. ער איז געגאנגען און געגאנגען ביז וואנען עס איז טאָג געוואָרען. דערנאָך איז ער א שעה צוויי אָב־געשטאנען אין פינסטערען פירהויז און געווארט, ווען מען וועט עפע־נען די טהיר. אין פירהויז איז נישט געווען אזוי קאלט און נאס, ווי אין דרויסען, אבער דער ווינד האט אָפט פערטראָגען אהער רעגען־טראָפענס.

ווען דאס פירהויז האט זיך ביסלעכוויז אָנגעפילט מיט מענשען, איז דער צוזאמענגעדריקטער פאשקא צוגעפאלען מיט'ן פנים צו עפעס אימעצענס א פעלצעל, פון וועלכען עס האט שטארק געשמעקט מיט געזאלצענע פיש, און האט געגומען דרימלען.

נור אָט, האט א הילך געטהאָן דאס ריגעל, די טהיר האט זיך גע־עפענט, און פאשקא מיט דער מאמען זיינען אריין אין עמפפאנגס־צימער. דאָ איז זיי ווידער אויסגעקומען לאנג צו ווארטען. אלע קראַנקע זיינען געזעסען אויף בענק, האבען זיך נישט באוועגט און גע־שוויגען. פאשקא האט זיי בעטראכט און אויך געשוויגען, כאָטש ער האט געזעהען פיעל מערקווירדיגעס און קאָמישעס. איין מאָל נור, ווען אונטערשפרינגענדיג אויף איין פוס, איז אין עמפפאנגס־צימער אריין א געוויסער יונג, האט זיך פאשקא'ן אליין אויך פערוואָלט אזוי אונטערצושפרינגען, ער האט א טורקע געטהאָן דער מאמען אונטער'ן עלענבויגען, האט א לאך געטהאָן אין ארבעל און געזאָגט:

— מאמא, קוק נור אָן דעם וואָראָבעי!

— שווייג, קינדעלע, שווייג!

אין קליין פענסטעריל האט זיך בעוויזען דער פערשלאָפענער פעלדשער.

— קומט זיך פערשרייבען! — האט ער ארויסגעברומט.

אלע, אריינרעכענדיג דעם קאָמישען, אונטערשפּרינגענדיגען יונג, האבען זיך א לאָז געטהאָן צום פענסטעריל. ביי יעדען איינעם האט דער פעלדשער געפרעגט זיין נאָמען און פאמיליע, ווי אלט ער איז, וואו ער וואוינט, צו ער איז שוין לאנג קראנק, און אזוי ווייטער. פון זיין מאמא'ס ענטפערס האט זיך פּאשקא דערוואוסט, אז מען רופט איהם נישט פּאשקא, נור פּאוועל גאלאקטיאָנאָוו, אז ער איז זיבען יאָהר אלט, איז נישט געבילדעט און איז קראנק שוין פון פסח אָן.

באלד נאָך'ן פערשרייבען זיך האט מען געדארפט אויף א וויילע אויפשטעהן; דורך דעם עמפּפאנגס־צימער איז דורכגעגאנגען דער דאָקטאָר אין א ווייסען שירץ און אונטערגעגארטעלט מיט א האנד־טוך. פארבייגעהענדיג פאר דעם אונטערשפּרינגענדיגען יונג, האט ער א דריק געטהאָן מיט די פּלייצעס און געזאָגט מיט א זינגענדיג טענאָר־שטים:

— נו, אביסעל א נאר! זאָג אדרבה, ביזטו דען נישט קיין נאר? איך האב דיר געהייסען קומען מאָנטאג, און דו קומסט פרייטאג. פון מיינעטוועגען מעגסטו גאר אין גאנצען נישט געהען, אבער דיין פוס, פערד איינער, וועט דאָך פערלאָרען געהען!

דער יונג האט געמאכט אזא רחמנות'דיג פּנים, ווי ער וואָלט זיך געקליעבען בעטען א נדבה, האט גענומען פינטלען מיט די אויגען און געזאָגט:

— טהוט מיר די טובה, איוואן מיקאָלאאיטש!

— דאָ וועט דיר נישט העלפען קיין איוואן מיקאָלאאיטש! — האט איהם איבערגעמישט דער דאָקטאָר — מען האט דיר געזאָגט מאָנטאג, דארפסטו פאָלגען. א נאר ביזטו, און דאס אלעס...

עס האט זיך אָנגעהויבען דאס אויפנאהם פון די קראנקע. דער דאָקטאָר איז געזעסען ביי זיך אין צימער און האט אויסגערופען די קראנקע נאָך דער רייהע נאָך. אלע וויילע האבען זיך פון יענעם צימערל געהערט שניידענדיגע קולות, א קינדערש געוויין, אדער בייזע געשרייען פון'ם דאָקטאָר:

— נו, וואס שרייסטו? איך שנייד דיך, צו וואס? רוהיג זיץ!

עס איז אָנגעקומען פּאשקאַ'ס רייהע.

— פּאוועל נאַלאַקטיאָנאָוו! — האט א געשריי געטהאָן דער דאָקטאָר.

די מאַמע איז פערשטיינערט געוואָרען, אזוי ווי זי וואָלט נישט ערוואַרט דעם דאָזיגען געשריי, און גענומען פּאשקאַ'ן פאר א האנד, האט זי איהם אריינגעפיהרט אין צימערל. דער דאָקטאָר איז געזעסען ביים טיש און מעכאַניש געקלאַפּט מיט א קליין האמערל איבער א דיקען בוך.

— וואס טהוט וועה? — האט ער געפרעגט, נישט קוקענדיג אויף די אריינקומענדיגע.

— דער אינגעל האט א געשוויר אויפ'ן עלענבויגען, טאַטעלע מיינער — האט געענטפערט די מאַמע, און איהר פּנים האט אָנגענומען אזאַ אויסדרוק, ווי זי וואָלט טאַקע אויף אַן אמת געוועזן שרעקליך בעזאָרגט וועגען פּאשקאַ'ס געשוויר.

— טהו איהם אויס!

פּאשקאַ האט סאַפּענדיג אָבגעבונדען דאס טיכעל אויפ'ן האלז, דערנאָך א רייב געטהאָן מיט'ן ארבעל די נאָז און, איילענדיג זיך, גענומען אראָבשלעפּען דאס פּעלצעל.

— דו, אַלטע, ביזט דאָך נישט געקומען צו מיר צו גאַסט! — האט בייז געזאָגט דער דאָקטאָר — וואס מארודעסטו? דו ביזט דאָך דאָ ביי מיר נישט קיין איינציגע.

פּאשקאַ האט פלינק אראָבגעוואָרפען דאס פּעלצעל אויף דער ערד און מיט דער מאַמע'ס הילף אויסגעטהאָן דאס העמדעל... דער דאָקטאָר האט איהם פויל בעטראַכט און א קלאַפּ געטהאָן איהם איבער'ן נאַקעטען בייכעל.

— א נישקשה'דיג בייכעל האָסטו, ברודער פּאשקאַ, אויסגעהאָדעוועט — האט ער געזאָגט און א זיפץ געטהאָן — נו, ווייז אהער דיין עלענבויגען!

פּאשקאַ האט זיך א קרים געטהאָן אויף דער שיסעל מיט פאַר־בלוטיגטע וואסער, האט א קוק געטהאָן אויף דעם דאָקטאָר'ס שירץ און זיך צוואויינט.

— מע־ע! — האט איהם איבערגעמישט דער דאָקטאָר — עס איז איהם שוין צייט חתונה מאכען, דעם שטיפער, און ער רעוועט! דו יונגאַטש איינער!..

סטאַרענדיג זיך נישט צו וויינען, האט פאַשקאַ א קוק געטהאָן אויף דער מוטער, און אין דעם דאָזיגען בליק זיינעם איז געלעגען א געבעט: „דערצעהל נישט אין דער היים, אז איך האב אין שפּיטאָל געוויינט!"

דער דאָקטאָר האט ארומגעקוקט דעם עלענבויגען, א דריק געטהאָן, זיך אָבגעזיפצט, א סמאַטשקע געטהאָן מיט די ליפּען, דערנאָך ווידער א דריק געטהאָן.

— שלאָגען האט מען דיך געדארפט, אַלטע, עס איז אבער נישטאָ ווער—האט ער געזאָגט—פארוואס האָסטו איהם פריהער נישט געבראַכט? די האנד איז דאָך שוין איצט א פערפאַלענע! קוק אָן, בהמה דו, דאס טהוט דאָך איהם דער ביין וועה!

— איהר, טאַטעלע מיינער, דארפט דאס בעסער וויסען... — האט א זיפץ געטהאָן די אַלטע.

— טאַטעלע... האט געלאָזט, אז ביים אינגעל זאָל די האנד פארפוילט ווערען און איצט קומט זי צו מיר מיט טאַטעלע. וואס פאר אן אַרבייטער קען ער זיין אָהן א האנד? דאס גאַנץ לעבען וועסטו זיך מיט איהם דארפען ניאַנטשען. נישקשה, אז דיר זאָל זיך זעצען א פרישץ אויף דער נאָז, וואָלסטו גלייך געלאָפען אין שפּיטאָל אריין, און דעם אינגעל האָסטו א האַלב יאָהר געלאָזט פוילען. אַלע זייט איהר אזוי.

דער דאָקטאָר האט פעררויכערט א פּאַפּיראָס. אזוי לאַנג ווי דער פּאַפּיראָס האט גערויכערט, האט ער אַלץ געזידעלט די אַלטע און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אין טאַקט פון א ליעד, וואס ער האט אין גערדאַנקען געזונגען, און האט אַלץ געטראַכט וועגען עפּעס.

דער נאַקעטער פאַשקאַ איז געשטאַנען פאר איהם, האט זיך צוגעהערט און געקוקט אויפ'ן רויך. נור ווען דער פּאַפּיראָס איז פערלאָשען געוואָרען, האט דער דאָקטאָר זיך א כאַפּ געטהאָן און גענומען ריידען מיט א טאָן נידעריגער:

— נו, הער אוים, אַלטע. מיט זאַלבען און טראָפּענס קען מען דאָ גאָרנישט העלפען. מען דארף איהם לאָזען אין שפּיטאָל.

— אויב מען דארף, טאטעלע מיינער, טאָ פארוואס זאָל מען איהם נישט לאָזען?

— מיר וועלען איהם מאכען אן אָפּעראציאָן. און דו, פּאשקאַ, בלייב דאָ — האט געזאָגט דער דאָקטאָר, קלאפּענדיג פּאשקאַ'ן אי־בער'ן פּלייצע — זאָל די מאמע פאָהרען אהיים און איך מיט דיר, ברודער, וועלען דאָ בלייבען. דאָ ביי מיר, ברודער, איז וואויל, עס איז פאראן פון אלדאָס גוטס! אזוי שנעל, ווי איך וועל זיך נאָר אבי־סעל ארומפערטיגען, וועל איך מיט דיר, פּאשקאַ, געהען כאפּען פויג־לאָך, איך וועל דיר ווייזען אַ פוקס! מיר וועלען פאָהרען צוזאמען צו גאסט! הא? ווילסטו? און מאָרגען וועט די מאמע קומען צו־פאָהרען נאָך דיר! ווי מיינסטו?

פּאשקאַ האט א קוק געטהאָן אויף דער מאמע'ן מיט פרעגענ־דיגע אויגען.

— בלייב דאָ, קינדערלע! — האט יענע געזאָגט.

— ער וועט בלייבען, ער וועט בלייבען! — האט פרעהלאך א געשריי געטהאָן דער דאָקטאָר — עס איז נישט נויטיג צו רעדען דערפון אזוי פיעל! איך וועל איהם ווייזען א לעבעדיגען פוקס! מיר וועלעןביידע פאָהרען אויפ'ן יריד און קויפען אייז־קיכלאך! מאריא דעניסאָוונא, נעהמט איהם ארויף אויבען!

דער דאָקטאָר, קענטיג א פרעהלאכער און גוטער יונג, האט זיך געפרעהט מיט פּאשקאַ'ס געזעלשאפט; פּאשקאַ'ן האט זיך געוואָלט טהאָן דעם דאָקטאָר צוליעב און בלייבען ביי איהם, איבערהויפּט נאָך, ווען ער איז אין זיין לעבען נישט געוועזען אויף קיין יריד און האט גע־חלש'ט צו זעהען א לעבעדיגען פוקס, אבער ווי באגעהט מען זיך אָהן דער מאמע'ן? געטראכט א ווייעלע, האט ער בעשלאָסען צו בעטען דעם דאָקטאָר, אז יענער זאָל זיין מאמע'ן אויך לאָזען בלייבען אין שפּיטאָל. ער האט אבער נאָך נישט צייט געהאט צו עפענען דאס מויל, ווי א פעלדשעריצע האט איהם שוין געפיהרט אויבען איבער די טרעפּ. געגאנגען איז ער מיט אָן אָפּענעם מויל און געקוקט פון ביידע זייטען. די טרעפּ, די פּאָדלאָגעס און די פּריטעלקעס — אלץ גרויסע, גלייכע און ליכטיגע — זיינען געוועזען אויסגעפארבט מיט א גרויסארטיגער, געלער פארב און האבען פון זיך ארויסגעלאָזט א גע־שמאקען גערוך פון קאָניפּליעס־אויל. אומעדום זיינען געהאנגען

לאָמפּען, האבען זיך געצווינגען טרעטערס, און פון די ווענד האבען ארויסגעשטאַרצעט מעשענע קראַנען. נור מעהר פון אַלץ איז פּאַש־קא'ן געפעלען די בעט, אויף וועלכער מען האט איהם אוועקגעזעצט, און די גרויע האָריגע קאָלדרע. ער האט א טאַפּ געטהאָן מיט די הענד די קישען, די קאָלדרע, האט ארומגעקוקט די פּאַלאַטע און האט ביי זיך בעשלאָסען, אז דעם דאָקטאָר לעבט זיך גאָרניט שלעכט.

די אבטהיילונג איז געווען נישט קיין גרויסע און איז אין גאַנצען בעשטאַנען פון דריי בעטען. איין בעט איז געווען א לעדיגע, די צווייטע האט פּאַשקאַ פּערנומען, און אויף דער דריטער איז געזעסען עפּעס אן אַלטער, מיט זויערע אויגען, וועלכער האט די גאַנצע צייט געהוסט און געשפּייט אין א קריגעל. פון פּאַשקאַ'ס בעטעל האט זיך דורך דער טהיר געזעהען א טהייל פון דער צווייטער אבטהיילונג מיט צוויי בעטען: אויף איינער איז געשלאָפען עפּעס א זעהר בלייכער, מאָגערער מענש מיט אַ פּענכער אויפ'ן קאָפּ; אויף דער צווייטער—איז מיט צושפּרייטע הענד געזעסען א פויער מיט א פערבונ־דענעם קאָפּ, זעהר ענהליך צו א פרוי.

אוועקגעזעצט פּאַשקאַ'ן, איז די פעלדשעריצע ארויסגעגאַנגען און אין א ווײַלע ארום האט זי זיך צוריקגעקעהרט, טראָגענדיג אין די הענד א בינטעל קליידער.

— דאס איז פאר דיר — האט זי געזאָגט — טהו זיך אָן.

פּאַשקאַ האט זיך אויסגעטהאָן און איז נישט אָהן פערגעניגען אריינגעקראָכען אין די נייע קליידער. אָנגעטהאָן דאס העמד, די הויזען און א גרויען כאַלאַטעל, האט ער, א צופריעדענער, זיך גוט בעטראַכט און איהם איז געקומען אויף די געדאַנקען, אז אין אַזאַ מין קאָסטיום וואָלט נישט שלעכט געווען זיך דורכצוגעהען איבער דער דאָרף. אין זיין פאַנטאַזיע האט זיך אויסגעמאָהלט א בילד, ווי זיין מאַמע שיקט איהם אין גאָרטען נעבען טייך, אָנרייסען קרויט־בלע־טער פאר דעם חזיר; ער געהט, און די אינגלאַך און מיידלאַך האבען איהם ארומגערינגעלט און קוקען מיט גרויס קנאה אויף זיין כאַ־לאַטעל.

אין דער אבטהיילונג איז אריין א קראַנקען־וועכטערין, האַלטענ־דיג אין די הענד צוויי צינענע שיסלען, לעפעל און שטיקער ברויט.

איין שיסעל האט זי אוועקגעשטעלט פאר דעם אלטען, די צווייטע פאר פאשקא'ן.

— עס! — האט זי געזאָגט.

אריינגעקוקט אין שיסעל, האט פאשקא דערזעהען א פעטען ראָסעל, און אין ראָסעל א שטיק פלייש, און ווידער האט ער א טראכט געטהאָן, אז דעם דאָקטאָר לעבט זיך גאָרניט שלעכט, און אז דער דאָקטאָר איז גאָרניט אזא בייזער, ווי עס האט זיך פון אָנהויב אויסגעוויזען.

ער האט לאַנג געגעסען דעם ראָסעל, לעקענדיג דאס לעפעל נאָך יעדען זופ, דערנאָך, ווען אויסער דאס פלייש איז שוין אין שיסעל גאָרנישט מעהר פערבליעבען, האט ער זיך א קרים געטהאָן אויף דעם אלטען און איהם מקנא געווען, וואס יענער זופט נאָך. מיט א זיפץ האט ער זיך גענומען פאר דאס פלייש, סטאַרענדיג זיך עס צו עסען וואס לענגער, אבער זיין מיה איז געווען אומזיסט: באלד איז אויך דאס פלייש פערשוואונדען געוואָרען. עס איז נור פערבליעבען א שטיקעל ברויט. עס איז אפילו נישט געשמאק צו עסען טרוקענע ברויט אָהן גאָרנישט צו דעם, אבער וואס קען מען טהאָן. פאשקא האט א ווייל געטראכט און אויפגעגעסען דאס שטיקעל ברויט. אין דיעזער צייט איז אריין די קראנקען־וועכטערין מיט נייע שיסלען, און דיעזען מאָל איז אין די שיסלען געווען בראטען מיט קארטאָפעל.

— און וואו איז דיין ברויט? — האט זי געפרעגט.

אנשטאט אָן ענטפער, האט פאשקא אָנגעבלאָזען די באַקען און ארויסגעלאָזען די לופט.

— נו צו וואס האָסטו עס אויפגעפרעסען? — האט מיט א פאָרוואורף געפרעגט די קראנקען־וועכטערין — און מיט וואס וועסטו איצט עסען דעם בראטען?

זי איז ארויס און געבראכט אָן אנדער שטיקעל ברויט. זייט פאשקא לעבט האט ער נישט געגעסען קיין געבראָטענע פלייש און, פערזוכט עס אצינד, האט ער אויסגעפונען, אז דאס איז זעהר און זעהר געשמאַק. דאס דאָזיגע שטיקעל בראטען איז זעהר שנעל פערשוואונדען געוואָרען און נאָך איהם איז פערבליעבען א שטיקעל ברויט, נאָך א גרעסערעס ווי נאָך דעם ראָסעל. דער אלטער האט אָבגעגעסען זיין מיטאָג און בעהאלטען זיין איבערגעבליעבענעם שטיק ברויט

אין טישקעסטעל; פּאשקאַ האט אויך אזוי געוואָלט טהאָן, נור נאָך א ווײלע טראכטען, האט ער אויפגעגעסען זיין צווייטע שטיקעל ברויט אויך.

אָנגעגעסען זיך, איז ער אוועק שפּאַצירען. אין צווייטען צימער האבען אויסער די, וואס ער האט געזעהען דורך דער טהיר, זיך גע־פונען נאָך אנדערע פיער מענשען. פון זיי אַלע האט נור איינער צוגעצויגען צו זיך זיין אויפמערקזאמקייט. דאס איז געווען א הויכער, זעהר אַן אויסגעטריקענטער פויער, מיט א פינסטערען, האָאָרי־גען פּנים; ער איז געזעסען אויף דער בעט און האט די גאנצע צייט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, ווי מיט א פּערפּענדיקעל, און געמאַכט מיט דער רעכטער האנד. פּאשקאַ האט לאַנג נישט אָבגעריסען פון איהם די אויגען. פון אָנהויב האבען דעם פויער׳ס רעגעלמעסיגע, גלייכע בעוועגונגען מיט׳ן קאָפּ אויסגעוויזען קאָמיש, עפּעס אזוי ווי יענער וואָלט עס געטהאָן פון אלגעמיינער פּרעהליכקייט וועגען. נור ווען ער האט זיך גוט צוגעקוקט צום פויער׳ס פּנים, איז איהם מורא׳דיג געוואָרען, און ער האט פערשטאַנען, אז דער דאָזיגער פויער איז גע־פעהרליך קראַנק. אריינגעהענדיג אין דער דריטער אבטהיילונג, האט ער דערזעהן צוויי פויערים, מיט דונקעל־רויטע פּנים׳ער, אזוי ווי אויסגעשמירטע מיט לעהם. זיי זיינען געזעסען אונבעוועגליך אויף די בעטען, און מיט זייערע מאָדנע פּנים׳ער, אויף וועלכע עס איז שווער געווען צו דערקענען די געזיכטס־שטריכען, זיינען זיי עהנליך געווען צו די געטשקעס פון די געצען־דיענער.

— מוהמע, פאַרוואס זיינען זיי אזעלכע? — האט פּאשקאַ גע־פרעגט ביי דער קראנקען־וועכטערין.

— ווייל זיי, אינגעלע, האבען פּאָקען.

געקומען צוריק צו זיך אין אבטהיילונג, האט זיך פּאשקאַ גע־זעצט אויף דער בעט און גענומען וואַרטען אויף דעם דאָקטאָר, אום צו געהען מיט איהם כאַפּען פויגעלאך אדער פאָהרען אויפ׳ן יריד, אבער דער דאָקטאָר האט זיך נישט געוויזען. אין דער טהיר פון דער צווייטער אָבטהיילונג האט נישט אויף לאַנג פארביי געשוועבט דער פעלדשער. ער האט זיך איינגעבויגען צו יענעם קראנקען, ביי וועמען עס איז געלעגען דער פּענכער אייז אויפ׳ן קאָפּ, און האט א געשריי געטהאָן:

— מיכאַילאָ!

אבער דער שלאָפעדיגער מיכאַילאָ האט זיך נישט געריהרט. דער פעלדשער האט א מאַך געטהאָן מיט א האַנד און איז אוועק.

ערוואַרטענדיג דעם דאָקטאָר, האט פּאַשקאַ בעטראַכט זיין שכן, דעם אַלטען. יענער האט אָהן אויפהער געהוסט און געשפּייט אין קריגעל; א הוסט האט ער געהאַט אַן אויסגעצויגענעם, א סקריפּע־דיגען. פּאַשקאַ'ן איז געפעלען געוואָרען איין בעזונדערע אייגענ־שאַפט פון דעם אַלטען: ווען יענער האט, הוסטענדיג, אריינגעצויגען אין זיך לופט, האט אין זיין ברוסט עפּעס געפּייפט און געזונגען אויף פערשיעדענע טענער.

— זיידוניו, וואס פּייפט עס דאָרט ביי דיר? — האט געפרעגט פּאַשקאַ.

דער אַלטער האט גאָרנישט געענטפערט. פּאַשקאַ האט א ווײַלע געטראַכט און געפרעגט:

— זיידוניו, און וואו איז דער פוקס?

— וואס פאר א פוקס?

— דער לעבעדיגער.

— וואו זאָל ער זיין? אין וואַלד!

עס איז אוועק א לאַנגע צייט און דער דאָקטאָר האט זיך אַלץ נישט געוויזען. די קראַנקען־ווערטערין האט געבראַכט טהעע, און אַנגעזידעלט פּאַשקאַ'ן דערפאַר, וואס ער האט זיך נישט איבערגע־לאָזט קיין ברויט צום טהעע; עס איז נאָך אַמאָל געקומען דער פעלד־שער און גענומען וועקען מיכאַילאַ'ן; הינטער די פענסטער איז דונ־קעל געוואָרען, אין די פּאַלאַטעס האט מען אָנגעצונדען פייער און דער דאָקטאָר האט זיך נאָך אַלץ נישט געוויזען. אַצינד איז שוין געוואָרען צו שפּעט צו פאָהרען אויפ'ן יריד אדער כאַפּען פויגעלאַך; פּאַשקאַ האט זיך אויסגעצויגען איבער דער בעט און גענומען טראַכ־טען. ער האט זיך דערמאָנט אָן די אייז־קיכלאַך, וואס דער דאָקטאָר האט איהם צוגעזאָגט, אָן דער מאַמע'ס פּנים און שטימע, אָן דער פינ־סטערניש אין זיין שטיבעל אין דאָרף, דעם אויוועז, דער באַבע יעגאָ־ראָוונע, וועלכע האלט זיך אין איין ברייזערען... און איהם איז געוואָ־רען אומעדיג און טרויעריג אויפ'ן האַרצען. דערמאָנט זיך, אז מאָר־

נען וועט איהם די מאַמע קומען אָבנעהמען, האט ער א שמייכעל גע־טהאָן און צוגעמאַכט די אויגען.

א גערויש האט איהם אויפגעוועקט. אין דער צווייטער אָבטהיי־לונג האט עמעצער ארומגעשפּרייזט און גערעדט אין דער שטיל. ביי דעם מאַטען שיין פון די נאַכטלעמפּעלאַך האט זיך געזעהן, ווי נע־בען מיכאַילאָ׳ס בעט האבען זיך בעוועגט דריי געשטאַלטען.

— ווען מיר איהם אוועקטראָגען מיט דער בעטעל, אדער אזוי? — האט געפרעגט איינער פון זיי.

— אַזוי. מיט׳ן בעטעל וועסטו נישט קענען דורכגעהען. געזעהען אביסעל, איז נישט אין צייט געשטאָרבען. א ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האבען!

איינער האָט אָנגענומען מיכאילאָ׳ן פאר די פּלייצעס, דער צווייטער — פאר די פיס און האָבען איהם אויפגעהויבען: מיכאַי־לאָ׳ס הענד און די פּאָלעס פון זיין כאַלאַט זיינען שוואַך געהאַנגען אין דער לופטען. דער דריטער, דאָס איז געווען דער פּויער, וואָס איז עהנליך געווען צו א פרוי, האָט זיך גענומען צלם׳ען, און אַלע דריי, קלאַפּענדיג אומגעלומפּערט מיט די פיס, טרעטענדיג אויף מיכאַי־לאָ׳ס פּאָלעס, זיינען ארויס פון פּאַלאַטע.

ביי דעם שלאָפעדיגען אַלטען אין ברוסט האָט נאָך אַלץ געפּייפט און געזונגען אויף פערשיעדענע שטימען. פּאשקאַ האָט זיך צוגעהערט, האט א קוק געטהאָן אויף די פינסטערע פענסטער און אין אימה׳דיגער מורא איז ער אויפגעשפּרונגען פון בעט.

— מאַ־מאַ! — האָט ער ארויסגעקרעכצט מיט א באַס־שטים.

און נישט װאַרטענדיג אויף אַן ענטפער, האָט ער זיך א וואָרף געטהאָן אין צווייטען צימער. דער בלאַסער שיין פונ׳ם נאַכט־לעמ־פּעלע האָט דאָ קוים־קוים בעלויכטען די פינסטערניש; די קראַנקע, צושראָקען פון מיכאילאָ׳ס טויט, זיינען געזעסען אויף זייערע בע־טען צושויבערטע, צונויפגיסענדיג זיך מיט די שאָטענס, האָבען זיי אויסגעזעהן ברייטער, העכער, לענגער און זיינען, דאַכט זיך, געוואַק־סען אַלץ גרעסער און גרעסער, לענגער און לענגער. אויף דער לעצטער בעטעל, אין ווינקעל, וואו עס איז געווען נאָך פינסטערער, איז געזעסען א פּויער און האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און מיט א האנד.

נישט אויסקלייבענדיג די טהירען, האָט זיך פּאשקאַ א וואָרף

געטהאָן אין דער אָבטהיילונג פון די פּאָקען־קראַנקע, פון דאָרט אין קאָרידאָר, פונ׳ם קאָרידאָר איז ער אריינגעפלויגען אין אַ גרויסען ציי־מער, וואו אויף די בעטען זיינען געלעגען און געזעסען עפּעס אזעלכע משונה׳דיגע ברואים מיט לאַנגע האָאָר און מיט זעהר אַלטע פּנים׳ער. דורכגעלאָפען דורך דער פרויען־אָבטהיילונג, האָט ער זיך ווידער געפונ־נען אין קאָרידאָר, האָט דערזעהן די פּאַרענצעס פון די בעקאַנטע טרעפּ און זיך געלאָזט לויפען אַרונטער. דאָ האָט ער דערקאַנט דעם עמפּפאַנגס צימער, אין וועלכער ער איז געזעסען אין דער־פריה, און האָט גענומען זוכען אַ טהיר אויף אַרויסצוגעהן.

עס האָט אַ הילך געטהאָן דאָס רינגעל, אַ קאַלטער ווינד האָט זיך אַ ריס געטהאָן אַנטקעגען, און פּאַשקאַ, שאָקלענדיג זיך אויף די פיס, איז אַרויסגעלאָפען אויפ׳ן הויף. ביי איהם איז געווען נור איין געדאַנק — אַנטלויפען און אַנטלויפען! דעם וועג האָט ער נישט געוואוסט, ער איז אָבער געווען זיכער, אַז ווען ער וועט אָבלויפען אַ שטיקעל וועג, וועט ער אונבעדינגט קומען אַהיים צו דער מאַמאַ׳ן.

די נאַכט איז געווען אַ פאַרכמאַרעטע, נור הינטער די וואָלקענס האָט געשיינט די לבנה. פּאַשקאַ האָט גענומען לויפען פון בריקעל גלייך אין פאָראויס, איז פאַרבייגעלאָפען דעם שטאַל און זיך אָנגע־שטויסען אויף פּוסטע בושעס. געשטאַנען אַ ווייַלע און געטראַכט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צוריק צום שפּיטאַל, איז אַרומגעלאָפען אַרום און אַרום דער געביידע און איז געבליעבען שטעהן אַן אונענט־שלאָסענער, נישט וויסענדיג וואָס צו טהאָן. אויפ׳ן בית עולם הינטערן שפּיטאַל, האָבען זיך אויף די קברים געזעהען ווייסע צלמים.

— מאַ־אַ־מאַ! — האָט פּאַשקאַ גענומען שרייען, און זיך גע־לאָזט לויפען צוריק.

פאַרבייגלויפענדיג די דונקעלע און שטרענגע געביידען, האָט ער דערזעהן איין בעלויכטענעם פענסטער.

דער דאָזיגער ליכטיגער, רויטער פלעק, האָט אויסגעזעהן מורא׳דיג אין דער פינסטערניש, אָבער פּאַשקאַ, צומישט פאַר שרעק, נישט ווי־סענדיג וואוהין צו לויפען, האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו איהם. נעבען דעם ליכטיגען פענסטער איז געווען אַ באַלקאָן מיט טרעפּ און אַ פאָדערשטע טהיר מיט אַ ווייס ברעטעלע; פּאַשקאַ איז אַרויפגעלאָפען

אויף די טרעפּלאַך, האָט אריינגעקוקט אין פענסטער, און איז געוואָרען מלא שמחה.

אינ'ם פענסטער האָט ער דערזעהן דעם פרעהלאַכען און גוט־מוטהיגען דאָקטאָר, וועלכער איז געזעסען ביים טיש און געלעזען א בוך. לאַכענדיג פאַר גליק, האָט פאַשקאַ אויסגעשטרעקט צום בעקאַנטען פּנים זיינע הענד, האָט געוואָלט א געשריי טהאָן, אָבער עפּעס אַן אונבעוואוסטע קראַפט האָט פערשטיקט זיין אָטהעם און איהם א זעץ געטהאָן איבער די פיס... ער האָט זיך א שאָקעל געטהאָן און איז געפאַלען אויף די טרעפּ אין חלשות.

ווען ער איז געקומען צו זיך, איז שוין געווען ליכטיג, און א גוט־בעקאַנטער קול, וועלכער האָט איהם נעכטען פערשפּראָכען א יריד, פויגעלאַך און א פוקס, האָט גערעדט נעבען איהם:

— נו, ביזטו א נאַרר, פאַשקאַ! זאָג אליין, ביזטו נישט קיין נאַרר? שלאָגען האָט מען דיך געדאַרפט, עס איז אָבער נישטאָ ווער...

א בלבול

דער לעהרער פון האנדשריפט סערגעי קאפיטאָניטש אכינעעוו האט אויסגעגעבען זיין טאָכטער נאטאליע פאר דעם לעהרער פון היסטאָריע און געאָגראפיע איוואן פעטראָוויטש לאָשאָדין. די חתונה איז געווען א פרעהליכע, אלעס איז געגאנגען, ווי געשמירט. אין זאאל האט מען געזונגען, געשפיעלט, געטאנצט. איבער די צימערן זיינען ווי פער'סם'טע ארומגעלאָפען לאקעיען אין שווארצע פראקען און אין ווייסע, פערשמוצטע שניפסען, וועלכע דער בעל שמחה האט גענומען אויף פראָקאט אין קלוב. עס איז געווען א הו־הא, א טומעל. דער לעהרער פון מאטעמאטיק טאראנטולאָוו, דער פראנצויז פאדע־קוא און דער רעוויזאָר יעגאָר ווענעדיקטיטש מוזדא זיינען געזעסען איינער נעבען צווייטען אויף דער זאָפע, האבען אין איילעניש און אי־בערשלאָגענדיג איינער דעם אנדער'ן, דערצעהלט די געסט מעשות וועגען לעבעדיג־בעגראָבענע מענשען און האבען אויסגעדריקט זייער מיינונג וועגען ספיריטואליזם. אלע דריי האבען אין ספיריטואליזם נישט געגלויבט, פון דעסטוועגען האבען זיי צוגעגעבען, אז אויף יענער וועלט זיינען דאָ פיעל זאכען, וועלכע דער מענשליכער פערשטאנד וועט קיינמאָל נישט באנעהמען.

אין א צווייטען צימער, האט דער לעהרער פון ליטעראטור דאָ־דאָנסקי ערקלערט די געסט יענע בעזונדערע צופאלען, ווען א וועכ־טער האט א רעכט צו שיעסען אויף די פערבייגעהער. ווי איהר זעהט, זיינען די געשפרעכען געווען שרעקליכע, אבער זעהר אנגענעהמע. פון דרויסען האבען מענשען אריינגעקוקט אין די פענסטער, דאס זיינען געווען אלץ אזעלכע, וועלכע האבען נישט געהאט דאס רעכט, צוליעב דער געזעלשאפטליכער שטעלונג, וואס זיי האבען פערנומען, אריינצוקומען אינעווייניג.

פונקט ארום האַלבע נאַכט איז דער בעל הבית אכינעעוו אוועק אין קיך א קוק טהאָן, צו אַלעס איז שוין פארטיג פאר דער וועטשערע. די קיך איז פון פאָדלאָגע ביז'ן סופיט פול געוועזן מיט רויך, וועלכער איז בעשטאַנען פון גענזענע, קאַטשקענע און אנדערע ריחות.

אויף צוויי גרויסע טישען זיינען אין קינסטלערישער אונאָרדנונג אויסגעשטעלט געוועזן פערשיעדענע שפייזען און משקאות. ארום די טישען האט זיך געפּאָרעט די קעכין מארפא, א רויטע ווייבעל מיט א צווייענדיגען איינגעשנורעוועטען בויך.

— ווייז מיר אַקאָרשט, מאמעלע, דעם שטער־פיש! — האט געזאָגט אכינעעוו, רייבענדיג די הענד און זיך באַלעקענדיג — וואס פאר א גערוך אביסעל, א ריח ניחוח! . . איך וואָלט, דאכט זיך, די גאַנצע קיך אויפגעגעסען! אנו, ווייז מיר אַקאָרשט דעם שטער!

מארפא איז צוגעגאנגען צו איינער פון די ביינק און האָט פאָר־זיכטיג אויפגעהויבען א פערשמאָלצענעם בויגען צייטונג'ס פאפיער. אונטער דעם דאָזיגען בויגען אויף א ריזיגען טעלער איז געלעגען א גרויסער, זאפטיגער שטער־פיש, בעציערט מיט בלעטלאַך, אָליווען און מערלאַך.

אכינעעוו האט א קוק געטהאָן אויפ'ן שטער און האט אזש א קרעכץ געטהאָן. זיין פנים האָט גענומען שטראַהלען, די אויגען האָבען זיך פערדרעהט. ער האָט זיך איינגעבויגט און ארויסגעגעבען מיט די ליפען א קלאַנג פון א נישט אונטערגעשמירטען ראָד. געשטאַנען א ווײַלע, האָט ער א קנאַק געטהאָן מיט די פינגער פאר פערגעניגען און נאָך אמאָל א סמאָקטשע געטהאָן מיט די ליפען.

— אהא! דער קלאַנג פון א הייסען קוש... מיט וועמען קושסטו זיך עס, מארפושקא? — האָט זיך דערהערט א קול פון דעם צוויי־טען צימער, און אין טהיר האָט זיך בעוויזען דער געשאָרענער קאָפּ פון די לעהרער'ס ארויסהעלפער, וואנקין. — מיט וועמען ביזטו דאָס? א־הא, אזוי גאָר... זעהר אנגענעהם! מיט סערגיי קאפּיטאָנישען! א שעהנער זיידע, נישטאָ וואָס צו ריידען! מיט דער ווייבערשער פּאָ־ראָדע שורע־מורע!

— איך קוש זיך נישט, עס הויבט זיך גאָר נישט אָן — האָט זיך פערשעהמט אכינעעוו — ווער האָט עס דיר, נארר איינער, גע־

זאָגט? דאָס האָב איך נור אַזוי... מיט די ליפּען אַ סמאַקטשע גע־טהאָן פאַר פערגעניגען... פאַר הנאה... דערזעהענדיג די פיש...

— דערצעהל דיין באָבען אַזאַ מעשה!

וואַנקין'ס קאָפּ האָט אַ ברייטען שמייכעל געטהאָן און איז פער־שוואונדען הינטער דער טהיר. אכינעעוו איז רויט געוואָרען.

— דער טייפעל וויים וואָס! — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן — ער וועט אַוועק אַצינד, דער לומפּ, און וועט טרייבען רכילות. וועט מיך איבער דער גאַנצער שטאָדט בערײדען, די חיה רעה...

אכינעעוו איז נישט דרייסט אריין אין זאַאַל און האָט קרום אַ קוק געטהאָן אין דער זייט: וואו איז וואַנקין? יענער איז געשטאַ־נען נעבען פּיאַנאָ, און אויסגעבויגט מעשה פראַנט, האָט ער עפּעס געשעפּצעט צו דעם אינספּעקטאָר'ס שוועגערין, וועלכע האָט שטאַרק געלאַכט.

— דאָס דערצעהלט ער איהר וועגען מיר! — האָט אַ טראַכט געטהאָן אכינעעוו — וועגען מיר, געשוואָלען זאָל ער דאָרט ווערען! און יענע גלויבט... זי גלויבט! קוועלט אָן! גאָט מיינער! ניין, אַזוי טאָר מען עס נישט לאָזען... ניין... מען וועט דאַרפען מאַ־כען, אַז מען זאָל איהם נישט גלויבען... איך וועל מיט זיי אַלע אי־בער ריידען און ער וועט דאַן ביי מיר בלייבען אַ נאַרר, אַ רכילות טרייבער.

אכינעעוו האָט זיך אַ קראַץ געטהאָן און נישט אויפהערענדיג זיך צוערגערען, איז ער צוגעגאַנגען צו פּאַדעקואַ'ן.

— נור וואָס בין איך געווען אין קיך, האָב דאָרט נאָכגעזעהען צו אַלץ איז אין אָרדנונג וועגען דער וועטשערע — האָט ער געזאָגט צום פראַנצויז — איך וויים, איהר האָט ליעב פיש, און ביי מיר, טאַ־טעלע מיינער, איז דאָ אַ שטער־פיש אָט־אַ־זאַ! אודאי, צוויי אַרשין די לענג! כע־כע־כע!... יאָ, איך האָב שיעור פאַרגעסען... אין קיך האָט זיך מיט דעם דאָזיגען שטער־פיש געטראָפען אַזאַ מין מעשה! איך געה מיר אַזוי אריין אין קיך און וויל בעטראַכטען די שפּייזען... איך קוק אויף דעם פיש און פאַר פערגעניגען... פאַר התפּעלות טהו איך אַ סמאַקטשע מיט די ליפּען! און אין דער זעלבער צייט קומט אריין דער נאַרר וואַנקין און זאָגט... כאַ־כאַ־כאַ... און זאָגט: אַ־אַ... איהר קושט זיך גאָר דאָ? מיט מאַרפאַ'ן, הייסט עס, מיט

דער קעבין! אָט וואָס דער נארישער מענש קען אויסטראכטען! די פרוי, האט נישט קיין פנים און נישט קיין צורה, א מיאוסע חיה רעה, און ער... גאָר איך קוש זיך! אזא קרענק!...

— ווער איז א קרענק? — האָט געפרעגט טאראנטולאָוו, צו געהענדיג צו זיי.

— אָט יענער, וואנקין! איך געה מיר אזוי אריין אין קיך...

און ער האָט איבערדערצעהלט די מעשה מיט וואנקין'ען.

— ער האָט געשפּאסט, דער קרענק! און נאָך מיין מיינונג איז א סך אנגענעהמער זיך צו קושען מיט בארבאָסען איידער מיט מארפען — האָט צוגעזעצט אכינעעוו, האָט זיך ארומגעקוקט און דערזעהען הינטער זיך מיזדראָ'ן.

— מיר ריידען דאָ וועגען וואנקין'ען — האָט ער געזאָגט — א משונה'דיגע בריאה! קומט אריין אין קיך און דערזעהט מיך נעבען מארפען, נעהמט ער אויסטראכטען פערשיעדענע, נארישע שטיק. וואס עפּעס, זאָגט ער, קושט איהר זיך? שכור'ערהייד האט זיך עס איהם אויסגעוויזען. און איך, זאָג איך, וועל זיך גיכער קושען מיט אן ענדיק איידער מיט מארפאן. און דערצו, זאָג איך, האָב איך דאָך א ווייב, פערשטעהסט, נארר איינער? גאָר נישט, עס האָט זיך איהם פערגלוסט מאכען א שפּאס!

— ווער האָט געמאכט א שפּאס? — האָט געפרעגט דער רעלי־גיאָנס־לעהרער, צוקומענדיג צו אכינעעוו'ן.

— וואנקין. איך שטעה מיר אזוי, ווייסט איהר, אין קיך און קוק אויף דעם שטער־פיש...

און אזוי ווייטער.

אין וואסער'א האלב שעה האָבען שוין אלע געסט געוואוסט די מעשה מיט'ן פיש און מיט וואנקין'ען.

— זאָל ער זיי אצינד געהן דערצעהלען! — האָט געטראכט אכינעעוו, רייבענדיג די הענד: — זאָל ער! ער וועט נעהמען דער־צעהלען און זיי וועלען איהם גלייך ענטפערן: גענוג דיר, נאר איי־נער, ריידען נארישקייטען! מיר ווייסען אלץ!

און אכינעעוו האָט זיך אין גאנצען בערוהיגט; פאר פרייד האָט ער אויסגעטרונקען פיער איבעריגע גלעזלאך.

בעגלייט נאָך דעם אבענד־מאָהלצייט חתן־כלה אין שלאָף צימער,

איז ער אַוועק צו זיך און איז אַנשלאָפען געוואָרען, ווי אַן אונשולדיג קינד. און אויף׳ן צווייטען טאָג האָט ער שוין גאָרנישט געדענקט די מעשה מיט׳ן שטער־פּיש. אָבער, אַך! דער מענש טראַכט און גאָט לאַכט. אַ בייזע צונג האָט געטהאָן איהר בייזע אַרבייט, און אַכינעעוו׳ן האָט נישט געהאָלפען זיין כיטרער שפּיצעל! פּונקט אין אַ וואָך אַרום, אין אַ געוויסען מיטוואָך, נאָך דער דריטער לעקציע, ווען אַכינעעוו איז געשטאַנען אין מיטען קלאַס־צימער און גערעדט פון די צולאָזענע אייגענשאַפטען פון דעם שיהלער וויכיעקין, איז צו איהם צוגעגאַנגען דער דירעקטאָר און איהם אָבגערופען אָן אַ זייט.

— אַט וואָס, סערגיי קאַפּיטאָניטש — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר — ענטשולדיגט... עס איז נישט מיין זאַך, אָבער דאָך מוז איך אייך געבען צו פערשטעהן... דאָס איז מיין פּפליכט... די זאַך איז די: עס טראָגען זיך אַרום קלאַנגען, אַז איהר לעבט מיט דער... נו מיט דער קעכין... עס איז נישט מיין עסק, נור... לעבט מיט איהר, קושט זיך... טהוט וואָס איהר ווילט, נור איך בעט אייך, נישט אַזוי אָפען! איך בעט אייך! פערגעסט נישט, אַז איהר זייט אַ לעהרער!

אַכינעעוו׳ן איז דורכגעלאָפען אַ קעלט און ער איז פערגליווערט געוואָרען. ווי פון שלאַנגען געביסען און ווי אַן אָבגעבריהטער, איז ער אַהיים אַוועק. ער איז געגאַנגען אַהיים און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע שטאָדט קוקט אויף איהם, ווי אויף אַן אויסגעשמירטען אין סמאָלע... אין דער היים האָט אויף איהם געוואַרט אַ נייע צרה.

— וואָס עפּעס פרעסטו גאָרנישט? — האָט איהם געפרעגט ביים מיטאָג דאָס ווייב — וועגען וואָס האָסטו זיך אַזוי פערטראַכט? איך וויים אַלץ, אונגליק מיינער! גוטע מענשען האָבען מיר די אויגען געעפענט! דו־דו־דו... אונמענש! באַרבאַר!

און זי איז איהם אַזוי גוט פאַרפאָהרען אין מאָרדע!... ער איז אויפגעשטאַנען פון טיש און, נישט פיהלענדיג די ערד אונטער זיך, אָהן אַ היטעל און אָהן אַ ראָק, האָט ער זיך אַוועקגעשלעפּט צו וואַנקין׳ען. וואַנקין׳ען האָט ער געטראָפען אין דער היים.

— לומפּ איינער! — האָט זיך אַכינעעוו געווענדעט צו וואַנקין׳ען. — פאַר וואָס האָסטו מיך פאַר דער גאַנצער וועלט מיט בלאָטע פערשמירט? פאַר וואָס האָסטו אויף מיר אַזאַ בלבול געמאַכט?

— וואָס פאַר אַ בלבול? וואָס האָט איהר אויסגעטראַכט?

— און ווער האָט געטריבען רכילות, אַז איך האָב זיך מיט מאַרפאַ'ן געקושט? נישט דו, אפשר, וועסטו זאָגען? נישט דו, מער־דער?

וואַנקין האָט גענומען באַוועגען און דרעהען מיט יעדען שטריך פון זיין אָבגעבליאַקירטען פנים, האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הייליגען בילד און אַרויסגערעדט:

— זאָל מיך גאָט שטראָפען! מיינע אויגען זאָלען פּלאַצען, און איך זאָל קראַפּירען, ווי אַ הונד, אויב איך האָב וועגען אייך געזאָגט כאָטש איין וואָרט. איך זאָל איינגעזונקען ווערען! די כאָלערע זאָל איך בעקומען, איז אייך נישט גענוג?...

אין וואַנקין'ס אויפריכטיגקייט האָט מען נישט געקענט צווייפּ־לען. עס איז קענטיג געווען, אַז נישט ער' האָט די רכילות פער־שפּרייט.

— אָבער ווער זשע דען? ווער? — האָט זיך פערטראַכט אכי־נעעוו, איבערקלייבענדיג אין די געדאַנקען אַלע זיינע בעקאַנטע און קלאַפּענדיג זיך אין ברוסט: — ווער־זשע?

— טאַקע ווער? — וועלען אויך מיר פרעגען ביים לעזער...

פינסטערניש...

א יונגער שייגעץ מיט ווייסע ברעמען און אויסגעסטאַרטשעטע קינבאקען, אין א צוריסען בגד'ל און אין גרויסע, שווארצע וואַליקעס, האָט אַבגעוואַרט ביז דער שטאָדטישער דאָקטאָר איז פארטיג געוואָרען מיט די פּאַציענטען און האָט זיך צוריקגעקעהרט פונ'ם שפּיטאָל צו זיך אַהיים. ער איז דאן נישט דרייסט צו איהם צוגעגאַנגען.

— איך געה צו אייער גנאַדען — האָט ער געזאָגט.

— וואָס איז דיר?

דער שייגעץ האָט מיט'ן לאַדאָן זיך א פיהר געטהאָן איבער דער נאָז פון אונטען ארויף, האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן הימעל און דער־נאָך ערשט געענטפערט:

— צו אייער גנאַדען... דאָ ביי דיר, אייער גנאַדען, אין דער אָבטהיילונג פאר ארעסטאַנטען, געפינט זיך מיין ברודער וואַסקאַ, א שמיעד פון ווארוואראַן...

— יאָ, אַלזאָ איז וואָס?

— איך, הייסט עס, בין וואַסקאַ'ס ברודער... מיר זיינען צוויי ביים טאַטען: ער, וואַסקאַ, און איך — קירילאַ. אויסער אונז זיינען נאָך פאראן דריי שוועסטער, און וואַסקאַ איז א בעווייבטער און האָט קינדערלאך... מיילער זיינען דאָ א סך, און ארבייטען איז נישטאָ ווער... אין קוזניע האָט מען שוין אודאי צוויי יאָהר קיין פייער נישט געמאכט. איך אליין ארבייט אויף א ציץ־פאבריק, שמיעדען קען איך נישט. און דער טאַטע, וואָס איז ער פאר אַן ארבייטער? נישט שייכות ארבייטען, נור עסען אפילו, קען ער אויך נישט, ווי א מענש, טראָגט דאָס לעפעל פארביי דעם מויל.

— איז וואָס ווילסטו פון מיר האָבען?

— טהו א טובה, לאָז אָב וואַסקאַ'ן!

דער דאָקטאָר האָט פערוואונדערט אַ קוק געטהאָן אויף קירילאַ'ן און נישט זאָגענדיג אַ וואָרט, איז ער אַוועק ווייטער. דער שייגעץ איז איהם פארלאָפען דעם וועג און זיך אַ וואָרף געטהאָן איהם צו די פיס.

— דאָקטאָר, גוטער הערר! — האט ער זיך געבעטען, פינטלענדיג מיט די אויגען און ווידער אַ פיהר געטהאָן מיט'ן לאָדאָן איבער דער נאָז: — טהו אונז דעם גרויסען גנאָדען, לאָז אָב וואסקאַ'ן אַהיים! מיר וועלען אייביג פאר דיר גאָט בעטען! אייער וואָהלגעבאָרען, לאָז איהם אָב! מיר קראַפּירען אַלע פאר הונגער! די מאַמע קלאָגט ווי טאָג אַזוי נאַכט, וואסקאַ'ס ווייב רעוועט... כאָטש לייג זיך און שטאַרב! מיר איז שוין די ווייסע וועלט נמאס געוואָרען... זיי בארמהערציג, לאָז איהם אָב, גוטער הערר!

— וואָס ביזטו נאַריש, אָדער משוגע געוואָרען? — האָט גע־פרעגט דער דאָקטאָר, קוקענדיג אויף איהם מיט כעס: — ווי קאָן איך איהם אָבלאָזען? ער איז דאָך אַן ארעסטאַנט! אַ געפאַנגע־נער!

קירילאַ האָט גענומען וויינען.

— לאָז איהם אָב!

— פוי, טייפעל! וואָס פאר אַ רעכט האב איך איהם אָבצו־לאָזען? אַ געפענגנים־וועכטער בין איך, צו־וואָס? מען האָט איהם געבראַכט צו מיר אין שפיטאָל זיך היילען, היילֿ איך איהם, אָבער איהם אָבלאָזען האָב איך פונקט אַזאַ רעכט, ווי דיך צו ארעסטירען. נאַ־רישער קאָפּ דו!

— מען האָט איהם דאָך אָבער אומזיסט איינגעשפּארט, ביז'ן געריכט איז ער אודאי אַ יאָהר אָבגעזעסען אין געפענגנים, און איצט, פרעגט זיך, פאַר וואָס זיצט ער ווייטער? מילא, וואָלט ער כאָטש אימעצען דער'הרג'ט, אָדער, לאָמיר זאָגען, ווען ער וואָלט גע'גנב'עט פערד, אַזוי אָבער איז ער דאָך גאָר אומזיסט ארייַנגעפאַלען.

— אמת, אָבער וואָס האָט עס מיט מיר צו טהאָן?

— זיי האָבען ארייַנגעזעצט אַ פויער און ווייסען אַליין נישט פאַרוואָס. ער האָט געוועזט געהאַט ארייַנגעגאָסען, אייער וואָהלגע־באָרען, האָט גאָרנישט געדענקט, און אפילו דעם טאַטען האָט ער אייַנגעשניטען אַן אויער, זיך אַליין האָט ער אַ באַק צוריסען אויף אַ

בוים שיכורערהייד און דערנאָך האָט זיך צוויי פון אונזערע חברה־לייט פאַרוואַלט טערקישען טאַבאַק. נו, האָבען זיי איהם גענומען איינ־רעדען, ער זאָל געהן מיט זיי בייגאכט צו אַן אַרמעניער אין קראָם אריין נאָך טאַבאַק. ער, דער גולם, האט זיי געפאָלגט שכור'ערהייד. זיי זיינען אוועק צו דער קראָם, האָבען צובראָכען דעם שלאָס, זיך אריינגעקליעבען אינוועניג און גענומען זיך עסק'ען. האָבען אַלץ צור־שליידערט, די פענסטער צובראָכען, די מעהל אויסגעשאָטען. איין וואָרט — שיכורים! נו איז מסתמא באַלד געקומען דער אוריאַדניק... אהער־אַהין... מען האָט זיי אוועקגעשלעפּט צום אונטערזוכונגס־ריכטער. אַ קיילעכדיגען יאָהר זיינען זיי אָבגעזעסען אין געפענגנים, און ערשט מיט אַ וואָך צוריק, מיטוואָך, האָט מען אַלע דריי געמ'משפּט אין שטאָדט. הינטער זיי איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס... מענשען האָבען עדות געזאָגט. וואַסקאַ איז שולדיג ווייניגער פון אַלע־מען און די פריצים, די הערען הייסט עס, האָבען באַרעכענט, אַז ער איז דער הויפּט מאַכער. יענעביידע חברה־לייט האָט מען פער'משפּט צו געפענגנים און וואַסקאַ'ן צו אַרעסטאַנטסקע ראָטע אויף דריי יאָהר. אָבער פאַרוואָס? באַרעכען זיך אדרבה! פאַרוואָס קומט עס איהם?

— איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, איך האָב דערמיט גאָרנישט צו טהאָן. געה צו די ריכטער, צו די בעאַמטע.

—איך בין שוין געוועזען ביי די בעאַמטע! בין געגאַנגען אין געריכט, האָב געוואָלט אָנגעבען אַ ביט־שריפט, אָבער זיי האָבען אפילו די ביט־שריפט נישט צוגענומען. איך בין שוין געוועזען ביים פּריסטאַוו, און ביים אונטערזוכונגס־ריכטער, און יעדער זאָגט — עס איז נישט מיין עסק! הייגט וועמענס־זשע עסק איז עס פאַרט? און דאָ, אין שפּיטאָל, איז שוין קיין עלטערער פון דיר נישטאָ. וואס דו ווילסט, אייער וואָהלגעבאָרען, דאָס טהוסטו.

— ביזט אַ נאַר! — האָט דער דאָקטאָר אַ זיפץ געטהאָן — איין מאָל האָבען איהם די געשוואָרענע געפונען שולדיג און פער'משפּט, קען דאָ שוין גאָרנישט העלפען, נישט דער גובערנאַטאָר און נישט אפילו דער מיניסטער, נישט נור דער פּריסטאַוו. אומזיסט פּאַרדרעהסטו זיך דיין צייט!

— און ווער האָט עס געמשפּט?

— די הערען געשוואָרענע...

— וואָס זיינען דאָס פאר א העררן? דאָס זיינען דאָך גאָר געוועזן אונזערע אייגענע פויערים! אנדרעי גוריעוו איז דאָרט געוועזן, אליאָש־קאָ כוק איז געוועזן...

— נו, מיר איז קאַלט דאָ מיט דיר צו שטעהען און טענה'ן...

דער דאָקטאָר האָט א מאַך געטהאָן מיט א האנד און איז שנעל אוועק צו זיין טהיר. קירילאָ האָט געוואָלט געהן נאָך איהם, נור דערזעהן, ווי די טהיר האָט זיך מיט א טראַסק צוגעמאכט, איז ער שטעהן געבליבען. א מינוט צעהן איז ער אונבעוועגליך געשטאַנען אין מיטען פון שפּיטאָל־הויף און, נישט אָנטהאָנדיג דאָס היטעל, געקוקט אויף דעם דאָקטאָר'ס קוואַרטיר, דערנאָך האָט ער טיעף א זיפץ געטהאָן, האָט זיך לאַנגזאַם גענומען קראַצען און איז אוועק צום טויער.

— צו וועמען־זשע געהט מען? — האָט ער געבורטשעט, ארויס־געהענדיג אויפ'ן וועג — איינער זאָגט, — ס'איז נישט מיין עסק, א צווייטער זאָגט אויך דאָס זעלבע. טאָ וועמעס עסק איז דאָס? ניין, הפּנים, אזוי איז דאָס, ביז וואַנען דו וועסט נישט אונטערשמי־רען, וועסטו גאָרנישט מאַכען. דער דאָקטאָר רעדט, דאַכט זיך, און אליין קוקט ער מיר די גאַנצע צייט אויף די הענד: טאָמער וועל איך איהם אריינשטעקען א בלויאינקע אסיגנאציעלע. אבער, ברודער, איך וועל נאָך צום גובערנאטאָר אויך דערגעהן!

וואַקלענדיג זיך פון איין פוס אויף דער אַנדערער, און זיך אלע ווייַלע ארומקוקענדיג גאָר אָהן א פּאַרוואָס, האָט ער זיך פויל גע־שלעפּט איבער'ן וועג און, קענטיג, ארומגעקלערט, וואוהין צו געהן.

עס איז געוועזן קאַלט און דער שנעע האָט שוואַך אונטערגעסקרי־פּעט אונטער זיינע פיס. פאר איהם האָט זיך איבער'ן ווייטען בער־געל אויסגעשפּרייט דאָס קליין שטעדטעלע, וואו מען האָט נישט לאַנג גע'משפט זיין ברודער. רעכטס, האָט זיך, ווי א דונקעלער פלעק, געזעהען דאָס געפענגניס מיט'ן רויטען דאַך און מיט די בודקעס פון ביידע זייטען. לינקס איז געוועזן דער שטאָדטישער וואַלד, וועלכער איז אצינד בעדעקט געוועזן מיט אייז־טהוי. עס איז געוועזן שטיל, נור עפּעס אַן אלטינקער, אין א ווייבערשער שזופּיצע און אין א זעהר גרויסען קאַרטוז, איז געגאַנגען פאַראויס, האָט געהוסט און געשריען אויף דער קוה, וואָס ער האָט געטריעבען אין שטאָדט אריין.

— אַ גוטען, זיידוניו! — האט געזאָגט קירילאַ, ווען ער איז צוגעקומען צום אַלטען.

— אַ גוטען...

— טרייבסט עס צו פערקויפען?

— ניין, אזוי... — האט פויל געענטפערט דער אַלטער.

— ביזט א שטאָדטישער, וואס?

זיי האבען זיך צורעדט. קירילאַ האט דערצעהלט, צו וואס ער איז געוועזען אין שפּיטאָל, און וועגען וואס ער האט גערעדט מיט'ן דאָקטאָר.

— נו, געוויס, דער דאָקטאר ווייס נישט פון אזעלכע געשעפטען — האט צו איהם געזאָגט דער אַלטער, ווען זיי זיינען אריין אין שטאָדט — ער איז אפילו א פּריץ, און איז געלערענט צו היילען מיט אַלע מיטלען, אבער דיר צו געבען א ריכטיגע עצה אדער, למשל, אָנשרייבען א פּראָטאָקאָל, דאס קען ער נישט. אויף דעם זיינען פאַר־האַן גאָר אַנדערע בעאַמטע. ביי דעם פּריסטאַוו און דעם אונטער־זוכונגס־ריכטער ביזטו געוועזען? אבער יענע קענען אויך גאָרנישט אויפטהאָן אין דיין אַנגעלעגענהייט.

— וואוהין־זשע זאָל איך זיך ווענדען?

— אויף אייערע פויערשע זאכען איז דאָ נור איין מענש, וועל־כער איז אָנגעשטעלט אַלס הויפּט מיטגליעד. אָט צו איהם זאָלסטו געהען. דאס איז דער הערר סינעאָקאָוו.

— דער, פון זאָלאָטאָוו.

— נו, יא, פון זאָלאָטאָוו. ער איז ביי איך דער הויפּטמאַכער. אויב עס איז נור עפּעס דאָ, וואס געהער זיך אָן מיט אייערע זאכען, איז געגען איהם אפילו דער איספּראַווניק אויך א גאָרנישט און האט אנטקעגען איהם קיין שום פולע רעכט נישט.

— עס איז ווייט, ברודער, א גאַנצער מהלך צו געהען!.. אודאי א וויאָרסט פופצעהן, אויב נישט מעהר.

—ווער עס דאַרף, דער וועט אפילו הונדערט וויאָרסט אויך אָבגעהן.

— אזוי איז עס... איז וואס זאָל איך טהאָן, איהם דערלאַנגען א ביט־שריפט, צו וואס?

— דו וועסט שוין דאָרט אויסגעפינען. אויב דו וועסט דאַרפען

א ביט־שריפט, וועט עס דיר דער שרייבער אָנשרייבען אין איין מינוט. ביי דעם הויפט מיטגליעד איז דאָ א שרייבער.

צושיידענדיג זיך מיט'ן זיידען, איז קירילאָ געשטאַנען א ווײלע אויפ'ן מיטען וועג און איז אוועק צוריק פון שטאָדט. ער האט בע־שלאָסען זיך אוועקצולאָזען אין זאַלאַטאָוו, צום הויפט מיטגליעד.

אין א טאָג פינף ארום, ווען דער דאָקטאָר האט זיך אומגעקעהרט פון שפיטאָל צו זיך אויף דער קווארטיר, האט ער ווידער דערזעהן ביי זיך אין הויף קירילא'ן. דיעזען מאָל איז ער שוין נישט געווען אליין, נור מיט עפּעס א מאָגערן, זעהר בלייכען אלטען, וועלכער האט אָהן אַן אויפהער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווי מיט א פּערפּענדיקעל, און געזויגט מיט די ליפּען.

— אייער וואָהלגעבאָרען, איך בין ווידער געקומען צו אייער גנאָדען! — האט אָנגעהויבען קירילאָ — אָט, מיט'ן טאַטען בין איך געקומען, טהו אונז דעם גרויסען גנאָד, לאָז אָב וואסקא'ן! דער הויפט מיטגליעד האט מיט מיר אפילו נישט געוואָלט רעדען. „ארויס פון דאַנען!" — האט ער געזאָגט.

— אייער וואָהלגעבאָרען! — האט גענומען סאָפּען מיט'ן האלז דער אלטער, אויפהויבענדיג די ציטערענדע ברעמען — זייט גנעדיג! מיר זיינען אָרימע לייט, בעדאַנקען אייער כבוד קענען מיר נישט, מיר האבען נישט מיט וואס, נור אויב איהר ווילט, וועט קירילקא אדער וואסקא אייך אָבארבייטען. זאָלען זיי ארבייטען.

— מיר וועלען אָבארבייטען! — האט געזאָגט קירילאָ, אויפ־הויבענדיג די האנד אין דער הויך, אזוי ווי ער וואָלט וועלען געבען א שבועה — לאָז אָב וואסקא'ן! מיר פּגר'ן פאר הונגער! די ווייבער הערען נישט אויף צו קלאָגען, לאָז איהם אָפּ, אייער וואָהלגעבאָרען!

דער שייגעץ האט פלינק א קוק געטהאָן אויף דעם פאָטער, האט איהם א ציה געטהאָן פאר'ן ארבעל און זיי ביידע האבען זיך, אזוי ווי אויף א בעפעהל, א וואָרף געטהאָן דעם דאָקטאָר צו די פיס. יענער האט א מאַך געטהאָן מיט א האנד און, נישט ארומקוקענדיג זיך, איז ער שנעל אוועק צו זיין טהיר.

לעבעדיגע סמנים

דאס גאַסט-צימער פון שטאַאטס-ראטה שאַראָמיקין איז איינגעהילט אין אַן אנגענעהמער האלב-פינסטערניש. א גרויסער בראָנזענער לאָמפּ מיט א גרינעם קאָלפּאַק ווארפט א גרינליכען שיין אויף די ווענט, די מעבעל, די פּנים'ער... אין דעם קאַמין, וועלכער האלט אין אויסגעהן, פלאַקערט צייטענווייז אויף א האלב - פערלאָשענע שטיק האָלץ און בעלייכט די פּנים'ער מיט א פייערדיגער רויטקייט; דאס פערדארבט אבער נישט די אלגעמיינע פארבען-שעהנקייט. דער אלגעמיינער טאָן, ווי די מאהלער זאגען, איז אויסגעהאַלטען.

אויף א פאַטעל, פאר'ן קאַמין, אין דער פּאָזע פון א מענשען, וועלכער האט נור וואס אָבגעגעסען, זיצט שאַראָמיקין אליין, אַן עלטערער הערר מיט גרויע באַקענבאָרדען און זאנפטע בלויע אויגען. איבער זיין פּנים איז צוגאָסען א צערטליכקייט, די ליפּען זיינען צוזאמענגעלעגט אין אַן אומעטיגען שמייכעל. צו זיינע פיס אויף א קליין ביינקעלע, אויסגעצויגען די פיס צום קאַמין און זיך פויל ציהענדיג, זיצט דער וויצע-גובערנאַטאָר לאָפּנעוו, א פיינער מאַנספּאַרשוין פון א יאהר פערציג. ארום פיאַנאָ דרעהען זיך ארום שאַראָמיקין'ס קינדער: נינאַ, קאָליאַ, נאַדיאַ און וואַניאַ. פון דער עטוואס אָפענער טהיר, וועלכע פיהרט אין דער מאַדאַם שאַראָמיקין'ס קאַבינעט, שלאָגט זיך דורך א שוואַכער שיין. דאָרט, הינטער דער טהיר, זיצט ביי איהר שרייב-טיש שאַראָמיקין'ס פרוי, אַננאַ פּאַוולאָוונאַ, די פּאָרזיצענדע פון דעם שטאָדטיגען ווייבערשען קאָמיטעט. זי איז א לעבעדיגע, פּיקאַנטע ווייבעל פון א יאהר דרייסיג. איהרע שווארצע קאָכעדיגע אויגלאָך לויפען דורך פּענסנע איבער די בלעטלאך פון א פראנצויזישען ראָמאַן. אונטער דעם ראָמאַן ליעגט א צוקנייטשטער בעריכט פון דעם קאָמיטעט פאר'ן פערגאַנגענעם יאָהר.

— פריהער איז אונזער שטאָדט געווען א סך גליקליכער — רעדט שאראָמיקין, זשמורענדיג די זאנפטע אויגען אויף די אויסגע־הענדיגע קוילען אין קאמין — עס איז נישט אוועק קיין איין ווינטער, אז אהער זאָל נישט קומען עפּעס א בעריהמטער שטערן. עס זיינען דאָ געווען אי בעריהמטע אַקטיאָרען, אי זינגער, און היינט... דער טייפעל ווייס וואס דאס איז? אויסער קונצען־מאַכער און שאַרמאַנקע־שפּיעלער פאַרשמעקט אהער קיין לעבעדיגער מענש נישט. עס איז נישטאָ קיין שום עסטעטישער פערגעניגען... מיר לעבען, ווי אין א וואַלד. יאַ... און געדענקט איהר, אייער עקסעלענץ, יענעם איטאַ־ליענישען טראַגיקער... ווי האט ער געהייסען?.. אַט דער ברונעט, דער הויכער... לאָזט זיך מיר אקאָרשט דערמאָנען... אַך, יאָ! לואידזשי־ערנעסטאָ־דע־רודזשיעראָ... א זעלטענער טאַלאַנט... א קראַפט! ער האט געוועזט געזאָגט איין וואָרט און דאס גאַנצע טעאַטער טראָגט זיך ווי אויף רעדלאַך. מיין אַניוטקעלע האט גענומען זעהר א וואַ־רימען אַנטהייל אין זיין טאַלאַנט. זי האט איהם בעזאָרגט א טעאַ־טער ,און פערקויפט בילעטען פאר צעהן פאַרשטעלונגען... דערפאַר האט ער זי געלערנט דעקלאַמירען און שפּיעלען. א טהייערער מענש געווען! געקומען צו פאַהרען אהער איז ער... אָהן א ליעגען זאָגענ־דיג... מיט א יאָהר צוועלף צוריק... ניין, עס איז נישט ריכטיג... ווע־ניגער, מיט א יאָהר צעהן... אַניוטקעלע, ווי אַלט איז אונזער נינאַ?

— איהר געהט דאס צעהנטע יאָהר! — שרייט פון איהר קאַ־בינעט אַננאַ פּאַוולאָוונאַ — וואס איז?

— גאָרנישט, מאַמעלע, דאס האב איך נור אזוי... און גוטע זינגער פלעגען אויך אהער קומען. איהר געדענקט דעם טענאָר פּריי־ליפּטשין? וואס פאר א זיידענע נשמה פון א מענשען! וואס פאר א פּאַרשוין! א בלאָנדער... א פּנים פול אויסדרוק, פּאַריזער מאַניערען... און וואס פאר א שטימע, אייער עקסעלענץ! איין חסרון נור האט ער געהאַט: אייניגע טענער האט ער געזונגען מיט'ן בויך און דער „רע" איז ביי איהם אויך נישט ארויסגעקומען, אויסער דעם איז אַלעס געווען גוט. ביי טאַמבערלאַן'ען, האט ער געזאָגט, האט ער זיך געלערענט... איך מיט אַניוטקעלען האבען פאר איהם געקראָגען דעם זאַאַל, וואו מען האלט געוועהנליך די געזעלשאַפטליכע פערזאַמלונ־גען, און אויס דאַנקבאַרקייט פלעגט ער אונז דערפאר זינגען טעג און

נעכט... אַניוטקעלען האט ער געלערענט זינגען... געקומען אהער איז ער, איך געדענק עס נאָך ווי היינט, אין גרויסען פאָסט, מיט א יאהר... א יאהר צוועלף צוריק. ניין, מעהר... אוי, האב איך א געדעכעניש, זאָל גאָט אויסהיטען! אַניוטקעלע, ווי אַלט איז אונזער נאַדינקע?

— צוועלף יאהר!

— צוועלף... צוגעלעגט נאָך צעהן מאָנאַטען... נו, יא, אזוי איז דאס טאַקע... דרייצעהן!.. הייסט עס, ער איז דאָ געווען מיט דריי־צעהן יאהר צוריק. פריהער איז ביי אונז אין שטאָדט פיעל מעהר לע־בען געווען... אָט לאָמיר, למשל, נעהמען די וואָהלטהעטיגע אבענ־דען. וואס פאר א שעהנע אבענדען עס זיינען ביי אונז אמאָל געווען. וואס פאר א פערגעניגען! אי מען זינגט, אי מען שפּיעלט, אי מען לעזט... נאָך דער מלחמה, געדענק איך, ווי דאָ זיינען געשטאַנען גע־פאַנגענע טערקען, אַניוטקעלע האט דאָן געמאַכט אַן אבענד צו גונ־סטען פון די פערוואונדעטע. מען האט צוזאַמענגעקליבען העכער טויזענד רובעל... די טערקישע אָפיציערען, געדענק איך, זיינען געווען משוגע פאר אַניוטקעלע׳ס שטימע און האבען איהר געהאַלטען אין איין קושען די הענד. כע, כע... זיי זיינען אפילו אזיאַטען, ווילדע מענשען, פון דעסטוועגען זיינען זיי פאָרט א דאנקבארעס פאָלק. יענער אבענד האט זיך אזוי גוט איינגעגעבען, אז, איהר וועט גלוי־בען, איך האב איהם אין מיין טאָגע־בוך ארייינגעשריעבען. דאס איז געווען, ווי היינט געדענק איך עס, אין... זעקס און זיבעציגסטען... ניין! אין זיעבען און זיבעציגסטען... ניין! ערלויבט נור, ווען זיינען ביי אונז געשטאַנען די טערקען? אַניוטקעלע, וויפיעל יאהר איז אונזער קאָליעטשקען?

— מיר, פּאַפּאַ, איז זיעבען יאהר! — זאָגט קאָליא, א שווארץ־חן־עוודיג אינגעל מיט א דונקעלען פּנים און פעך־שווארצע האאר.

— יא, מיר זיינען עלטער געוואָרען און יענע ענערגיע איז שוין אויך נישטאָ!.. — גיט צו לאַפּנעוו, זיפצענדיג — אָט וואו עס ליעגט די אורזאך... עס איז די עלטער, טאַטעלע מיינער! קיין נייע איניציי־אטאָרען זיינען נישטאָ, און די אַלטע זיינען אלט געוואָרען... עס איז נישטאָ יענער פייער. איך אַליין, ווען איך בין אינגער געווען, האב פיינד געהאַט צו זעהן, אז די געזעלשאַפט לאַנגווייליגט זיך... איך בין געווען דער ערשטער ארויסהעלפער פון אייער אננא פּאוולאָוו־

נאַ'ן... צו מען האט געדארפט מאַכען אַן אַבענד מיט א וואָהלטהעטיגען צוועק, אדער א לאָטערעע, אדער שטיצען א בעריהמטהייט, וואס איז אהער געקומען — האב איך גלייך אלץ געוואָרפען און גענומען זיך ארבייטען פאר דעם. איך גערענק איין ווינטער האב איך זיך אזוי פיעל אָנגעלאָפען און אָנגע'עסק'ט, אַז איך בין אַזש קראַנק געוואָרען... איך וועל יענעם ווינטער קיינמאָל נישט פערגעסען! געדענקט איהר, וואס פאר א ספּעקטאַקעל מיר האבען געמאַכט מיט אייער אַננאַ פּאַוולאָוונאַ'ן פאר די נשרפים?

— יא טאַקע, אין וואס פאר א יאהר איז דאס געוועז?

— נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק... אין דעם ניין און זיבעציגטען... ניין, אין דעם אַכציגטען, דאַכט זיך!... ערלויבט נור, ווי אַלט איז אייער וואַניאַ?

— פינף יאהר! — שרייט אַננאַ פּאַוולאָוונאַ פון קאַבינעט.

— נו, אויב אזוי איז דאס געוועזען מיט זעקס יאהר צוריק. יא, טאַטעלע מיינער, עס זיינען געוועזען צייטען! אצינד איז שוין נישט דאס! עס איז נישטאָ יענער פייער!

לאָפּנעוו און שאַראָמיקין פערטראַכטען זיך. דאס אויסגעהענדיגע שטיק האָלץ פלאַקערט אויף צום לעצטען מאָל און ציהט זיך איבער מיט אַש.

דעם קאַפּיטאַן׳ס יוניפאָרם

די אויפגעהענדיגע זונן האט זיך געכמורעט איבער׳ן קליין שטעדטעל, די היהנער האבען זיך נאָך געצויגען פון שלאָף, בעת ביים פעטער רילקין אין שענק זיינען שוין געווען בעזוכער. עס זיינען געווען דריי זייערע: דער שניידער מערקולאָוו, דער פּאָליציסט זשראַטווא און א בעדיענטער פון באַנק סמיעכונאָוו. אלע דריי זיינען געווען שיכורלאָך.

— רייד בעסער נישט! רייד נישט! — האט ערקלערט מערקולאָוו, האַלטענדיג דעם פּאָליסמאַן פאר א קנעפּעל — דער ראַנג פון א פּריוואַט בעאַמטען, אז מען זאָל נעהמען אַזאַ, וואס שטעהט אביסעל העכער, איז פון אונזער שניידערשען שטאַנדפּונקט, א סך מעהר ווערטה און וועט צו אַלע צייטען אָבווישען די נאָז יעדען גענעראַל. לאָמיר איצט, למשל, נעהמען א קאַמערהערר... וואס איז דאס פאר א מענש? פון וואס פאר א בערוף איז ער? אָט טהו אַקאָרשט אַ רעכען... פאר זיין יוניפאָרם דאַרף מען האבען פיער אַרשין טוך פון דער בעסטער פאַבריק, קנעפּ, א גאָלדענעם קראַגען, ווייסע הויזען מיט גאָלדענע לאַמפּאַסען, די ברוסט מוז זיין אין גאַנצען אין גאָלד, אויף די לאַצען, די אַרבעל און די קליאַפּעם מוז בלישצען, אַזש עס זאָל פערנעהמען די אויגען! היינט, א שטייגער, אז מען נייהט נאָך פאר די הערדען האָף־מייסטערס, שטאַל־מייסטערס, צערעמאָניע־מייסטערס און די איבעריגע... ווי מיינסטו? איך גדענק, ווי מיר האבען גענייהט פאר דעם האָף־מייסטער גראַף אַנדרעי סעמעניטש וואָנליאַרעווסקי. א יוניפאָרם — אַ צאַצקע! דו נעהמסט איהם אָן מיט דיינע הענד און דער פּולס אין דיינע אָדערן קלאַפּט — ציק! ציק! אמת׳ע פּריצים, אז זיי נייהען זיך עפּעס, איז צו זיי נישט צוצוקומען, וואָג זיי נישט צו בעאונרוהיגען. האָסט גענומען אַ מאָס, טאָ נייה,

אבער געהן אָנמעסטען און צופּאַסען, דאס טאָר מען בשום אופן נישט. אויב דו ביזט עפּעס א ריכטיגער שניידער, טאָ געה און מאַך גלייך נאָך דער מאָס נאָך... כאָטש שפּרינג פון דאַך, קריך אויף אלע פיער, אבי מאַך. אָט ווי איהר הערט!

— איך געדענק, ברודער, ווי נעבען אונז איז געשטאַנען א מי־ליטערישער קאָרפּוס... אונזער בעל הבית אָסיפּ יאַקליטש פלעגט אויס־קלייבען צווישען די זשאַנדאַרען אַזעלכע, וואס זיינען מיט זייער פיגור עהנליך געווען צו דעם באַשטעלער און זיי הייסען קומען אָנמעסטען די פּריצישע קליידער. נו, איז איין מאָל אזוי געווען... מיר, גוטער ברודער, האבען אויסגעקליבען פאר דעם גראַף'ס יוניפאָרם עפּעס איינעם, א פּאַסענדען זשאַנדאַר'ל. מען האט איהם גערופען... טהו אָן, פּאַסקודניאַק, און פיהל!... עס איז געווען וואס צו זעהען! ער האט אָנגעטהאָן, אָט, דער איינגער, די יוניפאָרם, האט א קוק גע־טהאָן אויף דער ברוסט — און וואס מיינט איהר! ער איז פערגלי־ווערט געוואָרען, וויסטו, ער האט זיך גענומען טרייסלען, ווי א פיש, און איז געפאַלען אין חלשות, צו דער ערד...

— און פאר איספּראַווניקעס האט איהר גענייהט? — האט גע־פרעגט סמיעכונאָוו.

—ע־ווא, א וויכטיגער פויגעל! אין פעטערבורג קוקט מען זיך אויף איספּראַווניקעס אום ווי אויף הינט... דאָ נעהמט מען פאר זיי די היטעל אראָב, און דאָרט שרייט מען אויף זיי — „מאַך א וועג, וואס האָסטו זיך אוועקגעשטעלט, ווי א פלאָקען!" מיר האבען גע־נייהט פאר אָפיציערען און גענעראַלען און פאר הערען פון די ער־שטע פיער קלאַסען. פון איין הערר ביז'ן אנדערן איז א גרויסער אונ־טערשיעד... אויב דו, למשל, געהערסט צום פינפטען קלאַס — דאַן ביזטו גאָרנישט, א נעכטיגער טאָג... מען הייסט דיר קומען אין א וואַך ארום און פטור — וואָרים אויסער דעם קראַגעלע און די מאַנ־זשעטקעס, האָסטו גאָרנישט... אבער ווען עמעצער געהערט צום פיער־טען קלאַס, אדער דעם דריטען, אדער גאָר צום צווייטען, דאָ קוקט שוין דער הבית אַלעמען אין די צייהן אריין און לויפט אין קאָר־פּוס נאָך א פּאַסענדער פיגור. איין מאָל האבען מיר, גוטער ברודער, גענייהט פאר'ן פּערסישען קאָנסול, האבען איהם אָנגענייהט אויף דער ברוסט און אויפ'ן רוקען גאָלדענע בויגעלאַך אויף גוטע אנדער־

האַלבען טויזענדער. מיר האבען געמיינט, אז ער וועט נישט בעצאָהלען; אבער ניין, ער האט אַלעס אָבגעגעבען, בעצאָהלט... אין פּעטערבורג איז אפילו ביי די טאָטערען אויף פּאַרהאַן עדעלקייט.

מערקולאָוו האט נאָך לאַנג, לאַנג דערצעהלט פון די אַמאָליגע גליקען. א זייגער ניין, האט ער, אונטער דעם איינפלוס פון די ערינערונגען, זיך צואווייגט און געגומען קלאָגען אויף זיין ביטערען מזל, וועלכער האט איהם פערטריעבען אין א קליין שטעדטעלע, וואו עס געפינען זיך נור סוחרים און פּשוט'ע בירגער.

דער פּאָליסמען האט שוין צוויי זייערע אָבגעפיהרט אין צירקעל, דער באַנק בעדיענטער איז שוין צוויי מאָל געווען אוועקגעגאנגען אויפ'ן פּאָסט און אין באַנק און איז ווידער געקומען, און מערקולאָוו האָט זיך נאָך אַלץ בעקלאָגט. מיטאָג־צייט איז ער געשטאַנען פאר דעם דיאַקאָן, האָט זיך געשלאָגען מיט די קולאַקעס אין ברוסט און גערעדט:

— איך וויל נישט נייהען פאר די כאַמעס, די גראָבע יונגען! איך דאַרף נישט! אין פּעטערבורג האָב איך אליין מיט מיינע אייגענע הענד געניידט פאר דעם באַראָן שפּוצעל, פאר די הערן אָפיציערען! געה אַוועק פון מיר, דו לאַנג־פּאָלעדיגע באַשעפעניש, זאָלען דיך מיינע אויגען כאָטש נישט אָנקוקען! געה! געה אַוועק!

— איהר טראַכט צו פיעל פון זיך, טריפאָן פּאַנטאַליעאַיטש, און רייסט צו הויך דעם קאָפּ — האָט פערזיכערט דער דיאַקאָן דעם שניידער — איהר זייט אפילו אַן ארטיסט אין אייער צעך, אָבער גאָט און די רעליגיאָן דאַרפט איהר נישט פערגעסען. גאָט בעשטראָפט דעם, וואָס פעררייסט הויך די נאָז. זעהט, היט זיך!

— נו, זאָל מיך גאָט בעשטראָפען! זאָל איך בעסער שטאַרבען, איידער נייהען די פויערשע בורקעס!

— מיין שטן מקטרג איז דאָ? — האָט זיך פּלוצים דערהערט הינטער די טהיר א ווייבערשער קול, און אין שענק איז אריין מערקולאָוו'ס ווייב, אַקסיניאַ, אַן עלטערע פרוי מיט פערקאַשערטע ארבעל און א פערצווינגענעם בויך: — וואו איז ער, דער טרפה'נער ביין — זי האָט געוואָרפען א צאָרניגען בליק אויף די ארומיגע בעזוכער — אהיים געה, די קישקעס זאָלען דיר ארויס, דאָרט פרעגט זיך אויף דיר עפּעס אַן אָפיציער!

— וואָס פאַר אַן אָפיציער? — האָט זיך פערוואונדערט מער־קולאָוו.

—דער שד ווייס איהם! ער זאָגט, ער איז געקומען מאַכען אַ באַשטעלונג.

מערקולאָוו האָט מיט אַלע זיינע פינף פינגער אַ קראַץ געטהאָן זיין גרויסע נאָז, וואָס ער האָט געטהאָן יעדעס מאָל, ווען ער האָט געוואָלט אויסדריקען אַ שטאַרקע פערוואונדערונג, און האָט ארויסגע־שמאַמעלט:

— די אַלטע האָט זיך איבערגעפרעסען אָדער איז פון זינען אַראָב... פופצעהן יאָהר האָב איך קיין ריכטיגען, עדעלען פּנים אין מיינע אויגען נישט אָנגעזעהען און פּלוצים, היינט, אין אַ תענית־טאָג — קומט אַן אָפיציער מיט אַ בעשטעלונג! הם!... מען דאַרף געהן אַ קוק טהאָן...

מערקולאָוו איז ארוים פון שענק און, שאָקלענדיג זיך אויף די פּיס, האָט ער זיך גענומען שלעפּען אהיים... דאָס ווייב האָט איהם נישט גענאַרט. נעבען שוועל פון זיין שטיבעל האָט ער דערזעהען דעם קאַפּיטאַן אורטשאַיעוו.

— וואו שלעפּסטו זיך דאָס ארום? — האָט איהם באַגעגענט דער קאַפּיטאַן — אַ גאַנצע שטונדע, אַז איך וואַרט... קענסט מיר אויפנייהען אַ יוניפאָרם?

— אייער וואָהלגעבאָרען... גאָטוניו! — האָט גענומען שטאַמ־לען מערקולאָוו, ווערגענדיג זיך מיט די רייד און אַראָבּרייסענדיג פון זיין קאָפּ דאָס היטעל צוזאַמען מיט אַ זשמוט האָאַר — אייער וואָהלגעבאָרען! שוין־זשע איז עס מיר צום ערשטען מאָל? אַך גאָטעניו! איך האָב גענייהט פאַר דעם באַראָן שפּוצעל... פאַר עדוּ־אַרד קאַרליטש'ען... דער הערר פאַרוטשיק זעמבולאַטאָוו איז מיר נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג שולדיג צעהן רובעל. אַך! ווייב, דערלאַנג דאָך זייער וואָהלגעבאָרען אַ שטוהל, גאָט זאָל מיך שטראָפען... וועט איהר בעפעהלען אָראָבנעהמען אַ מאָס, אָדער איהר וועט הייסען כייהען פון קוק?

— נו, אַלזאָ... מיט דיין טוך און אין אַ וואָך ארום זאָל עס מיר זיין פאַרטיג... וויפיעל ווערסטו דערפאַר נעהמען?

— גאָט איז מיט אייך, אייער וואָהלגעבאָרען... וואָס רעדט

איהר — האָט אַ לאַך געטהאָן מערקולאָוו — איך בין דאָך נישט עפּעס אַ סוחר׳ל. מיר פערשטעהען שוין, ווי מיט הערן אומצוגעהן... ווען מיר האָבען פאַרן פּערסישען קאָנסול גענייהט, האָט מען זיך אויך נישט בעדונגען...

אראָבגענומען פון קאַפּיטאַן אַ מאָס און בעגלייט איהם, איז מערקולאָוו אַ גאַנצע שעה געשטאַנען אין מיטען שטוב און מיט טעמפּע אויגען געקוקט אויף דער ווייב. עס האָט זיך איהם נישט געגלויבט...

— זאָג, אדרבה, וואָס איז דאָס עפּעס פּלוצים פאַר אַ בהלה!

— האָט ער אויפ׳ן סוף ארויסגעבורטשעט — וואו־זשע וועל איך נעהמען געלד אויף טוך? אקסיניא, לייה מיר, גוטער ברודער, אויף אַ קורצער צייט דאָס געלד, וואָס דו האָסט אָבגענומען פאַר דער קוה!

אקסיניא האָט איהם געוויזען אַ פייג און האָט אַ שפּיי געטהאָן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי געאַרבייט מיט דער קאָטשערע, האָט איבער׳ן מאַנ׳ס קאָפּ געבראָכען טעפּ, האָט איהם געשלעפּט פאַר דער באָרד, איז ארויסגעלאָפען אין גאַס מיט אַ געשריי: „ראַטעוועט, ווער עס גלויבט אין גאָט! ער האָט מיך דער׳הרג׳עט!”... אָבער די אַלע דאָזיגע טענות און געשרייען האָבען גאָרנישט געהאָלפען.

אויף מאָרגען אין דער־פריה איז זי געלעגען אין בעט און האָט בעהאַלטען פון די פּועלים איהרע סיניאַקעס, און מערקולאָוו איז געגאַנגען איבער ,י קראָמען און זידלענדיג זיך מיט די סוחרים, האָט ער אויסגעקליעבען די פּאַסענדע געוואַנד.

פאַרן שנײַדער איז אײַנגעטראָטען אַ נייעס לעבען. אויפכאַפּענדיג זיך אין דער־פריה און ארומגעקוקט מיט מוטנע אויגען זיין קליין וועלטעל, האָט ער שוין מעהר נישט געשפּיגען מיט האַס און פּעראַכטונג... און וואָס איז נאָך וואונדערליכער פון אַלץ, ער האָט אויפגעהערט צו געהן אין שענק און זיך פּערנומען מיט דער אַרבייט. אָבגעזאָגט זיין געבעט אין דער שטיל, האָט ער אָנגעטהאָן זיינע גרויסע שטאָהלענע ברילען, אָנגעכמורעט דעם שטערן און מיט אַ הייליגער בעגייסטערונג גענומען אויסלייגען דאָס געוואַנט אויפ׳ן טיש.

אין אַ וואָך ארום איז דאָס יוניפאָרם פערטיג געוואָרען. איהם אויסגעפּרעסט, איז מערקולאָוו ארויס אויף דער גאַס, האָט איהם אויפ־

געהאַנגען אויפ'ן פּאַרקאַן און גענומען רייניגען; נעהמט אַראָב אַ שטויבעלע, געהט אָב עטליכע טריט, זשמורעט זיך מיט אָנגעשטרענגטע אויגען אויף דעם יוניפאָרם און נעהמט ווידער אַראָב אַ שטויבעלע און אַזוי אַ שעה צוויי נאָכאַנאַנד.

— עס איז צרות מיט די דאָזיגע הערר'ן! — זאָגט ער צו די פאַר־בייגעהער — איך האָב שוין נישט מיינע אַמאָליגע קרעפטען, בין שוין אויסגעמאַטערט! געה אָקאָרשט, שטעל צופריעדען די געבילדעטע, די עדעלע הערר'ן!...

אויף דעם צווייטען טאָג נאָך דער דאָזיגער רייניגונג, האָט מער־קולאָוו אויסגעשמירט דעם קאָפּ מיט אויל, האָט זיך פערקאַמט, איינגע־וויקעלט דעם יוניפאָרם אין אַ נייעם שטיק קאַלענקאָר און איז אוועק צום קאַפּיטאַן.

— איך האָב נישט קיין צייט צו רעדען מיט אַזאַ גלאָמפּ, ווי דו ביזט! — האָט ער אָבגעשטעלט יעדען פאַרבייגעהער — שוין־זשע זעהסטו נישט, אַז איך טראָג אַ יוניפאָרם פאַר'ן קאַפּיטאַן?

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט ער זיך צוריק געקעהרט פון קאַ־פּיטאַן.

— נו, געקראָגען? זאָל זיין אַ גוטער אָנהויב טריפאָן פאַנטאַ־ליעאיטש! — האָט איהם מיט אַ ברייטען שמייכעל און עטוואָס פאַר שעהמט באַגעגענט אַקסיניא.

— נו, אַ בהמה בלייבט אַ בהמה! — האָט איהר געענטפערט דער מאַן — שוין־זשע בעצאָהלען ריכטיגע הערר'ן גלייך, אויפ'ן אָרט? דאָס איז דאָך נישט עפּעס אַ סוחר'ל, וועלכער נעהמט און שיט דיר אויס דאָס גאַנצע געלד אויף איין מאָל! בהמה!...

צוויי טעג איז מערקולאָוו אָבגעלעגען אויפ'ן אויווען, האָט נישט געטרונקען, נישט געגעסען און זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו אַ געפיהל פון גליק און זעלבסט בעפרידיגונג, פּונקט אַזוי ווי הערקו־לעס, נאָכדעם, ווי ער איז בעגאַנגען אַלע זיינע העלדען טהאַטען. אויפ'ן דריטען טאָג איז ער אוועק נאָך זיין געצאָהלט.

— זייער וואָהלגעבאָרען איז שוין אויפגעשטאַנען? — האָט ער אַרויסגעשעפּצעט, אַריינקריכענדיג אין פאַרצימער און זיך ווענ־דענדיג צום דענשציק.

און דערהערט, אז ניין, האט ער זיך, ווי א זייל אוועקגעשטעלט נעבען פריטעלקע און גענומען ווארטען.

— טרייב איהם אין קארק! הייס איהם קומען שבת! — האָט ער נאָך א לאנגען ווארטען דערהערט דעם הייזעריגען געשריי פונ׳ם קאַפּיטאַן.

דאָס זעלבע האָט ער געהערט שבת, איין שבת, דערנאָך א צוויי־טען, א דריטען... א גאנצען מאָנאט איז ער געגאנגען צום יקאַפּי־טאַן, איז דאָרט אָבגעזעסען לאנגע שטונדען אין פּאָרצימער און אנ־שטאָדט געלד האָט ער בעקומען די זעלבע ענטפערם: אָבצוטראָגען זיך צו אַלדי שווארץ יאָהר און קומען שבת. ער אָבער איז ביי זיך נישט אראָבגעפאלען, האָט זיך נישט בעקלאָגט, פארקעהרט... ער איז זאָגאר דיקער געוואָרען. דאָס לאנגע ווארטען אין פּאָרצימער איז איהם געפעלען און דער „טרייב איהם אין קארק!” האָט אין זיינע אויערען געקלונגען, ווי זיסע מוזיק.

— מען קען גלייך דערקענען אן ערעלען מענשען! — האָט ער געטראכט מיט התפעלות יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך פון קאַפּיטאַן אומגעקעהרט אהיים: — ביי אונז אין פּעטערסבורג זיינען אַלע גע־ווען אזעלכע...

ביז אין טויט אריין וואָלט מערקולאָוו מרוצה געווען אזוי צו געהן צום קאַפּיטאַן און ווארטען אין פּאָר־צימער, ווען נישט אקסיניא, וועלכע האָט געפּאָדערט צוריק דאָס געלד, וואָס זי האָט אָבגענומען פאר דער קוה.

— האָסט געבראכט געלד? — האָט זי איהם באגעגענט יעדעס מאָל — ניין? וואָס מאכסטו פון מיר, דו משוגענער הונד איינער? הא?... מיטקא, וואו איז די קאָטשערע?

איין מאָל אין א פארנאכט איז מערקולאָוו געגאנגען פון מארק און געשלעפּט אויפ׳ן רוקען א זאק מיט קוילען. הינטער איהם האָט זיך געאיילט אקסיניא.

— ווארט, ווארט, איך וועל דיר שוין געבען ניסלאך צו קנאַ־קען אין דערהיים! ווארט — האָט זי געבורטשעט, טראכטענדיג וועגען די געלד, וואָס זי האָט געקראָגען פאר דער קוה.

פּלוצים האט זיך מערקולאָוו אָבגעשטעלט, ווי אַן איינגעגראָבע־נער און האָט ארויסגעלאָזט אַ פּריידיגען געשריי.

פון טראַקטיר „פּרעהליכקייט", פּארביי וועלכען זיי זיינען גע־גאנגען, איז ארויסגעלאָפען עפּעס אַ הערר אין אַ ציליגדער, מיט אַ רויטן פּנים און שיכורע אויגען. נאָך איהם האט זיך געיאָגט דער קאַ־פּיטאַן אורטשאיעוו מיט אַ שטעקען אין האנד, אָהן אַ היטעל, אַ צושויבערטער. זיין נייעס יוניפאָרם איז געווען אין גאנצען אויסגע־שמירט אין קרייד, איין שליפע האָט געקוקט אָן דער זייט.

— איך וועל דיך צווינגען צו שפּיעלען, שולער! — האָט גע־שריען דער קאַפּיטאַן, מאַכענדיג מיט רוגזה מיט'ן שטעקען און ווי־שענדיג דעם שוויים פון'ם שטערן: — איך וועל דיר שוין אויסלערנען, בעסטיע דו, ווי צו שפּיעלען מיט אַנשטענדיגע מענשען!

— קוק אָן, בהמה איינע! — האָט געשעפּצעט מערקולאָוו, טורקענדיג די ווייב אונטער'ן עלענבויגען און קוועלענדיג פאר נחת: — מען דערקענט גלייך דעם עדעלמאַן... אַ סוחר, אַז ער וועט זיך שוין עפּעס אויפנייהען פאר זיין פויערשען פּרצוף, וועט ער עס ניט דערלעבען אויסצוטראָגען, צעהן יאָהר נאַכאנאַנד שלעפּט ער עס אויף זיך, און דער האָט שוין אויסגעטראָגען דאָס יוניפאָרם! כאַטש זעץ זיך און נייה אַ נייעם!

— געה, בעט ביי איהם געלד! — האָט געזאָגט אַקסיניאַ — געה!

— וואָס רעדסטו, בהמה? אויפ'ן גאַס? זאָל מיך גאָט אויס־היטען....

וויפיעל מערקולאָוו האט זיך נישט געראַנגעלט דאַנגעגן, עס האָט איהם גאָרנישט געהאָלפען, דאָס ווייב האָט איהם געצוואונגען צו צוגעהן צום צוויישטען קאַפּיטאַן און בעטען געלד.

— טראָג זיך אָב פון דאַנען! — האָט איהם געענטפערט דער קאַפּיטאַן — דו האָסט מיר דערעסען!

— איך, אייער וואָהלגעבאָרען, פערשטעהע אַליין... מיך הארט נישט... אָבער דאָס ווייב... די נארישע באַשעפעניש... איהר ווייס דאָך אַליין, וואָס פאר אַ שכל קען זיין ביי זייער ווייבערשער פאָראָדע...

— מען זאָגט דאָך דיר, אַז דו האָסט מיר דערעסען! — האָט

גענומען רעווען דער קאַפּיטאַן, גלאָצענדיג אויף איהם מיט זיינע שיכורע, מוטנע אויגען: — טראָג זיך אָב, וואַן!

— איך פערשטעה, אייער וואָהלגעבאָרען! נור איך רייד דאָ מכוח דער ווייב, ווייל דאָס געלד, דארפט איהר וויסען, איז קעלבערנע געלד... דעם פאָטער יודע האָט מען די קוה פערקויפט...

— דו־דו־דו!... וועסט נאָך טענה'ן, נאַ דיר!

דער קאַפּיטאַן האָט זיך פערמאָסטען און — טראַך! פון מערקולאָוו'ס רוקען האָבען זיך אראָבגעשאָטען די קוילען, פון די אויגען האָבען גענומען פליהען פונקען, פון די הענד איז דאָס היטעל ארויסגעפאַלען...

אקסיניא איז פערגליווערט געוואָרען... א מינוט איז זי געשטאַנען אונבעוועגליך, ווי לויט'ס ווייב, וועלכע איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין א זייל פון זאַלץ, דערנאָך איז זי אוועק פאָראויס און האט מיט מורא א קוק געטהאָן דעם מאַן אין פנים אריין... צו איהר גרויסער פערוואונדערונג, האָט אויף מערקולאָוו'ס פנים געשוועבט א בעגייסטערטער שמייכעל און אין די לאַכעדיגע אויגען האָבען געבלישטשעט טרעהרען...

— אָט דאָס זיינען טאַקע אמת'ע, ריכטיגע העררן! — האָט ער געשטאַמעלט — מענשען עדעלע, געבילדעטע... פונקט אזוי ווי אין האָאָר, פלעגט זיין אַמאָל... איבער דעם אייגענעם אָרט, ווען איך פלעג טראָגען א פוטער צום באַראָן שפּוצעל, צו עדואַרד קאַליטש'ן... פלעגען זיי זיך פאַרמעסטען און — טראַך! און דער הערר זעמבולאַטאָוו אויך אַזוי... געקומען צו זיי, ערשט זיי גיעבען דאָס א שפּרונג און פאַרפאָהרען דיר מיט אַלע קרעפטען אין מאָרדע אריין... עך, ווייב, אוועק איז שוין מיין צייט! דו פערשטעהסט עס נישט! אוועק איז מיין צייט!

מערקולאָוו האָט א מאַך געטהאָן מיט א האַנד און, אויפגעקליעבען די קוילען, האָט ער זיך אוועקגעשלעפּט אהיים.

דער מאַן

דער נ.—סקער רעגימענט, געהענדיג אויף די מאַנעווערעס, האָט זיך אָבגעשטעלט נעכטיגען אין דאָס קליין שטעדטעל ק. אזא פּאַסי־רונג, ווי דאָס אָפּשטעלען זיך איבער א נאַכט פון די העררן אָפיציערען, איז א גאַנצער יום טוב ביי די איינוואוינער. די קרעמער חלום'ען וועגען פערקויפען זייער אַלטע, פערשימעלטע וואורשט און די „סאַמע בעס־טע" סערדינקעלאַך, וועלכע ליעגען שוין אויף פּאָליצעס אודאי, א יאָהר צעהן. די בעלי הבתים פון טראַקטירען און די איבעריגע גע־שעפטסלייט האַלטען זייערע געשעפטען אָפען א גאַנצע נאַכט; דער מיליטערישער הויפּטלינג, זיין אויסהעלפער, און דאָס גאַנצע שטאָדטי־שע מיליטער טהוען אָן זייערע בעסטע יוניפאָרמען; די פּאָליציי־לייט לויפען ארום, ווי פער'סם'טע, און ביי די דאַמען טהוען זיך גאָר אָב מעשים!

דערהערט, אז דער רעגימענט קומט אָן, האָבען די דאַמען פון ק. געוואָרפען זייערע הייסע שיסלען מיט איינגעמאַכטס און זיינען ארויסגעלאָפען אויף דער גאַס, פארגעסענדיג, אז זיי זיינען נישט אָנ־געטהאָן און צושויבערט, אָטהעמענדיג שווער און מיט א קלאַפּענדי־גען הארצען זיינען זיי געלאָפען אַנטקעגען דעם רעגימענט און האָבען מיט שטאַרקער הנאה זיך צוגעהערט צו די טענער פון מאַרש. קוקענ־דיג אויף זייערע בלייכע, בעגייסטערטע פּנים'ער, האָט מען געקענט מיינען, אז די דאָזיגע טענער טראָגען זיך נישט פון סאָלדאַטסקע טרו־בעס, נור פון הימעל.

דער רעגימענט! — האָבען זיי גערעדט מיט פרייד — דער רעגימענט געהט!

און אויף וואָס, פרעגט זיי, האָבען זיי אזוי נויטיג געדאַרפט דעם אונבעקאַנטען רעגימענט, וועלכער האָט צופעליג פארבלאָנדזשעט

אַהער, און וועלכער וועט מאָרגען פאַרטאָג שוין ווידער אַוועק?

ווען די אָפיציערען זיינען שפּעטער אַ ווײַלע געשטאַנען אין מיטען סקווער און האָבען בעהאַנדעלט די פראַגע מכח דעם היינטיגען נאַכטלעגער, זיינען די דאַמען געזעסען ביי דער פרוי פון אונטערזוכונגסריכטער און האָבען אַלע אין איינעם געקריטיקירט דעם רעגימענט. זיי האָבען שוין, איין גאָט ווייס פון וואַנען, געוואוסט, אַז דער קאָמאַנדיר איז פערהייראַט, נור ער לעבט נישט מיט דער ווייב, אַז ביי דעם עלטסטען אָפיציער ווערען אַלע יאָהר געבאָרען טויטע קינדער, אַז דער אַדיוטאַנט איז האָפנונגסלאָז פערליעבט אין אַ געוויסער גרעפין און האָט שוין אפילו איין מאָל געוואָלט באַגעהן זעלבסטמאָרד. געוואוסט האָבען זיי אַלעס, אַלעס.

ווען הינטער די פענסטער האָט זיך אַ מיניע געטהאָן אַ ראַבער סאָלדאַט אין אַ רויטען העמד, האָבען זיי גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס איז דער דענשציק פון פּאָרוטשיק רימזאָוו און אַז ער לויפט עס אַזוי איבער דער שטאָדט זוכענדיג צו קריגען אויף באָרג ענגלישען שנאַפּס פאַר זיין הערר. די אָפיציערען האָבען זיי נור געזעהן פאַרבייגעהענדיג און אויך בלויז זייערע רוקענס. אָבער די דאַמען האָבען שוין בעשלאָסען, אַז צווישען זיי, די אָפיציערען, הייסט עס, איז נישטאָ קיין איין שעהנינקער אָדער אינטערעסאַנטער מאַן... אויסגערעדט זיך זייערע הערצער, האָבען זיי געשיקט רופען דעם מיליטערישען הויפּטלינג און די מאַכער פון קלוב און האָבען זיי בעפוילען נישט אַנדערש ווי צו פעראַנשטאַלטען אַ טאַנץ־אָבענד.

זייער פערלאַנג איז ערפילט געוואָרען.

א זייגער ניין אין אבענד האט אין גאַס פאַר׳ן קלוב געטרעמבענצט אַ מיליטערישער אָרקעסטער, און אין קלוב גופא האבען די העררן אָפיציערען געטאַנצט מיט די דאַמען פון נ. די דאַמען האבען זיך געפיהלט, ווי זיי וואָלטען פלוצים געקראָגען פליגלען. פערשיכור׳טע פון דעם טאַנצען, דער מוזיק און דעם קלאַנג פון די שפּאָרעס, האבען זיי זיך מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען צו דער צופעליגער בעקאַנטשאַפט און האבען פערגעסען אָן דער גאַנצער וועלט. זייערע פאַזיערס און מענער, וועלכע האבען איצט ביי זיי קיין שום פּנים נישט געהאַט, האבען זיך ארומגעדרעהט אין פאָרצימער נעבען דעם מאָגערן בופעט. די דאָזיגע אַלע קאַסירער, סעקרעטאַרען און

אויפזעהער, פער'שכור'טע, גילדען־אָרדערדיגע און אונגעלומפּערטע, האבען גאַנץ גוט פערשטאַנען זייער נישטיגקייט און זיינען נישט אריין אין זאַאל. פון ווייטען נור האבען זיי א בליק געוואָרפען אויף זייערע ווייבער און טעכטער, וועלכע האבען געטאַנצט מיט די לעבעדיגע און שלאַנקע אָפיציערען.

צווישען די מענער האט זיך געפונען אן אַקציזנער, קיריל פּעט־ראָוויטש שאַליקאָוו, א שיכור'ע, בעשרענקטע און שלעכטע באַשעפע־ניש, מיט א גרויסען, געשאָרענעם קאָפּ און מיט פעטע, ארונטערגע־האַנגענע ליפען. אמאָל האט ער בעזוכט אן אוניווערסיטעט, האט גע־לעזען פּיסאַרעוו'ן, דאָבראָליובאָוו'ן, געזונגען ליעדער, און היינט האט ער געזאָגט וועגען זיך, אז ער איז אן אַסעסאָר און מעהר גאָרנישט. ער איז געשטאַנען, אָנגעלעהנט אָן דער פּריטעלקע, און האט נישט אראָבגענומען די אויגען פון זיין ווייב.

זיין ווייב, אננא פּאַוולאָוונא, א קליינע ברונעטקע פון א יאָהר דרייסיג, מיט א לאַנגער נאָז און שפּיציגער מאָרדע, אָן אָנגעפּודערטע און פארשנורעוועטע, האט געטאַנצט אָהן אָברוה, אָהן אָטהעם. דאס טאַנצען האט זי מיעד געמאַכט, אבער אויסגעמאַטערט איז זי געווען נור מיט'ן קערפּער, אבער נישט מיט דער נשמה... איהר גאַנצע פיגור האט אויסגעדריקט ענטציקען און פרייד. איהר ברוסט האט גע־שטורעמט, אויף די באַקען האבען געשפּיעלט רויטע פארבען, אלע איהרע בעוועגונגען זיינען געווען שמאַכטענדע און לייכטע; עס איז קענטיג געווען, אז טאַנצענדיג, האט זי זיך אָן איהר פערגאַנגענהייט דערמאָנט, אָן דער לאַנגער פערגאַנגענהייט, ווען זי האט געטאַנצט אין אינסטיטוט, און פון א רייך, פרעהלאַך לעבען געטרוימט, און פון דעם, אז איהר מאַן וועט אונבעדינגט זיין א באַראָן אדער א פירסט.

דער אַקציזנער האט אויף איהר געקוקט און זיך געקנויטשט פאר כעס... קיין אייפערזוכט האט ער נישט געפיהלט, נור איהם איז אונ־אָנגענעהם געווען, וואס ערשטענס, איז צוליעב די טענץ ניטאָ וואו צו שפּיעלען אין קאָרטען, צווייטענס, האט ער נישט געקענט אויס־שטעהן קיין מיליטערישע מוזיק; דריטענס, האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז די הערען אָפיציערען בענעהמען זיך צו שטאָלץ, פון אויבען אראָב, מיט די פּריוואַט־בירגער; פיערטענס, און דאס איז געווען דער

עיקר, האט איהם אויפגעבראכט און צורייצט דער אויסדרוק פון גליקזעליגקייט אויף זיין ווייב'ס פּנים...

— ס'איז מיאוס צו קוקען! — האט ער געבורטשעט — אזא שקאפּע, שוין באלד פיערציג יאָהר אלט, האט נישט קיין פּנים און נישט קיין אויסזעהן, זי האט זיך אויך אָנגעפּודערט, אָנגעפריזירט, א קאָרסעט אויף זיך ארויפגעשלעפּט! קאָקעטירט, מאכט חן'דלאך און רעדט זיך איין, אז ביי איהר קומט דאס אלעס זעהר שעהן ארויס... אך, א וואונדער, ווי שעהן איהר זייט!

אננא פּאוולאָוונא האט זיך אזוי היגנעריסען מיט'ן טאנצען, אז זי האט אפילו קיין איין מאָל זיך נישט אומגעקוקט אויף איהר מאַן.

—נו, אודאי, ווי קומען מיר, פּויערים, צו זיי! — האט פערביסען געטראכט דער אקציזנער — אצינד זיינען מיר די לעצטע... מיר, די קליינשטעדטעלדיגע נאראָנים, די בערען! און זי איז די קעניגין פון'ם באל; זי האט זיך דאך נאך אויף אזוי פיעל איינגעהאלטען איהר שעהנקייט, איהר יוגענד, אז אפילו אָפיציערען קענען זיך נאך מיט איהר אינטערעסירען. ווער וויים, אפשר נאך פערליעבען אויך...

אין דער צייט, וואס זיי האבען געטאנצט די מאזורקע, האט זיך דעם אקציזנער'ס פּנים צוקרימט פאר רציחה. א שווארצער אָפיציער מיט אויסגעפּוטשעטע אויגען און ארויסגעשטארצעטע באקען־ביינער, ווי ביי א טאָטער, האט געטאנצט די מאזורקע מיט אננא פּאוולאָוונא'ן. ער האט געארבייט מיט די פיס ערנסט און מיט געפיהל, מאַכענדיג א שטרענגען פּנים און האט אזוי אויסגעדרעהט די קניע, אז ער איז עהנליך געווען צו א הילצערנעם מענשעלע, וועלכען מען ציהט פאר א שטריקעל.

און אננא פּאוולאָוונא, א בלאסע און א ציטערענדע, אויסבויגענדיג די טאליע און מאכענדיג חן'דעלאך מיט די אויגען, האט געמאכט א מינע אזוי ווי זי וואלט זיך גארנישט אָנגעריהרט אָן דער ערד און, וואהרשיינליך, האט זיך איהר אליין טאקע געדאכט, אז זי איז נישט אויף דער ערד, נישט אין דעם קליינשטעדטעלדיגען קלוב, נור ערגעץ וואו ווייט־ווייט אין די וואָלקענס! נישט נור דאס פּנים אליין, נור דער גאנצער קערפּער איהרער האט אויסגעדריקט גליקזעליגקייט...

דער אקציזנער האט עס שוין מעהר נישט געקענט אריבערטראָגען;

איהם האָט זיך פערוואָלט חוזק מאַכען פון דער דאָזיגער גליקזעליג־קייט, געבען צו פיהלען אננא פּאוולאָוונאַ'ן, אז זי האט זיך פארגעסען, אז דאס לעבען איז גאָרנישט אזוי וואונדער־שעהן, ווי עס דאכט זיך איהר אוים איצט אין איהר בעגייסטערטען צושטאנד...

— וואַרט אוים, איך וועל דיר באַלד ווייזען, ווי גליקזעליג צו שמייכלען! — האט ער געבורטשעט — דו ביזט נישט קיין אינסטי־טוטקע, נישט קיין יונג מיידעלע. אזא אַלטע פערזעהעניש דאַרף פער־שטעהן, אז זי איז א פערזעהעניש!

קליינליכע געפיהלען פון קנאה, פערדרוס, בעליידיגטער אייגענ־ליעבע און קליינשטעדטעלדיגען מענשען־האַס — די אַלע קליינליכע געפיהלען, וועלכע באהערשען געוועהנליך דעם קלענערן בעאַמטען צו־ליעב דעם ביטערען טראָפּען און דעם שטענדיגען זיצען אויף איין אָרט — האבען זיך, ווי מייזלאַך, גענומען ריהרען אין איהם... דערוואַרט זיך אויפ'ן שלום פון דער מאַזורקע, איז ער אריין אין זאַאל און גע־נומען געהן צו דער ווייב. אננא פּאוולאָוונא איז אין דער צייט געזע־סען מיט איהר קאוואַליער און זיך פאַכענדיג מיט'ן פּאַכער, האט זי קאָקעטיש געזשמורעט די אויגען און דערצעהלט, ווי זי האט אַמאָל גע־טאַנצט אין פּעטערבורג.

— אניוטא, לאָמיר געהן אהיים! — האט ארויסגעברומט דער אקציזנער.

דערזעהן פאר זיך דעם מאַן, האט אננא פּאוולאָוונא צוערשט זיך א טרייסעל געטהאָן, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט, אז זי האט א מאַן, דערנאָך האט זי זיך אין גאנצען אָנגעצונדען: עס איז איהר געווען א חרפּה, וואס זי האט פאר א מאַן אזא פער'שיכור'טען, פינסטערען, געוועהנליכען מענשען...

— לאָמיר געהען אהיים! — האט נאָך אַמאָל געזאָגט דער אק־ציזנער.

— צו וואס? עס איז דאָך נאָך אזוי פריה!

— איך בעט דיך, זאָלסט געהן אהיים! — האט געזאָגט דער אק־ציזנער, ציהענדיג די ווערטער און מאַכענדיג א בייז פנים.

— צו וואס? האט דען עטוואס פּאַסירט? — האט געפרעגט אננא פּאוולאָוונא אונרוהיג.

— עס האט גאָרנישט פּאַסירט, נור איך פערלאַנג, אז דו זאָלסט

געהן אהיים... איך פערלאַנג און דאס אַלעס, און איך בעט דיך, אָהן איבעריגע רייד, קום און טענה נישט.

אננא פּאווּלאָוונא האט נישט מורא געהאט פאר איהר מאַן, זי האט זיך אבער געשעהמט פאר׳ן קאוואַליער, וועלכער האט פערוואונדערט און שפּאָטיש געקוקט אויף דעם אַקציזנעם. זי האט זיך אויפגעהויבען און איז אוועק מיט׳ן מאַן אָן א זייט.

— וואס פאלט דיר איין? — האט זי אָנגעהויבען — נאָך וואס זאָל איך געהן אהיים? עס איז דאָך נאָך פאר עלף?

— איך וויל אזוי, און באסטא! געה, זיי מוחל — און דאס אַלעס.

— הער אויף אויסצוטראכטען אזעלכע נארישקייטען! געה אליין, אויב דו ווילסט.

— נו, וועל איך דיר מאכען א סקאַנדאַל!

דער אַקציזנער האט געזעהן, ווי דער אויסדרוק פון גליקזעליגקייט איז ביסלאַכווייז פערשוואונדען פון דער ווייב׳ס פּנים, ווי זי האט זיך פערשעהמט און געליטען — און איהם איז עפּעס ווי גרינגער געוואָרען אויף׳ן הארצען.

— צו וואס דארפסטו מיך פּלוצים אזוי נויטיג האבען? — האט געפרעגט דאס ווייב.

— איך דארף דיך נישט האבען, נור איך וויל, אז דו זאָלסט זיצען אין דער היים. איך וויל, דאס אַלעס!

אננא פּאוולאָוונא האט נישט געוואָלט אפילו הערען דערפון. דערנאָך האט זי זיך גענומען בעטען ביים מאַן, ער זאָל איהר כאָטש לאָזען בלייבען נאָך א האַלבע שטונדע; דערנאָך אַליין נישט וויסענדיג פארוואס, האט זי זיך ענטשולדיגט, געשוואָרען — און דאס אַלעס מיט א שמייכעל, אז דער עולם זאָל חס ושלום נישט מיינען, אז ביי איהר מיט׳ן מאַן געהט פּאָר עפּעס א קריעג. זי האט גענומען פערזיכערען, אז זי וועט נישט לאַנג בלייבען, נור צעהן מינוט, נו, כאָטש פינף מינוט; אבער דער אַקציזנער האט זיך איינגעשפּארט און נישט געוואָלט נאָכגעבען.

— קענסט בלייבען, אויב דו ווילסט! אבער איך וועל מאכען א סקאַנדאַל!

און ריידענדיג אַצינד מיט׳ן מאַן, האט זיך אננא פּאוולאָוונא׳ס

פּנים אויסגעצויגען, זי איז מאָגערער און עלטער געוואָרען. א בלייכע, בייסענדיג די ליפּען און שיעור נישט וויינענדיג, איז זי אוועק אין פאָרצימער און זיך גענומען אָנטהאָן...

— וואוהין קלייבט איהר זיך? — האבען זיך געוואונדערט די דאַמען פון ק. — אננאַ פּאוולאָוונאַ, טהייערענקע, וואוהין אזוי פריה?

— דער קאָפּ טהוט איהר וועה — האט פאר דער ווייב געענטפערט דער אקציזנער.

ארויסגעהענדיג פון קלוב, זיינען מאַן און ווייב געגאַנגען שווייגענדיג ביז צום סאַמע הויז. דער אקציזנער איז געגאַנגען הינטער דער ווייב און, קוקענדיג אויף איהר איינגעבויגענע, דערשלאָגענע און ערנידעריגטע פיגור, האט ער זיך דערמאָנט אָן איהר גליקזעליגקייט, וואס האט איהם אזוי צורייצט אין קלוב, און דאס בעוואוסטזיין, אז קיין גליקזעליגקייט איז שוין מעהר ניטאָ, האט אָנגעפילט זיין הארץ מיט א זיגערישען געפיהל. ער האט זיך געפרעהט, איז געווען צופריעדען, אין דער זעלבער צייט האט איהם עפּעס געפעהלט און עס האט זיך איהם געוואָלט צוריקקעהרען אין קלוב און מאַכען אזוי, אז אלעמען זאָל ווערען אומעדיג און ביטער, אז אלע, אלע זאָלען דערפיהלען, ווי נישטיג און קליין דאס לעבען איז... אָט געהסטו אין דער פינסטער איבער דער גאַס און הערסט, ווי עס כליפּעט אונטער די פיס די בלאָטע און דו ווייסט, אז דו וועסט זיך אויפכאַפּען מאָרגען אין דער פריה — און אין דיין לעבען וועט וויעדער גאָרנישט זיין, אויסער בראַנפען און קאָרטען! אָך, ווי שרעקליך דאס איז!

און אננאַ פּאוולאָוונאַ האט זיך קוים געשלעפּט... זי איז נאָך אין גאַנצען געווען אונטער דעם איינדרוק פון די טענץ, דער מוזיק, די געשפּרעכען, דעם גלאַנץ און טומעל; זי איז געגאַנגען און זיך געפרעגט: פאַרוואס האט איהר גאָט אזוי שטאַרק געשטראָפט? איהר איז געווען ביטער, שווער און ענג פאר האַס, מיט וועלכען זי האט זיך צוגעהערט צו דעם מאַן'ס שווערע טריט. זי האט געשוויגען און זיך געסטאַרעט, אויסצוטראַכטען עפּעס א גראָבען, הארטען און גיפטיגען וואָרט, מיט וועלכען צו דערנעהמען דעם מאַן; אין דער זעלבער

צייט האט זי געפיהלט, אז איהר אקציזנעם וועט מען נישט דורכ־נעהמען מיט קיינע ווערטער אין דער וועלט. וואס פאר א בעדייטונג האבען פאר איהם ווערטער? קיין מעהר הילפלאָזען צושטאנד וואָלט דער ערגסטער שונא אפילו נישט געקענט אויסטראכטען.

און די מוזיק האט דערווייל געטומעלט און די פינסטערקייט איז פול געוועו מיט טאנצענדיגע, אויפרייצענדע קלאנגען...



די פּאַלאַטע נומער זעקס

אויפ'ן שפּיטאַל־הויף שטעהט א קליינער צוגעבויטער פליגעל, ארומגערינגעלט מיט א גאנצען וואלד פון ווילדע פלאנצען, פון קראַ־פּיווע און ווילדע קאָנאָפּליעס.

דער דאַך איז א פערזשאווערטער, דער קוימען האלב איינגעפאַ־לען, די טרעפּען ביים גאַניק זיינען צופוילט און פערוואקסען מיט גראָז און פון דער אמאָליגער שטוקאטור זיינען פערבליבען בלויז סמנים.

מיט דער פאָרדערזייט שטעהט ער צום שפּיטאָל און מיט דער הינטערזייט קוקט ער ארויס אויפ'ן פעלד, פון וועלכען ער איז אָפּ־געצוימט מיט א גרויען שפּיטאָל־פּארקען, וואָס איז בעשלאָגען מיט טשוועקעס. די דאָזיגע טשוועקעס, וואס שטעקען דאָרט מיט די שפּי־צען ארויף, און דער פּארקאַן, און דער פליגעל אין גאנצען טראָגען אויף זיך יענעם בעזונדערען פערשאָלטענעם חושך, וואס איז צוגעפּאסט אויף אלע שפּיטאָל־געביידעס און טורמעס אין רוסלאנד.

אויב נור איהר האט ניט מורא אָפּצובערענען זיך אָן דער קראַ־פּיווע, קומט מיט מיר, זייט מוחל, איבער דעם דאָזיגען שמאָלינקען וועגעלע, וואס לויפט צום פליגעל, און מיר וועלען א קוק טהאָן, וואס טהוט זיך דאָרט אינוועניג.

געעפענט די ערשטע טהיר, טרעטען מיר אריין אין פירהויז. דאָ ארום די וואנד און ארום דעם אויוון ליגען גאנצע קופּעס פון אלט־וואַרג, ארויסגעוואָרפען פון שפּיטאָל: מאטראצען, אלטע, צוריסענע כאלאטען, הויזענס, העמדער מיט בלויע שטרייפען, אויסגעטראָגענע שיך, — דער דאָזיגער גאנצער חורבן איז אָנגעווארפען אין קופּעס, איז צודרעהט, צופלאָנטערט, פוילט און לאָזט פון זיך א גערוך צום דערשטיקט צו ווערען.

אויף דעם דאָזיגען בראָך ליעגט תמיד דער וועכטער ניקיטאַ מיט א פּיפּקע אין'ם מויל.

ניקיטאַ איז אַן אַלטער, אויסגעדיענטער סאָלדאַט מיט אָבגע־קראָכענע שליפעס. דער פּנים איז ביי איהם א בייזער, א פער'שכור־טער, מיט אָנגערוקטע ברעמען און מיט א רויטער נאָז. ער איז קליינ־געוויקסיג, מאָגער, פול מיט אָדערען, האַלט זיך אבער שטרענג און פערמאָגט א פּאאר געזונדע פויסטען.

ער געהערט צו יענעם מין פון נאאיווע, איבערגעגעבענע, גע־האַרכזאַמע און טעמפּע מענשען, וואס האבען ליעב אָרדנונג מעהר פון אַלעס אויף דער וועלט און גלויבען דערפאר באמונה שלמה, אַז קלעפּ איז דער בעסטער מיטעל, אויפצוהאַלטען אָרדנונג. ער שלאָגט, וואו עס מאַכט זיך — איבער'ן פּנים, איבער'ן רוקען, איבער דער ברוסט, שלאָגט און גלויבט, אַז אָהן דעם וואָלט דאָרט קיין אָרדנונג ניט געקענט זיין.

פון דאָרט טרעט איהר אריין אין א גרויסען, גרוימען צימער, וואס פערנעהמט דעם גאַנצען פליגעל, חוץ דאס פירהויז.

די ווענד זיינען דאָ פערשמירט מיט א שמוציג־בלויער פארב, דער סופיט פעררויכערט, ווי אין א שענק, קאָנטיג, אַז ווינטער רויכע־נען דאָ די אייוועננס און עס איז טשאַדנע.

די פענסטער פון אינווענינ זיינען פערשלאָגען מיט אייזערנע גראַטעס.

די פּאָדלאָגע איז גרוי, פול מיט שפּאַלטען. עס שטינקט מיט זויערען קרויט, מיט צושמאָלצענע חלב'נע ליכט, מיט וואַנצען און מיט נאָך עפּעס שווערעס, און דער דאָזיגער געשטאַנק מאַכט אויף אייך דאס ערשטע מאָל אַן איינדרוק, אזוי ווי איהר וואָלט אין א טהיר־גאָרטען אריין.

אין'ם צימער שטעהען בעטען, צוגעשמידטע צו דער פּאָדלאָגע. אויף זיי זיצען און ליגען מענשען אין בלויע שפּיטאָל־כאַלאַטען און אין נאַכטמיצלאַך, ווי אין דער אַלט־פרענקישער צייט. דאס זיינען משוגעים.

פינף נפשות זייערע זיינען דאָ. בלויז איינער פון דעם אדעל־קלאַס, די איבריגע אַלע פון'ם בירגער־קלאַס.

דער ערשטער פון דער טיר, א הויכער, אויסגעטרוקענטער מאַן

מיט געלע, גלאַנציגע וואָנצעס און פערוויינטע אויגען, זיצט אונטער־געשפּאַרט דעם קאָפּ, און קוקט אין איין פּונקט. טאָג און נאַכט טרויערט ער, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, זיפצענדיג און שמייכלענדיג ביטער. זעלטען ווען ער רעדט אויס אַ וואָרט און פרעגט איהר איהם עפּעס, ענטפערט ער ניט געוועהנליך. ער עסט און טרינקט מעכאַניש, ווען מען גיט איהם. לויט זיין פּייגליכען, שטיקענדיגען הוסט, זיין אויס־געטריקענטקייט און די רויטע פלעקען אויף זיין פּנים איז קענטיג, אַז ביי איהם הויבט זיך אָן צו ענטוויקלען די שווינדזוכט.

דער צווייטער פון איהם איז אַ קליינציקער, לעבעדיגער, זעהר בעוועגליכער אַלטינקער מיט אַ שפּיציג גרוי בערדעל און מיט שוואַר־צע, געקרויזטע האאר, ווי ביי אַ ניגער.

בייטאָג שפּאַצירט ער ארום איבער דער פּאַלאַטע פון איין פענ־סטער צום אַנדערן אדער זיצט זיך אויף זיין בעט מעשה טערק, מיט די פיס אונטער זיך, און אָהן אויפהער פייפט ער, פייפט און זינגט אין דער שטיל, און שטיקט זיך פאר געלעכטער. זיין קינדערשע פרעה־ליכקייט, זיין לעבעדיגען כאַראַקטער וויזט ער ארויס ביינאַכט אויך, בעת ער שטעהט אויף, אום גאָט צו בעטען, דאס הייסט צו קלאַפּען זיך מיט די פויסטען אין דער ברוסט אריין אדער אַ פורקע צו טהאָן מיט אַ פינגער אין דער טיר.

דער דאָזיגער איז אַ איד, אַן אמאָליגער קירזשנער, מיט'ן נאָמען משה'קע; ער האט זיך פון'ם זינען געריהרט אַ יאהר צוואַנציג צוריק, בעת עס האט ביי איהם אָבגעברענט זיין ווערקשטאַט, וואו ער האט זיינע היטלען געאַרבייט.

פון אַלע תושבים פון דער פּאַלאַטע נומער זעקס איז בלויז איהם איינעם ערלויבט ארויסצוגעהן אַמאָל פון'ם פליגעל און אַמאָל אפילו פון הויף אויף דער גאַס ארויס. די דאָזיגע פּריווילעגיע האט ער שוין לאַנג, מסתמא דערפאַר, ווייל ער איז אַן אַלטער תושב פון'ם שפּיטאָל און ווייל ער איז אַ שטילער, אונשעדליכער אַלטינקער, דער שטאָדט־משוגענער, וועלכען מען איז שוין געוועהנט געוואָרען צו טרעפען אויף די גאַסען, ארומגערינגעלט פון קונדסים און הינט.

אין זיין כאַלאַט, אין זיין משונה'דיגען נאַכטמיצעל און אין שטעק־שיך, אַמאָל בארפוס און אָהן הויזען אפילו, געהט ער איבער

די גאַסען, שטעלט זיך אָפּ נעבען די טויערען און קראָמען און בעט אַ קאָפּיקע.

אין איין פּלאַץ גיט מען איהם אַביסעל קוואַס, אין אַ צווייטען — אַ שטיקעל ברויט, אין אַ דריטען — אַ קאָפּיקע, אַזוי, אַז געוועהנליך קעהרט ער זיך אום צוריק אין פליגעל אַריין אַ זאַטער און אַ רייכער. אַלעס, וואָס ער ברענגט מיט זיך, נעהמט ביי איהם אַוועק ני־קיטאַ פאַר זיך. טהאָן טהוט עס דער סאָלדאַט גראָב, מיט כעס, קעהרט אוים ביי איהם די קעשענעס און שווערט זיך מיט טויטע שבועות, אַז מעהר לאָזט ער שוין ניט דעם אידען אויף דער גאַס אַרויס, אַז אונאָרדנונג איז פאַר איהם ערגער פון אַלעס אויף דער וועלט.

משה'קע האַט ליעב צו בעדיענען. זיינע חברים טראָגט ער אונ־טער וואַסער, דעקט זיי צו, בעת זיי שלאָפען, און יעדען פון זיי פער־שפּרעכט ער צו ברענגען פון דער גאַס אַ קאָפּיקע און אויפנייהען אַ נייע היטעל; דעם שכן זיינעם פון דער לינקער זייט, וועלכער איז פּאַ־ראַליזירט, קאָרמעט ער מיט'ן לעפעל. ער טהוט עס ניט מחמת רחמנות אָדער מחמת אַנדערע הומאַנע געפיהלען, נור מחמת ער טהוט נאָך זיין שכן פון דער רעכטער זייט גראָמאָוו'ן, אונטער וועמענס איינ־פלוס ער געפינט זיך ניט ווילענדיג.

איוואַן דמיטריש גראָמאָוו, אַ מאַן פון אַ יאָהר דריי־ און דריי־סיג, פון אָדעל־קלאַס, אַ געוועזענער בעאַמטער, ליידעט פון פערפאָל־גונגס־מאַניע.

אָדער ער ליעגט אויף דער בעט, צונויפגעדרעהט ווי אַ בייגעל, אָדער ער געהט אַרום פון איין ווינקעל אין אַנדערן, ווי צוליעב בעווע־גען זיך, זעהר זעלטען זיצט ער.

ער איז תמיד צורייצט, אויפגערעגט און אָנגעשטרענגט פון עפּעס אַ דונקעלער, אונבעשטימטער ערוואַרטונג. דער מינדסטער גערויש אין פירהויז, דער מינדסטער געשריי אויפ'ן־הויף צאַפּעלט איהם אויף. גלייך הויבט ער אויף דעם קאָפּ און הערט זיך איין: צו געהט מען עס ניט נאָך איהם? צו ניט איהם זוכט מען עס? און זיין פּנים דריקט אוים בעת דעם אַ מורא'דיגע אונרוהיגקייט און חלשות.

מיר געפעלט זיין פּנים מיט די אויסגעשטאַרצטע באַקען־ביינער, וואָס איז תמיד בלייך און אונגליקלאַך, און אויף וועלכען עס דריקט

זיך אָפּ, ווי אין א שפּיגעל, זיין נשמה, וואס איז אויסגעמאַטערט פון נאָכאַנאַנדיגען קאַמפּף, פון שטענדיגען פּחד.

זיינע העוויות זיינען משונה'דיג און קרענקליך; אבער די דינע שטריכען, וואס די טיפע, אמת'ע יסורים האבען אויף זיין פּנים אוועקגעלייגט, דריקען אוים שכל און אינטעליגענץ און אין זיינע אויגען שיינט א ווארימער, געזונדער גלאַנץ.

ער געפעלט מיר אין גאַנצען. ער איז העפליך, אונגעוועהנליך דעליקאַט אין זיין בענעהמען זיך געגען יעדען, אויסער געגען ניקי־טא'ן. פאלט ביי עמיצען ארונטער א קנעפּעל אדער א לעפעל, שפּרינגט ער שנעל ארונטער פון דער בעט און הויבט אויף. יעדען אין־דער־פריה בעגריסט ער זיינע חברים מיט א גוט־מאָרגען און ביינאכט פאר'ן שלאָפען געהן ווינשט ער זיי, גוט־נאכט.

אויסער זיין שטענדיגען אָנגעשטרענגטען צושטאנד און משונה־דיגע העוויות, דריקט זיך נאָך אוים זיין משוגעת אין דעם: אמאָל אין מיטען דער נאכט נורעט ער זיך איין אין זיין כאלאט'ל און, ציטערענ־דיג מיט'ן גאַנצען קערפּער און קלאפּענדיג מיט די ציינער, הויבט ער אָן שנעל צו שפּרייזען פון איין ווינקעל אין אנדערן און צווישען די בעטען. עס דאכט זיך, ווי א שטארקע קדחת וואָלט איהם געמאַ־טערט.

פון דעם, ווי ער בלייבט מיט אמאָל שטעהן און קוקט אויף זיינע חברים, איז קאָנטיג, אז איהם ווילט זיך זיי זאָגען עפּעס זעהר וויכ־טיגעס, אבער, הפּנים, מיישב געוועזן זיך, אז זיינע ווערטער וועלען זיין ארויסגעוואָרפען, אז מען וועט איהם ניט הערען, ניט פערשטעהן, טהוט ער אונגעדולדיג א וואָרף מיט'ן קאָפּ און שפּרייזט ווייטער.

אבער דער חשק צו ריידען נעהמט באלד די אויבערהאַנד איבער זיינע אַנדערע אויסרעכענונגען, און ער הויבט אָן צו ריידען, רעדט היים און ליידענשאפטליך.

די ווערטער פון זיין מויל שטראָהמען ארוים אין אונאָרדנונג, פיעבעריש, ווי ער וואָלט פון היץ געערעדט, און ניט אלע מאָל קען מען פערשטעהן, וואס ער רעדט, דערפאר אבער פיהלט איהר תמיד סיי אין זיין קול און סיי אין זיינע ווערטער עפּעס זעהר עהרליכעס און אויפריכטיגעס.

ערשט בעת ער רעדט דערקאָנט איהר אין איהם א משוגענעם

און א מענשען. עס איז שווער איבערצוגעבען אויפ'ן פּאַפּיר זיינע משוגענע רייד. ער רעדט וועגען דער מענשליכער פערדאָרבענהייט, וועגען דער גראָבער ווילקיר, וואס דריקט און שטיקט דעם אמת, וועגען דעם הערליכען לעבען, וואס וועט מיט דער צייט זיין אויף דער ערד, וועגען די אייזערנע גראַטעס פון די פענסטער, וואס דערמאָנען איהם נאָכאנאנד אָן דער טעמפּקייט און פערביסענקייט פון די שטיי־קערס און דריקערס. און זיינע ווערטער קלינגען ווי אָהן־א־סדר צו־נויפגעשטעלטע פּאָפּורי פון אַלטע, אבער נאָך ניט געענדיגטע ליעדער.

2.

מיט א יאָהר 12—15 צוריק האט אין דער דאָזיגער שטאָדט, אויף דער הויפּט־גאַס, געוואוינט אין זיין אייגענעם הויז דער בעאַמ־טער גראָמאָוו, א סאָלידער און רייכער מענש. ער האט געהאט צוויי זיהן: סערגעי און איוואַן.

בעת סערגעי איז געווען א סטודענט פון פערטען קורס, איז ער קראַנק געוואָרען אויף דער האַלאָפּירענדער שווינדזוכט און איז גע־שטאָרבען, און דער דאָזיגער טויט איז געווען דער אָנהויב פון א גאַנ־צער רייהע פון אונגליקען, וואס האבען זיך מיט אמאָל א שאָט גע־טהאָן אויף גראָמאָוו'ס פאַמיליע. אין א וואָך ארום נאָך סערגעי'ס לויה האט מען דעם אַלטען גראָמאָוו'ן, דעם טאַטען, פערקלאָגט פאר פאַלשע אונטערשריפטען און אויסגעבען רעגירונגס־געלדער און אין גי־בען איז ער געשטאָרבען אין דעם טורמע־שפּיטאָל פון א טיפוס. דאס הויז און די גאַנצע בעל הבית'ישקייט זיינען פערקויפט געוואָרען פון אקציאָן, און דער זוהן איוואַן מיט זיין מוטער האבען זיך אָבגעשטעלט אָהן שום מיטלען.

פריהער, בעת זיין פאָטער האט געלעבט, האט איוואַן, וואוינענ־דיג אין פעטערסבורג, וואו ער האָט זיך געלערענט אין אוניווערסי־טעט, געהאַט געקראָגען 60—70 רובעל יעדען מאָנאַט און האָט ניט געוואוסט, וואָס נויט הייסט; איצט איז איהם מיט אמאָל אויסגעקו־

מען צו ענדערען זיין לעבען אין גאַנצען. פון אין דער פריה ביז ביינאַכט האָט ער געמוזט געבען גראָשענע לעקציאָנען, אָננעהמען זאַכען צום איבערשרייבען און דאָרט הונגערען, ווייל כמעט זיין גאַנצען פערדיענסט האָט ער אָפּגעשיקט זיין מאַמע'ן, אום זי זאָל ניט הונגערען.

אזא לעבען האָט איוואַן ניט אויסגעהאַלטען; ער האָט דעם מוטה פערלאָרען, געוואָרפען דעם אוניווערסיטעט און איז אַוועקגעפאָהרען אהיים.

דאָ, אין זיין שטאָדט, האָט ער דורך פּראָטעקציאָן געקראָגען א לעהרער־שטעלע אין דער שטאָדטישער שוהלע, האָט אָבער ניט געקאָנט אויסקומען מיט די אַנדערע לעהרער, איז ניט געפעהלען געוואָרען די שילער און דער סוף איז געווען, ער האָט שנעל געוואָרפען די שטעלע.

זיין מאַמע איז געשטאָרבען. ער איז ביי א האַלב־יאָהר ארומגעגאַנגען אָהן א שטעלע, האָט געלעבט בלויז מיט ברויט און וואַסער, דערנאָך האָט ער געקראָגען די שטעלע פון א געריכטס־בעאַמטען.

די דאָזיגע שטעלע האָט ער געהאַט ביז ער איז קראַנק געוואָרען.

ער האָט קיינמאָל, אפילו אין זיינע יונגע סטודענטישע יאָהרען, ניט געמאַכט דעם איינדרוק פון א געזונדען מענשען.

ער איז אַלע מאָל געווען בלייך, מאָגער, האָט געדאַרפט מורא האָבען פאַר א פערקיהלונג, האָט ווייניג געגעסען און שלעכט געשלאָפען. עס איז גענוג געווען, ער זאָל אויסטרינקען איין גלעזעלע וויין, אַז דער קאָפּ זאָל זיך ביי איהם פערדרעהען און ער זאָל היסטעריש ווערען.

עס האָט איהם תמיד געצויגען צו מענשען, אָבער מחמת זיין צורייצטען כאַראַקטער און מחמת דעם, וואָס ער האָט שטענדיג פערדעכטיגט אַנדערע, האָט ער זיך מיט קיינעם נאָהענט ניט בעפריינדעט און האָט קיין פריינד ניט געהאַט.

וועגען זיינע שטאָדטיגע האָט ער תמיד גערעדט מיט פעראַכטונג, זאָגענדיג, אַז די גראָבע עם הארצות זייערע און זייער פערשלאָפען טהירישע לעבען קאָן ער ניט אריבערטראָגען. גערעדט האָט ער מיט א טענאָר הויך, מיט פייער, און אַלע מאָל אָדער אויפגעבראַכט און ענט־

ריסטעט, אָדער בעגייסטערט און פערוואונדערט, אָבער תמיד עהרליך און אויפריכטיג.

ווענען וואס מען זאָל מיט איהם ניט נעהמען ריידען, האט ער שטענדיג דעם געשפרעך ארויפגעבראכט אויף איינס: אין שטאָדט שטיקט, לאַנגווייליג צו לעבען, ביי דער געזעלשאפט זיינען ניטאָ קיין העכערע אינטערעסען, זי פיהרט אַן אונזיניג, דונקעל לעבען, איהרע אינטערעסען זיינען ווילקיר, גראָבע אויסגעלאַסענקייט, פאַלש־קייט און חניפה. די פערדאָרבענע מענשען זיינען זאט און בעקליי־דעט, און די עהרליכע קומען אָפּ מיט ברעקלאַך; מען דארף האָבען שוה־לען, אַן אָרטיגע צייטונג מיט אַן עהרליכער ריכטונג, אַ טהעאַטער, עפענטליכע פאָרלעזונגען, אַ פעראייניגונג פון אינטעליגענטע קרעפ־טען; מען מוז, אַז די געזעלשאפט זאָל זיך דערקאָנען און זאָל פער־ציטערט ווערען.

פאַר זיינע מיינונגען ווענען מענשען האָט ער געברויכט גרדיכטע פאַרבען, אדער גאָר ווייסע אדער גאָר שווארצע, קיין נואַנסען האט ער ניט אַנערקענט; די מענשהייט איז ביי איהם צוטהיילט געווען אויף עהרליכע און ניעדערטרעכטיגע; קיין צווישען איז ניט געווען. ווענען פרויען און ליעבע האָט ער תמיד גערעדט ליידענשאפטליך, מיט התלהבות, אָבער איז קיינמאָל ניט געווען פערליעבט.

אין דער שטאָדט, ניט קוקענדיג אויף זיינע שאַרפע מיינונגען און נערוועזיטעט, איז ער בעליעבט געווען און הינטער די אויגען האָט מען איהם גערופען פריינדליך מיט'ן לאַסקענדיגען נאָמען וואַניא.

זיין איינגעבאָרענע עדעלקייט, גוטהערציגקייט, אַנשטענדיגקייט, מאָראַלישע ריינקייט און זיין אויסגעטראָגענער רעקעל, זיין קרענק־ליך אויסזעהן און די פאַמיליען־אונגליקען האָבען צו איהם ארויסגע־רופען װאַרימע און רחמנות'דיגע געפיהלען; חוץ דעם, איז ער טאַקי געווען אַ פיין געבילדעטער יונגער מאַן אויף אַ גוט בעלעזענער, האָט געוואוסט, לויט דער מיינונג פון די שטאָדט־מענשען, אַלעס און ער איז געווען פאַר אַלעמען אין דער שטאָדט אַ מין לעבעדיגער ווערטער־בוך, וואו מען האָט געקאָנט אויסגעפינען אַלע זיעבען זאַכען.

געלעזען האָט ער זעהר אַ סך. פלעגט אַלץ זיצען אינ'ם קלוב, געצופּט נערוועז דאָס בערדעל און געבלעטערט די זשורנאַלען און ביכער; און נאָך זיין פּנים נאָך האָט מען געקאָנט זעהן, אַז ניט נור

ער לעזט, נור ער שלינגט, ניט האָבענדיג קיין צייט אפילו עס צו־קייען ווי געהעריג איז. מען דאַרף אָננעהמען, אז דאָס לעזען איז ביי איהם געווען איינע פון זיינע קרענקליכע געוועהנהייטען, וואָרום מיט דעם זעלביגען ברען האָט ער זיך געכאַפּט לעזען אַלעס, וואָס נור עס האָט זיך איהם אונטער דער האַנד געמאַכט, אפילו פאַר־אַ־יאָהריגע צייטונגען און קאַלענדארען. אין דער־היים האָט ער אַלע מאָל געלעזען ליגענדיג.

3.

איינמאָל אין יעסינדיגען פריהמאָרגען איז איוואַן דמיטריטש געגאַנגען צו עפּעס א שטאָדטישען בעל הבית, אום איינצומאָהנען פאַר איינעם געלד, וואָס דאָס געריכט האָט געהאַט יענעם צוגע־פסקנ'ט.

ער איז געגאַנגען, אָנגעשטעלט דעם קראַגען פון זיין אויבער־ראָק און שליאָפּענדיג אין קויט, איבער די הינטערגעסלאַך און הינטער־הויפען.

אויפ'ן הארצען איז איהם געווען שווער, ווי אַלע מאָל אין־דער־פריה.

אויף איינעם פון די הינטערגעסלאַך האָט ער אָנגעטראָפען צוויי ארעסטאַנטען אין קייטען, געפיהרט פון פיער סאָלדאטען מיט ביקסען.

פריהער האָט איוואַן דמיטריטש אויך זעהר אָפט געטראָפען ארעסטאַנטען און יעדעס מאָל האָבען זיי אין איהם רחמנות געוועקט, היינט אָבער האָט די דאָזיגע בעגעגעניש געמאַכט אויף איהם גאָר עפּעס א בעזונדערען מאָדנעם איינדרוק. איהם איז פּלוצים עפּעס איינגעפאַלען, אז איהם קאָן מען אויך שמיעדען אין קייטען און אזוי פיהרען איבער די קויטיגע גאַסען אין טורמע אריין.

געהענדיג צוריק פון דעם שטאָדטישען בעל הבית צו זיך אהיים, האָט ער אויפ'ן וועג נעבען דער פּאָסט געטראָפען א בעקאַנטען פּאָ־ליציי־אויפזעהער, וועלכער האָט זיך מיט איהם געגריסט און איהם

בעגלייט עטליכע טריט. דאָס האָט זיך איהם עפּעס אויסגעוויזען זעהר פערדעכטיג.

אין דער־היים דערנאָך האָט ער אַ גאַנצען טאָג געטראַכט וועגען די אַרעסטאַנטען און די סאָלדאַטען מיט די ביקסען, זיי זיינען ביי איהם פּשוט פון זינען ניט ארויס, און ער איז אַזוי אונרוהיג גע־וואָרען, אַז ער האָט ניט געקאָנט ניט לעזען און ניט טראַכטען וועגען עפּעס אַנדערש.

פאַרנאַכט האָט ער ביי זיך קיין פייער נישט אָנגעצונדען און ביי־נאַכט האָט ער נישט געשלאָפען און אַלץ געטראַכט וועגען דעם, אַז מען קאָן איהם אַרעסטירען, שמיעדען און אריינזעצען אין טורמע.

אמת, ער האָט ביז היינט קיין שום פערברעכען ניט בעגאַנגען און איז זיכער, אַז שפּעטער וועט ער אויך קיינעם נישט ערמאָרדען, נישט אונטערצינדען און נישט גנב'ענען; איז דען אָבער שווער צו בעגעהן אַ פערברעכען ניט ווילענדיגערהייט? אָדער גאָר עפּעס אַ בילבול אונ־געריכטערהייט? און מאַכט זיך דען ניט אַמאָל אַ געריכטליכער טעות? ניט אומזיסט זאָגט אַ פאָלקס־ווערטעל, אַז פון דער בעטעל־טאָרבע און פון דער טורמע איז מען קיינמאָל נישט בעוואָרענט.

ביי די היינטיגע געריכטס־פּראָנדקעס איז זעהר נאַטירליך צו מאַכען אַ געריכטליכען טעות. די מענשען, וואָס קומען אין בעריהר־רונג, לויט זייער אַמט און פּראָפעסיאָן, מיט פרעמדע ליידען, למשל, ווי ריכטער, פּאָליציי־לייט, דאָקטוירים, געוועהנען זיך מיט דער צייט אַזוי צו צו מענשליכע ליידען, אַז גאָר נישט ריהרט זיי שוין נישט מעהר, און זיי פערהאַלטען זיך צו די ליידענדע נישט אַנדערש, ווי פּאָרמעל; אין דיעזער הינזיכט אונטערשיידען זיי זיך לגמרא, ניט פון דעם פויער, וואָס קוילעט דעם באַראַן און קאַלב און בעמערקט ניט דערביי קיין בלוט.

ביי דעם דאָזיגען פּאָרמעלען, געפיהללאָזען פערהאַלטען זיך צו דעם מענשען, אום אַז אַ פּערזאָן זאָל פערליערען אַלע איהרע מענש־ליכע רעכט און זאָל פערשיקט ווערען אויף קאַטאָרגע, איז פאַר'ן ריכטער נויטיג איינס: צייט. בלויז צייט אויף צו ערפילען די אָדער יענע פאָרגעשריעבענע פּאָרמאַליטעטען, פאַר וועלכע מען צאָהלט דעם ריכטער געהאַלט, און דערנאָך — אַלעס געענדיגט. נעה זוך דערנאָך יושר און שוץ אין דעם דאָזיגען שמוציגען קליין־שטעדטעלע,

צוויי הונדערט וואָירסט פון א באַהן! און איז דען בכלל ניט נאַריש צו טראַכטען וועגען גערעכטיגקייט, ווען אויף יעדען גוואַלד־אַקט קוקט די געזעלשאַפט, ווי אויף א קלוגע און צוועקמעסיגע נויטהווענ־דיגקייט, און יעדע מענשליכע האַנדלונג, ווי, למשל, דאָס פּרייזשפּרע־כען פון אַן אַנגעקלאַגטען, רופט ביי איהר ארויס א שטורם פון אונ־בעפריעדיגטע, ראַכע־זיכטיגע געפיהלען?

אין דער־פריה האָט זיך איוואַן דמיטריטש אויפגעהויבען פון דער בעט אין הוילע שרעק, מיט א קאַלטען שוויים אויפ'ן שטערן. ער איז שוין געוועזן זיכער, אַז מען קאָן איהם אַרעסטירען יעדע מינוט.

אויב האָט ער געטראַכט — די נעכטיגע שווערע געדאַנקען לאָזען איהם ניט אָפּ אַזוי לאַנג, איז דאָך א סימן, אַז זיי האָבען אין זיך א טהייל אמת. סתם אָהן א פאַרוואָס וואָלטען זיי דאָך איז קאָפּ ניט געקראָכען.

א פּאָליציי־מאַן איז לאַנגזאַם פּערבייגעגאַנגען די פענסטער: דאָס איז ניט אומזיסט. אָט האָבען זיך צוויי מענשען אָפּגעשטעלט נעבען זיין הויז און שווייגען. פאַרוואָס שווייגען זיי?

און פאַר איוואַן דמיטריטש'ן האָבען זיך אָנגעהויבען שרעקליכע טעג און נעכט.

יעדען, וואָס איז פּערבייגעגאַנגען די פענסטער און וואָס איז ארויפגעגאַנגען אויפ'ן הויף, האָט ער חשד געווען, אַז ער איז א שפּיאָן, א פּאָליציי־אַגענט.

אַרום צוועלף בייטאָג פלעגט דער איספּראַווניק דורכפאָהרען די גאַס; דאָס איז ער געפאָהרען פון זיין גוט צום פּאָליציי־דעפּאַרטאַ־מענט; אָבער איוואַן דמיטריטש'ן האָט זיך יעדעס מאָל אויסגעוויזען, אַז יענער פאָהרט צו שנעל און מיט עפּעס א בעזונדערן אויסדרוק, הפּנים, אַז ער פאָהרט אָנזאָגען, אַז אין שטאָדט האַלט זיך אויף זעהר א וויכטיגער פערברעכער.

איוואַן דמיטריטש האָט אויפגעציטערט ביי יעדען קלונג און קלאַפּ אין טויער, האָט זיך געשראָקען, בעת ער האָט בעמערקט א נייעם פּנים ביי זיין בעל הבית'טע; בעת ער האָט אָנגעטראָפען פּאָליציי־לייט און זשאַנדאַרמען, האָט ער געשמייכעלט און אונטערגעפּייפט, אום צו ווייזען זיך פאַר זיי כלומרשט גלייכגילטיג. נעכט גאַנצע האָט ער מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט, ריכטענדיג זיך אַלץ, אַז אָט־אָט קומט

מען און מען ארעסטירט איהם, האָט אָבער הויך געכראָפּעט און גע־אָטהעמט, ווי אַ שלאָפּעדיגער, אום זיין בעל הבית'טע זאָל מיינען, אז ער שלאָפט; ווארום, אז זי זאָל וויסען, אז ער שלאָפט ניט, קאָן דאָך איהר חלילה נאָך איינפאלען, אז עס פּלאָגען איהם געוויסענס־ביסען — און דאָס קאָן דאָך אודאי דיענען אלס אַ קלאָהרער בעוויז געגען איהם!

די פאקטען און די געזונדע לאָגיק האָבען איהם פערזיכערט, אז די אַלע זיינע שרעקען זיינען אַ נארישקייט, אַ משוגעת, אז אויב מען זאָל אויף דעם אַ קוק טהאָן ברייטער, איז צו זיין ארעסטירט גאָר ניט אזוי מורא'דיג, דאָס געוויסען נור זאָל זיין ריין; אָבער וואָס קליגער און לאָגישער ער האָט געטראַכט, אַלץ שווערער און אונרוהיגער איז איהם געוואָרען אויף דער נשמה. עס איז געוועזן די זעלביגע געשיכטע ווי מיט יענעם וואנדערער, וועלכער האָט געוואָלט פאַר זיך אויסהאַ־קען אַ געלעגער אין אַן אלטען־אלטען, פון קיין מענשישער האנד נאָך ניט־בעריהרטען וואלד, און וואָס לענגער ער האָט געארבייט מיט'ן האַק, אַלץ געדיכטער און מעכטיגער האָט זיך דער וואלד געוויזען....

איוואן דמיטריטש האָט סוף כל סוף איינגעזעהן, אז דאָס העלפט ניט, האָט ער מעהר ניט געקלעהרט און זיך אין גאנצען אונטערגעגע־בען דער פערצווייפלונג און מורא.

ער האָט גענומען זוכען צו זיין אליין און אויסגעמיעדען מענשען. זיין אמט־ארבייט איז איהם פריהער אויך געוועזן מיאוס, איצט איז זי געוואָרען גאָר אונערטרעגליך. ער האָט אַלץ מורא געהאַט, אז ווי עס־איז וועט מען איהם ארייננשלעפּען, מען וועט איהם שטילערהייט ארייננרוקען אין קעשענע אַ כאבאר'ל און דערנאָך וועט מען איהם טאַקי גלייך אויפ'ן אָרט בעשולדיגען, אָדער ער אליין וועט נישט ווע־לענדיג מאַכען אַ טעות אין די רעגיערונגס־פּאַפּיערען, וואָס דאָס איז אזא פערברעכען ווי אַ פאַלשער אונטערשריפט, אָדער ער וועט גאָר פערלירען פרעמד געלד.

מערקווירדיג, וואָס קיינמאָל פריהער איז זיין געדאנק ניט געוועזן אזוי בויגיג, האָט אזוי ענערגיש ניט געארבייט, ווי איצט, בעת ער האָט יעדען טאָג אויסגעטראַכט טויזענדע פערשיעדענע אורזאַכען, וואָרום ער דארף ערנסט מורא האָבען פאַר זיין פרייהייט און עהרע.

דערפאר אָבער האָט ער זיך איצט פיעל װעניגער אינטערעסירט מיט דער אויסיגער װעלט און מיט ביכער, און דער זכרון איז ביי איהם אויך א סך שװאכער געװאָרען.

אין פריהלינג, בעת דער שנעע איז אַרונטער, האָט מען אין שליכט נעבען בית עולם געפונען צװיי צופוילטע הרוגים, אַן אַלטע פרוי און א אינגעל.

די שטאָדט האָט געקאָכט מיט דעם און מען האָט אַלץ גערעדט װעגען די הרוגים און די אונבעקאנטע מערדערס.

אום מען זאָל, חלילה, ניט מיינען, אַז ער איז זייער מערדער, האָט איװאַן דמיטריטש גענומען אַרומגעהן איבער די גאסען מיט א שמייכעל, און בעת ער האָט אַנגעטראָפען בעקאַנטע, האָבען זיך אַלע קאָלירען אויף זיין פנים געביטען און ער האָט פערזיכערט זיינע בעקאַנטע, אַז קיין ניעדערטרעכטיגערעס פערברעכען, װי צו ערמאָר־דען שװאכע, שוצלאָזע, איז גאָר אויף דער װעלט ניטאָ.

אָבער די דאָזיגע פאַלשע לאַגע האָט איהם באַלד דערעסען און נאָך א לאַנגען ישוב הדעת איז ביי איהם געבליבען, אַז אין זיין לאַגע איז די בעסטע זאַך — צו בעהאַלטען זיך ביי זיין בעל הבית'טע אינ'ם קעלער.

אינ'ם קעלער איז ער אָפּגעזעסען א טאָג, דערנאָך א נאַכט און נאָך א טאָג. איז שטאַרק דערפראָרען געװאָרען און, דערװאַרט זיך נאַכט, האָט ער זיך פאָרזיכטיג, װי א גנב, אַריינגעכאַפּט צו זיך אין צימער.

ביז בעגינען איז ער אָפּגעשטאַנען אין מיטען צימער, מורא האָ־בענדיג מיט אַן אבר א ריהר צו טהאָן, און האָט זיך אַלץ צוגעהערט.

גאַנץ פריה זיינען צו זיין בעל הבית'טע געקומען מוירשציקעס. איװאַן דמיטריטש האָט אפילו גאַנץ גוט געװאוסט, אַז זיי זיינען גע־קומען פעררריכטען דעם אויװען אין דער קיך, אבער דער פחד האט איהם אונטערגעזאָגט, אַז דאָס זיינען פּאָליציי־לייט, פערקליידעטע, װי מוירשציקעס.

ער האט זיך שטיל אַרויסגע'גנב'עט פון זיין װאוינונג און, פון אימה פערפאָלגט, האָט ער זיך געלאָזט לויפען איבער דער גאס אָהן א היטעל און ראָק. נאָך איהם האָבען זיך נאָכגעיאָגט מיט א בילען הינט, א פּויער האָט ערגעץ אהינטער געשריען, אין די אויערען

האָט די לופט געפייפט, און איוואַן דמיטריטש'ן האָט זיך אויסגע־דאכט, אז די גאַנצע ווילקיר — פון דער גאַנצער וועלט האָט זיך פערקליבען הינטער איהם און יאָגט זיך נאָך איהם.

מען האָט איהם אָפּגעשטעלט, געבראכט אהיים און געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר.

דאָקטאָר אַנדרעי יעפימיטש, וועגען וועלכען מיר וועלען שפּע־טער ריידען, האָט געהייסען לייגען איהם קאַלטע קאָמפּרעסען צום קאָפּ און איהם פערשריעבען טראָפּענס.

דערנאָך האָט ער מיט בעדויערען אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און איז אוועק, אָנזאָגענדיג דער בעל הבית'טע, אז מעהר וועט ער שוין ניט קומען, ווייל שטערען מענשען פון זינען ארונטערצוגעהן, דאַרף מען ניט.

און אזוי ווי איוואַן דמיטריטש איז געווען אָרעם, האָט מען איהם באַלד אריינגעגעבען אין שפּיטאָל אריין און מען האָט איהם געלייגט אין דער פּאַלאַטע פאַר ווענערישע קראַנקע.

ער האָט אָבער בעאונרוהיגט די אַנדערע קראַנקע, ניט געשלאָ־פען נעכט און געקאָפּריזעוועט, דעמאָלט האָט דער דאָקטאָר אַנדרעי יעפימיטש געהייסען איהם אַריבערפיהרען אין דער פּאַלאַטע נומער זעקס.

אין אַ יאָהר אַרום האָט מען אין דער שטאָדט אין גאַנצען פערגע־סען אָן איוואַן דמיטריטש'ן, און זיינע ביכער, וואָס זיין בעל הבית'טע האָט געהאַט ארויסטראָגען אויפ'ן הויף אונטער'ן וועטער־דאַך, האָ־בען אינגלאַך צושלעפּט...

4.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז איוואַן דמיטריטש'עס שכן פון דער לינקער זייט געווען דער איד משה'קע; זיין שכן פון דער רעכ־טער זייט איז געווען אַ דיקער, פעטער פּויער, ווי אַ רונדע פּעסעל, מיט אַ טעמפּען, אידיאָטישען פּנים.

דאָס דאָזיגע בעשעפעניש, אָן אונבעוועגליכע, אונציכטיגע חיה, וואָס קאָן נור פרעסען, האָט שוין לאַנג געהאַט פערלאָרען די פּע־

הינקייט צו דענקען און פיהלען. תמיד האָט זיך פון איהם געטראָ־גען אַ שאַרפער, שטיקענדיגער גערוך.

ניקיטאַ, וואָס גיט אַכטונג אויף איהם, שלאָגט איהם מוראָ׳דיג, פון דער גאַנצער האַנד, ניט זשאַלעווענדיג זיינע פויסטען, און דאָס שרעקליכע דערביי איז, ניט אַזוי דער פאַקט, וואָס מען שלאָגט איהם — צו דעם קאָן מען צוגעוועהנט ווערען — ווי דאָס וואָס די דאָזיגע פערטעמפּטע חיה רופט זיך ניט אָפּ אויף די דאָזיגע קלעפּ ניט מיט אַ קלאַנג, ניט מיט אַ ריהר, ניט מיט אַ בליק, נור שאָקעלט זיך, ווי אַ שווערע פאָס.

דער פינפטער און דער לעצטער תושב פון דער פּאַלאַטע נומער זעקס איז אַ שטאָדט־מענש, וואָס האָט אַמאָל געדיענט אויף דער פּאָסט אַלס סאָרטירער. ער איז אַ קליינצינקער, אויסגעדאַרטער בלאָנ־דין מיט אַ גוטען, נור עטוואָס כיטרען פּנים.

קוקענדיג אויף זיינע קלוגע, רוהיגע אויגען, וואָס בליקען קלאָהר און פרעהלאך, קאָן מען גלייך זעהן, אַז ער וועט זיך ניט לאָזען נאַרען און בעהאַלט עפּעס זעהר אַ וויכטיגען און אַנגענעהמען סוד.

אונטער דער קישען און אונטער׳ן מאַטראַץ איז ביי איהם עפּעס בעהאַלטען, וואָס ער וויל קיינעם ניט בעווייזען, אָבער ניט מחמת ער האָט מורא, מען זאָל עס חלילה ביי איהם ניט אַוועקנעהמען אָדער צוגנב׳ענען, נור מחמת ער שעהמט זיך.

מאַנכעס מאָל געהט ער צו צום פענסטער און, אַוועקגעשטעלט זיך מיט׳ן רוקען צו זיינע חברים, טהוט ער אָן עפּעס אויף דער ברוסט, בויגט אויס דעם קאָפּ און קוקט אויף דעם און קוקט. געהט דעמאָלט עמיצער צו צו איהם, פערשעהמט ער זיך און רייסט עס אַרונטער פון דער ברוסט.

דאָס איז זיין סוד. אָבער עס איז ניט שווער איהם צו טרע־פען.

— גראַטולירט מיך — מאַכט ער אָפט צו איוואַן דמיטריטש׳ן — איך ווער בעעהרט מיט אַ סטאַניסלאַוו־אָרדען צווייטען קלאַס מיט אַ שטערן. צווייטען קלאַס מיט אַ שטערן קריגען בלויז אויס־לענדער, פאַר מיר אָבער וויל מען עפּעס מאַכען אַן אויסנאַהם — שמייכעלט ער און דריקט פערוואונדערט מיט די אַקסלען: — דעם אמת געזאָגט, איך האָב עס גאָר ניט ערוואַרטעט!

— איך פערשטעה גאָר נישט אין אזוינע זאכען! — ערקלעהרט איהם איוואן דמיטריטש מיט א פינסטערער מינע.

— ווייסט איהר אָבער, וואָס איך וועל פריהער אָדער שפּעטער קריגען? — רעדט ווייטער דער אמאָליגער סאָרטירער, שמירענדיג ביטרע די אויגען: — איך וועל אונבעדינגט קריגען א שוועדישען „פּאָליאַר־שטערן”. וועגען אזא אָרדען לוינט זיך אַן ארבייט צו טהאָן. א ווייסער קרייץ און א שווארצער שלייף. דאָס איז זעהר שעהן.

איך גלויב, אז דאָס לעבען איז נאָך ערגיץ ניט אזוי איינ־טאָניג ווי אין דעם דאָזיגען פליגעל. אין דער פריה וואשען זיך די קראַנקע, אויסער דעם פּאראליזירטען און דעם דיקען פויער, אין פיהר־הויז פון א גרויסען עמער און ווישען זיך אָפּ מיט די פּאָלעס פון זייערע כאַלאַטען; דערנאָך טרינקען זיי טהעע פון ציגענע טאַשען, וואס ניקיטאַ ברענגט, יעדען פון זיי גיט מען צו איין טאַש. האלבען טאָג עסען זיי ראָסעל פון זויערען קרויט און קאַשע. פּאַרנאַכט ווידער קאַשע, וואָס איז פערבליבען פון בייטאָג. און אזוי טאָג איין טאָג אויס. אפילו דער אמאָליגער סאָרטירער רעדט אויך אַלץ וועגען די זעלביגע אָרדענס.

נייע מענשען זעהט מען זעהר זעלטען אין דער פּאַלאַטע נומער זעקס. פרישע משוגעים האָט דער דאָקטאָר שוין לאַנג אויפגעהערט אריינצונעהמען, און אזוי בעלנים, צו בעזוכען משוגעים־הייזער, זיינען אויף דער וועלט וועניג פאראן. בלויז איין מאָל אין צוויי חדשים קומט אהין סעמיאָן לאזאריטש, דער בארבער. ווי אזוי ער שערט די משוגעים און ווי אזוי ניקיטאַ העלפט איהם דערביי, און וואס פאר א מהומה עס ברענגט אויס צווישען די קראַנקע יעדעס מאָל, בעת עס בעווייזט זיך דאָרט דער בארבער מיט זיין שיכור'ן און שמייכלענ־דיגען פּנים, — וועגען דעם וועלען מיר ניט ריידען.

חוץ דעם בארבער קומט אהין קיינער. טאָג איין טאָג אויס זעהן די קראַנקע בלויז איין ניקיטאַ'ן.

פלוצים האָט זיך אמאָל צוטראָגען איבער'ן שפּיטאָל אַן אונגע־וועהנליכע נייעס: מען האָט גענומען ריידען, אז דער דאָקטאָר אַנדרעי יעפימיטש האָט אָנגעהויבען צו בעזוכען די פּאַלאַטע נומער זעקס.

.5

א מערקווירדיג שטיקעל נייעס!

דאָקטאָר אנדרעי יעפימיטש איז אין א געוויסען זין א מערקוויר־דיגער מענש. מען דערצעהלט, אז בעת ער איז נאָך גאַנץ יונג געווען, איז ער געווען זעהר פרום און געוואָלט ווערען א גלח און אז, בעת ער האָט געענדיגט די גימנאזיום אין יאָהר 1863, האָט ער געטראכט אריינצוטרעטען אין סעמינאריום פאר גייסטליכע, נור זיין פאָטער, א דאָקטאָר פון מעדיצין און א כירורג, איז געווען געגען דעם און האָט איהם בלומרשט קאטעגאָריש ערקלעהרט, אז אויב ער געהט ווערען א גלח, איז ער ניט מעהר זיין זוהן. ווי וויט די דאָזיגע געשיכטע איז אמת, ווייס איך ניט, אָבער דאָס ווייס איך יאָ, אז אנדרעי יעפימיטש האָט זיך ניט איינמאָל מודה געווען, אז עס האָט איהם קיינמאָל ניט געצויגען צו מעדיצין און צו ספּעציעלע וויסענשאַפטען בכלל.

מילא, צו אזוי אָדער אזוי, ער האָט געענדיגט דאָקטאָר און איז קיין גלח ניט געוואָרען... קיין בעזונדערע פרומקייט האט ער ניט ארויסגעוויזען און נאָך דעמאָלט, בעת ער האָט ערשט אָנגעפאנגען צו פּראַקטיצירען אלס דאָקטאָר, איז ער אזוי ווייניג עהנליך געווען צו א גייסטליכער פּערזאָן, ווי היינט.

ער זעהט אויס גראָב, שווער, ווי א פּויער; מיט זיין פּנים, באָרד פלאכע האָאָר און שטארקען, אומגעלומפּערטען גוף איז ער עהנליך צו אן אָפּגעפרעסענעם, בייזען שענקער, וואָס איז פעהיג אויף צוויושען זיך. זיין פּנים איז בייז, פול מיט בלויע אָדערלאַך, די אויגען קליינצינקע, די נאָז רויט. ביי זיין הויכען וואוקס און ברייטע אקסלען האָט ער נאָך א פּאָאָר זעהר לאנגע הענד און פיס; דאכט זיך, זיין איין טע־רעבענץ מיט׳ן פויסט קאָן דער׳הרג׳ענען א מענשען.

אָבער ער טרעט שטיל, פּאָרזיכטיג, מיט גנב׳ישע טריט; און בעגעגענט ער עמיצען אין דעם שמאָלען קאָרידאָר, שטעלט ער זיך אָפּ דער ערשטער, אום דורכצולאָזען יענעם, און ריידען רעדט ער אויך ניט ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטען, מיט א באס, נור מיט א דין, ווייך טענאָר׳ל.

— ענטשולדיגט! — זאָגט ער, אָפּטרעטענדיג פאַר יענעם דעם וועג.

אויף דער האַלז איז ביי איהם אַביסעל אָנגעשוואָלען און דאָס שטערט איהם צו טראָגען האַרטע, געקראָכמאַלטע קראַגענס און דער־פאַר געהט ער תמיד אָנגעטאָן אין אַ ווייכען, לייווענדנעם אָדער סיטצעווען העמד.

בכלל געהט ער אָנגעטאָן גאָר ניט ווי אַ דאָקטאָר. דעם אייגענעם אַנצוג טראָגט ער אָפּ אַ צעהן יאָהר כסדר. און נייערהייט אפילו קוקט אויך אויס אויף איהם דער אַנצוג, געקויפט געוועהנליך אין אַן אידישען געשעפט, אויסגעטראָגען און צוקנייטשט ווי אַן אַלטער.

דעם אייגענעם ראָק טראָגט ער, בעת ער נעהמט אויף פאַציענ־טען; דעם אייגענעם — בעת ער עסט און אין דעם אייגענעם ראָק געהט ער צוגאַסט. אָבער דאָס איז ביי איהם ניט מחמת קאַרגקייט, נור מחמת ער איז אין גאַנצען גלייכגילטיג צו זיין אויסזעהן.

בעת אַנדרעי יעפימיטש איז אָנגעקומען אין שטאָדט, אום אַנ־צונעהמען די שטעלע, האָט דער שפּיטאָל זיך געפונען אין אַ שרעק־ליכען צושטאַנד. אין די פּאַלאַטעס, קאָרידאָרען און אויפ'ן שפּיטאָל־הויף איז פאַר געשטאַנק אונמעגליך געווען צו אָטהעמען. די אָנגע־שטעלטע פויערים אינ'ם שפּיטאָל, די קראַנקען־וועכטערינס און זייערע קינדער — זיי אַלע האָבען געשלאָפען אין די פּאַלאַטעס צוזאַמען מיט די חולאים. די פרייסען, וואַנצען און מייז האבען לעבען ניט געלאָזט. אינ'ם שפּיטאָל איז אפילו קיין טערמאָמעטער ניט געווען און אין די וואַנעס האָט מען דאָרט קאַרטאָפעל געהאַלטען. די אויפזעהער האבען בעראַבעוועט די קראַנקע, און וועגען דעם אַלטען דאָקטאָר, וואָס אויף זיין פּלאַץ איז אַנדרעי יעפימיטש שפּעטער אָנגעקומען, האָט מען דערצעהלט, אַז שטילערהייט פערקויפט ער דעם ספּירט פונ'ם שפּיטאָל און האָט ביי זיך אַ גאַנצען האַרעם פערפיהרט פון די קראַנקע פרויען און פון וועכטערינס.

אין שטאָדט האָט מען גוט געוואוסט וועגען די דאָזיגע מעשים תעתועים, אָבער קיינער האָט זיך עס צום האַרצען ניט גענומען.

בעקוקט דעם שפּיטאָל, האָט אַנדרעי יעפימיטש איינגעזעהן, אַז דער דאָזיגער אַנשטאַלט איז אַן אונמאָראַלישער און זעהר אַ שעדלי־כער פאַר דעם געזונד פון די איינוואוינער.

נאָך זיין מיינונג נאָך, וואָלט געווען דאָס קליגסטע, ארויסצו־לאָזען די קראַנקע און צושליסען אין גאַנצען דעם שפּיטאָל.

ער האָט זיך אָבער מיישב געווען, אַז זיין מיינונג אליין איז ניט גענוג פאַר צו בעשליסען דאָס און עס וועט ניט העלפען אויך; אויב מען זאָל פערטרייבען די פיזישע און מאָראַלישע שמוץ פון איין אָרט, וועט זי אויסוואַקסען אויף אַ צווייטען; מען דאַרף וואַרטען, ביז זי וועט זיך אליין אויסלופטערען. און אויסער דעם, אויב מענשען האָבען געעפענט אַ שפּיטאָל און האַלטען איהם אויף, מסתמא דאַרפען זיי איהם; די אַלע פּאַראורטהיילען און די גאַנצע שמוץ און עקעל פונ׳ם לעבען זיינען נויטיג; מיט דער צייט שטעהט זיך עס אוים אין עטוואָס ניצליכעס, ווי מיסט — אין פעטע, פרוכטבאַרע ערד.

און אָנגענומען די שטעלע, האָט אַנדרעי יעפימיטש אויפ׳ן ערש־טען בליק זיך פערהאַלטען גאַנץ גלייכגילטיג צו די פאַראַנדקעס אינ׳ם שפּיטאָל. ער האָט בלויז געבעטען די בעדיענטע פונ׳ם שפּיטאָל, ניט צו נעכטיגען אין די פּאַלאַטעס און אוועקגעשטעלט צוויי שאַפען מיט אינסטרומענטען. דער אויפזעהער, די אויפזעהערין און דער פעלדשער זיינען פערבליבען אויף זייערע שטעלעס.

ער האָט זעהר ליעב קלוגע און עהרליכע מענשען, אָבער אום איינ־צוריכטען זיין אייגען לעבען קלוג און עהרליך — אויף דעם האָט ער ניט גענוג כאַראַקטער און גלויבט צו ווייניג אין זיינע רעכטע. בע־פעהלען, פערביטען און פאָדערען — דאָס קאָן ער אין גאַנצען ניט. עס דאַכט זיך, ווי ער וואָלט אַ נדר געטהאָן, קיינמאָל ניט צו לאָזען הערען אַ הויכען קול און ניט צו געברויכען אַ בעפעהלענדיגען טאָן. עס איז איהם שווער צו זאָגען „דערלאַנג״ אָדער „ברענג״; אַז עס פערוויילט זיך איהם עסען, טהוט ער ניט דרייסט אַ הוסט און מאַכט צו זיין קעכין: „איך וואָלט געטרונקען אַ גלעזעלע טהעע״... אָדער: „ווי קאָן מען עפּעס עסען״. זאָגען דעם אויפזעהער, ער זאָל אויפהערען גנב׳ענען, אָדער אָפּזאָגען איהם פון דער שטעלע — דאָס איז ניט פאַר זיינע כוחות.

אַז מען בעטריגט איהם, אָדער אַז מען חנפה׳ט איהם, אָדער אַז מען טראָגט איהם אונטער אַ געפעלשטע רעכנונג צום אונטער־שרייבען, ווערט ער רויט, ווי פייער, און פיהלט זיך שולדיג, די רעכ־נונג אָבער שרייבט ער פאָרט אונטער; אַז די קראַנקע קלאָגען זיך

פאַר איהם אויף הונגער אָדער אויף די פרעכע וועכטערינס, ווערט ער צומישט און מורמעלט מיט אַ שולדיגער מינע:

— גוט, גוט... איך וועל שוין נאָכזעהן... מסתמא עפּעס אַ מיספערשטענדניס...

די ערשטע צייט האָט אַנדרעי יעפימיטש געאַרבייט מיט אַ סך חשק. יעדען טאָג האָט ער אויפגענומען קראַנקע פון אין דער־פריה ביז פאַרנאַכט, האָט אָפּעראַציעס געמאַכט און זאָגאַר זיך פערנומען מיט אַקושערנער פּראַקטיקע.

די דאַמען האָבען וועגען איהם גערעדט, אַז ער איז זעהר אויפּ־מערקזאַם און פערשטעהט זעהר גוט די קראַנקהייטען, בעזונדערס פון פרויען און קינדער. אָבער מיט דער צייט האָט די אַרבייט איהם, הפּנים, דערעסען מיט איהר איינטאָניגקייט און אומניצליכקייט. היינט נעהמסטו אויף דרייסיג קראַנקע און מאָרגען איז ניט וועניגער גע־וואָרען, זיינען געקומען זייערע פינף און דרייסיג, און איבערמאָרגען פערציג, און אַזוי פון טאָג צו טאָג, פון יאָהר צו יאָהר, און די צאָהל פון יענע, וואס שטאַרבען, ווערט ניט קלענער און קראַנקע געהען אַלץ און געהען אָהן אַן אויפהער.

אָפּצוגעבען זיך ערנסט צו די פערציג קראַנקע, וואָס קומען אין פערלויף פונ'ם טאָג, איז פּשוט פיזיש אונמעגליך. דאָס בעווייזט, אַז דער גאַנצער עסק איז ניט מעהר ווי חוזק געמאַכט.

לויט ווי דאָס שפּיטאָל־בוך בעווייזט, זיינען אין פערלויף פונ'ם יאָהר געקומען צוועלף טויזענד קראַנקע, פּשוט גערעדט, מיינט עס, אַז צוועלף טויזענד מענשען זיינען דאָרט בעטראָגען געוואָרען.

אריינגעהמען די ערנסטע קראַנקע אין שפּיטאָל און היילען זיי נאָך די אַלע רעגלען פון דער וויסענשאַפט קען מען אויך ניט, וואָרום רעגלען זיינען דאָ, אָבער קיין וויסענשאַפט איז ניטאָ; און אפילו ווען מען זאָל לאָזען די פילאָזאָפיע אָן אַ זייט און פעדאַנטיש נאָכ־פאָלגען די אַלע רעגלען, ווי אַנדערע דאָקטוירים, זיינען די ערשטע זאַך, פאַר דעם נויטיג ריינקייט, ציכטיגקייט, די צימערען מוזען זיין ווענטעלירט און ניט פערשטיקט און שמוציג, דאָס שפּייז מוז זיין אַ געזונדע און ניט סם המות'דיגע זויערע קרויט, פון וועלכער עס שלאָגט צו דער נאָז, און די אָנגעשטעלטע אינ'ם שפּיטאָל מוזען זיין עהרליכע מענשען און ניט קיין גנבים.

און ווארום זאָל מען גאָר שטערען מענשען צו שטארבען, ווען אין אמת'ען איז דער טויט דער נאָרמאַלער, נאַטירליכער סוף פון יעדען? וועמען דארף עס הארען, אויב דאָרט עפּעס א הענדלער, צו א בעאַמטער וועט לעבען וועניגער מיט פינף־צעהן יאָהר? אויב דער צוועק פון מעדיצין איז צו פערלייכטערען ליידען, פרעגט זיך: צו־וואָס זיי פערלייכטערען? ערשטענס, זאָגט מען, אַז דורך ליידען קומט דער מענש צו פאָלקאָמענהייט, און, צווייטענס, אויב די מענשהייט וועט טאַקי אויף אָן אמת'ן זיך אויסלערנען צו פערלייכטערען איהרע ליידען דורך פּילען און טראָפּענס, וועט זי דאן אין גאַנצען פערוואַרפען די רעליגיאָן און פילאָזאָפיע, ביי וועלכע זי האָט ביז היינט געפונען טרייסט אין אַלע איהרע ליידען און אונגליקען. פּושקין האָט פאַר'ן טויט געליטען די שרעקליכסטע יסורים, דער אונגליקליכער היינע איז יאָהרען גאַנצע אָפּגעלעגען א פּאַראַליזירטער; היינט וואָרום־זשע זאָל ניט ליידען א אנדרעי יעפימיטש אָדער א מאַטרענאַ סאַ־ווישנאַ, וואָס זייער לעבען איז אין גאַנצען אָהן אינהאַלט און וואָלט גאָר קיין זינן ניט געהאַט, ווען ניט ליידען?

און האָבענדיג אַזוינע געדאַנקען, האָט זיך ביי אַנדרעי יעפי־מיטש'ן די הענד ניט געהויבען צו טהאָן זיין זאַך, און ער איז שוין מעהר ניט געגאַנגען יעדען טאָג אין שפּיטאָל אריין.

6.

זיין צייט פערברענגט ער אַזוי. אין דער־פריה שטעהט ער אויף געוועהנליך ארום אכט, טהוט זיך אָן און טרינקט טהעע. דערנאָך זעצט ער זיך אַוועק אין דעם קאַבינעט לעזען אָדער געהט אין שפּי־טאָל אַוועק.

דאָרט, אינ'ם שפּיטאָל, אין דעם פינסטערען שמאָלען קאָרידאָר, זיצען שוין קראַנקע און וואַרטען, מען זאָל זיי אויפנעהמען. פערביי זיי, קלאַפּענדיג מיט די שטיוועל איבער דער ציגעלנער פּאָדלאָגע, לויפען ארום די אָנגעשטעלטע פּויערים און די וועכטערינס, עס געהען

פערביי אויסגעדארטע חולאים אין כאַלאַטען, מען טראָגט פערביי טויטע און כלים מיט שמוץ, עס וויינען קינדער, עס בלאָזט א צוג־ווינד.

אנדרעי יעפימיטש ווייס, אז אזא סביבה איז שרעקליך פאַר פיעבער־קראַנקע, פאַר שווינדזיכטיגע און בכלל פאַר איינדרוקספאָלע קראַנקע, אָבער וואָס זאָל ער טהאָן?

אינ'ם עמפפאַנגס־צימער בעגעגענט איהם זיין פעלדשער סערגעי סערגעיאיטש, א קורצער, דיקער מאַן מיט א געגאָלטען, ריין־אויסגעוואַשענעם, דיקען פנים, מיט ווייכע, שעהנע מאַנירען און אין א נייעם, ברייטען אַנצוג. דער פעלדשער איז מעהר עהנליך צו א סע־נאַטאָר.

אין דער שטאָדט האָט ער א גרויסע פראַקטיק, טראָגט א ווייסען האַלזטוך און האַלט זיך פאַר מעהר מומחה, ווי דער דאָקטאָר, וועל־כער האָט גאָר קיין פראַקטיק ניט.

אין א ווינקעל, אינ'ם עמפפאַנגס־צימער, הענגט א גרויסע היי־ליגע בילד מיט א שווערען נר תמיד; אויף די ווענד — פאָרטרעטען פון ארכירעען, דאָס בילד פון סוויאַטיגאָרסקי'ן קלויסטער און קראַנצען פון טרוקענע קאָרנבלומען.

סערגעי סערגעיאיטש איז פרום און ליעבט רעליגיעזע פראַכט. דאָס הייליגע בילד האָט מען דאָרט א דאַנק איהם אויפגעהאַנגען. אין די זונטאָגען לעזט עמיצער פון די קראַנקע פאַר אין דער הויך א תפלה, אויף זיין בעפעהל, און דערנאָך געהט ער אליין ארום די פאַלאַ־טעס מיט א וויירויך־פאַס און רויכערט זיי מיט'ן וויירויך.

קראַנקע זיינען פאַראַן א סך און צייט ווייניג, פטור'ט מען אָפּ די קראַנקע מיט א פראַגע, צוויי, מען גיט זיי עפּעס א רפואה, א שמי־רעכץ אָדער קאַסטאָר־אויל און פטור.

אנדרעי יעפימיטש זיצט פערטראַכט, אונטערגעשפּאַרט א באַק מיט'ן פויסט, און שטעלט מעכאַנישע פראַגען.

סערגעי סערגעיאיטש זיצט אויך דערביי, רייבט זיך זיינע הענ־טעלאַך און מישט זיך צייטענווייז אריין:

— איהר זייט קראַנק און איהר לעבט אין דאגות דערפאַר — זאָגט ער—ווייל איהר דיענט שלעכט דעם בארמהערציגען גאָט—יאָ.

קיינע אָפּעראַציאָנען מאַכט שוין ניט אנדרעי יעפימיטש די

קראַנקע, ער האָט זיך שוין אָפּגעוועהנט פון דעם, און אויף בלוט קאָן ער גלייכגילטיג ניט קוקען.

קומט איהם אוים אַמאָל צו עפענען דאָס מויל ביי אַ קינד, אום אַ קוק צו טהאָן אין האלז, און דאָס קינד שרייט און וועהרט זיך מיט די הענטלאַך, הויבט אָן ביי איהם צו מישען אינ׳ם קאָפּ פון דעם געשריי, וואָס הילכט אין זיינע אויערען, און אין די אויגען ווייזען זיך ביי איהם טרעהרען. אויף גיך שרייבט ער אָן דעמאָלט אַ רעצעפּט און מאכט מיט די הענד, די פרוי זאָל וואָס גיכער צונעהמען דאָס קינד.

אויפגענומען אַ פינף־זעקס פּאַציענטען, דערעסען איהם די דער־שלאָגענקייט פון די קראַנקע, זייער ניט־דריסטקייט און דערשראָ־קענקייט, זייערע ניט־קלאָהרע ענטפערס, די אָנוועזענהייט פון דעם פּראַכט־ליעבענדען סערגעי סערגעיאיטש׳ן, די בילדער אויף די וואַנד און זיינע אייגענע פראַגען, וואָס ער שטעלט שוין העכער פון צוואַנ־ציג יאָהר, און ער פערלאָזט דעם שפּיטאָל. די איבריגע נעהמט אויף דער פעלדשער אָהן איהם.

אַהיים געהענדיג, איז ער קאָנטעט פון דעם געדאַנק, וואָס ער האָט שוין לאַנג פערלאָרען זיין פּריוואַטע פּראַקטיק און דאַרף דעריבער ניט מורא האָבען, מען זאָל איהם דאָרט ניט שטערען. און קומענדיג אַהיים, זעצט ער זיך גלייך אַוועק ביי זיך אינ׳ם קאַבינעט לעזען. לע־זען לעזט ער אַ סך און מיט גרויס הנאה. העלפט פון זיין געהאַלט גיט ער אוים אויף ביכער. פון די זעקס צימערען, וואָס ער פערוואוינט, ציי־נען דריי פערנומען מיט ביכער און אַלטע זשורנאַלען.

מעהר פון אַלעם האָט ער ליעב צו לעזען היסטאָרישע און פילאָ־זאָפישע ווערק; פון מעדיצינישע זשורנאַלען שרייבט ער אוים בלויז איינעם, וועלכען ער הויבט אָן אַלע מאָל צו לעזען פון סוף.

ער קאָן אַזוי לעזען עטליכע שעה נאָכאַנאַנד און ניט ווערען מיעד.

ער לעזט ניט אַזוי שנעל און געכאַפּט, ווי איוואַן דמיטריטש פלעגט אַמאָל לעזען, נור לאַנגזאַם, פערטיעפט, שטעלט זיך אָפּט אָפּ אויף שטעלען, וואָס געפעהלען איהם אָדער וואָס זיינען איהם ניט קלאָהר.

נעבען בוך שטעהט תמיד אַ פלעשעל מיט בראַנפען און צובייסען,

אמאָל א געזאָלצענער אוגעריק און אמאָל א זויערער עפּעל, וואס ליעגט ניט אויף א טעלער, נור אויף׳ן טישטוך.

יעדע האַלב שעה גיסט ער זיך אָן, ניט אָפּרייסענדיג די אויגען פון׳ם בוך, א געלעזעלע שנאַפּס און טרינקט אויס, דערנאָך, אַלץ ניט אָפּרייסענדיג די אויגען פון׳ם בוך, טאַפּט ער אָן מיט א האַנד דעם אוגעריק און בייסט אָפּ א פּיצעלע.

א זייגער דריי געהט ער פאַרזיכטיג צו צו דער טהיר פון דער קיך, הוסט און זאָגט:

— דאַריושקאַ, ווי קאָן איך עפּעס א בים טהאָן...

נאָכ׳ן מיטאָג אָגב א גאַנץ מאָגערען און ניט זעהר א ציכטיגען, געהט ארום אַנדרעי יעפימיטש איבער די צימערן, מיט די הענד פערלייגט אויף דער ברוסט, און קלעהרט. דער זייגער שלאָגט פיער, דערנאָך פינף, און ער געהט אַלץ ארום און קלעהרט. צייטענווייז טהוט די טהיר פון דער קיך א סקריפּע און עס קוקט ארויס פון איהר דער רויטער, פערשלאָפענער פּנים פון דאַריושקאַ׳ן.

— אַנדרעי יעפימיטש, צו איז אייך ניט צייט ביער צו טרינקען? — פרעגט זי פערזאָרגט.

— ניין, נאָך ניט צייט... — ענטפערט ער — איך וועל נאָך ווארטען א ווייליגקע, נאָך ווארטען...

פאַרנאַכט קומט געוועהנליך דער פּאָסט־מייסטער, מיכאַאיל אוועריאַניטש, דער איינציגער מענש אין דער גאַנצער שטאָדט, וועלכען אַנדרעי יעפימיטש קאָן פערטראָגען.

מיכאַאיל אווריאַניטש איז אמאָל געווען א רייכער גוטס־בעזיצער און האט געדיענט אין קאַוואַלעריע; שפּעטער האט ער פערלאָרען זיין אייגענס און איז פאַר נויט אויף די עלטערע יאָהרען אריינגעטראָטען דיענען אין פּאָסט־דעפּאַרטאַמענט.

ער זעהט אויס געזונד און מונטער און האט א פּאאַר פּרעכטיגע גרויע באַקען־באָרדען, א הויכע אַנגענעהמע שטים און שעהנע מאַניערען.

ער איז גוטהערציג, אבער א גרויסער כעסן. מאַכט זיך אמאָל אויף דער פּאָסט א בעזוכער, וואס פּראָטעסטירט, וואס איז מיט איהם ניט מסכים, אדער וואס האט סתם די העזה, ארויסצוזאָגען א מיינונג, צינדט ער זיך אָן, טרויסעלט זיך מיט׳ן גאַנצען קערפּער און

שרייט מיט זיין דונער־שטים: „שווייגען!" מחמת דעם האט דער פּאָסט־אָפּיס געקראָגען א שם איבער דער גאַנצער שטאָדט פאר אַן אָרט, וואוהין עס איז א סכנה אריינצוגעהן.

מיכאַאיל אַווריאַניטש האט ליעב אַנדרעי יעפימיטש'ן און האט פאר איהם דרך ארץ, ווייל ער האַלט איהם פאר א געבילדעטען און עדלען מענשען. אויף די איבריגע איינוואוינער פון דער שטאָדט קוקט ער פון אויבען ארונטער.

— און אָט בין איך! — מאַכט ער, אריינקומענדיג צו אַנדרעי יעפימיטש'ן — גוט'ן אבענד, מיין ליעבער! נישקשה, איך האב אייך שוין געמוזט גוט דערעסען, הא?

— פאַרקעהרט, איך בין זעהר צופריעדען — ענטפערט איהם דער דאָקטאָר — איהר זייט ביי מיר תמיד אַן אַנגעלעגטער גאַסט.

די פריינד זעצען זיך אויף דער זאָפע אין'ם קאַבינעט און א געוויסע צייט רויכערען זיי שווייגעדיגערהייט.

— דאַריושקאַ, ווי קענען מיר א פלעשעל ביער קריגען — זאָגט דערנאָך אַנדרעי יעפימיטש.

דאס ערשטע פלאַש טרינקען זיי אויס שווייגענדיגערהייט: דער דאָקטאָר פערטראַכט און מיכאַאיל אַווריאַניטש מיט א פרעהליכער, אויפגעלעגטער מינע, ווי א מענש, וואס קלייבט זיך צו דערצעהלען א זעהר אינטערעסאַנטע מעשה. דעם געשפּרעך הייבט אָן אלע מאָל דער דאָקטאָר.

— וואס פאר א שאָד — מאַכט ער לאַנגזאַם און שטיל, שאָק־לענדיג מיט'ן קאָפּ און ניט קוקענדיג זיין צוהערער אין די אויגען (ער קוקט קיינמאָל ניט אין די אויגען) — וואס פאר א גרויסער שאָד, ווערטהער מיכאַאיל אַווריאַניטש, וואס ביי אונז אין שטאָדט זיינען גאָר ניטאָ קיין מענשען, פון וועלכע מען זאָל אמאָל קאָנען הערען אַן אמת קלוגען וואָרט. דאס פעהלט אונז זעהר. אפילו די היגע אינ־טעליגענץ איז אויך זעהר א פלאַכע; איך פערזיכער אייך, אז איהר ענטוויקלונג איז ניט אויף א האאר העכער, ווי ביי דעם ניעדעריגערען שטאַנד מענשען.

— גאַנץ ריכטיג. דאס איז אויך מיין מיינונג.

— איהר ווייסט אליין גאַנץ גוט — רעדט דער דאָקטאָר ווייטער שטיל און צוזויגען — אז אויף דער וועלט איז גאָר נישט ניט וויכטיג

און אינטערעסאַנט, חוץ דעם העכערען גייסטיגען אויסדרוק פון דעם מענשליכען געדאַנק. דער געדאַנק, דער שׂכל — דאס איז וואס טהיילט אָפּ דעם מענשען פון דער חיה, וואס ווייזט אָן אויף דער געטליכקייט פון דעם מענשען און וואס איז איהם טהיילוויז ממלא פאר דער אונ־שטערבליכקייט, וועלכע איז ניטאָ. קוקענדיג פון דעם שטאַנדפונקט, איז דער געדאַנק פאר אונז דער איינציגער קוואַל פון פערגעניגען. אזוי אבער ווי מיר הערען און מערקען ניט ארום זיך קיינע געדאַנקען, הייסט עס, אז אונז פעהלט דאס פערגעניגען. אמת, מיר האבען אפילו ביכער, דאס איז אבער ווייט ניט דאס, וואס א לעבעדיג וואָרט, א לעבעדיג געשפּרעך. אויב איהר וועט ערלויבען מיר צו מאַכען ניט גאָר א געלונגענעם פערגלייך, זיינען ביכער — נאָטען, און א לעבעדיג געשפּרעך — געזאַנג.

— גאַנץ ריכטיג.

דער דאָקטאָר ווערט אנשוויגען. דער פּאָסטמייסטער שווייגט אויך. פון דער קיך געהט ארויס דאַריושקאַ מיט א פער'צרה'טער מינע, שפּאַרט אונטער דעם פּנים מיט א פויסט, שטעלט זיך אין דער טיר און הערט זיך צו.

— עך! — זיפצט אָפּ דער פּאָסטמייסטער — זוכט ביי היינ־טיגע שׂכל!

און ער הויבט אָן צו דערצעהלען, ווי געזונד מען האט אמאָל געלעבט, ווי פרעהליך און אינטערעסאַנט, וואס פאר א קלוגע אינטע־ליגענץ איז געווען אין רוסלאַנד און ווי הייליג זיינען ביי איהר געווען עהרע און פריינדשאַפט. געלד האט מען דאַן געליהען אָהן וועקסלען און ניט צו העלפען אָן אָרימען חבר האט מען געהאַלטען פאר א שאַנד. און וואס פאר א לעבען איז דאַן געווען, וואס פאר חברים, וואס פאר פרויען! און קאַווקאַז — וואס פאר א הערליכער געגענד! און ווי דאס ווייב פון א געוויסען אָפיציער, א מערקווירדיגע פרוי, פלעגט זיך אָנטהאָן אין איהר מאַן'ס קליידער און אוועקפאָהרען ביי־נאַכט גאַנץ אַליין, אָהן א בעגלייטער, אין די בערג. מען האט גע־שמועסט, אז אין די בערג האט זי דאָרט געהאַט א ליעבע מיט עפּעס א קאַווקאַזער פירסטעל.

— הייליגע מוטער אין'ם הימעל... — זיפצט דאַריושקאַ.

— היינט דאס עסען! היינט דאס טרינקען! און וואס פאר געפעהרליכע ליבראַלען זיינען דאַן געוועז!

אַנדרעי יעפימיטש הערט און הערט ניט; ער טראכט וועגען עפּעס און זופּט זיין ביער.

פּלוצים שלאָגט ער איבער דעם פּאָסטמייסטער:

— אָפט חלום׳ט זיך מיר, אז איך פיהר קלוגע געשפּרעכען מיט אינטעליגענטע מענשען. מיין פאטער האט מיר געגעבען א גוטע ער־ציהונג. ער איז אבער געווען אונטער דעם איינפלוס פון די אידעען פון די זעכציגער יאָהרען און האט דעריבער אונבעדינגט געוואָלט, איך זאָל ווערען א דאָקטאָר. מיר דאכט זיך, ווען איך וואָלט איהם דעמאָלט ניט געפאָלגט, וואָלט איך היינט זיך געפונען אין דעם הויפּט צענטר פון דער גייסטיגער בעוועגונג. אפשר וואָלט איך היינט געווען א פּראָפעסאָר ערגעץ אין אַן אוניווערסיטעט. נאַטירליך, דער גערעדנק איז אויך ניט עטוואס, וואס האט אַן אייביגען קיום, אבער איהר ווייסט דאָך, ווארום איך האב א נויגונג צו איהם. דאס לעבען איז א מיאוסער נעץ. ווען דער דענקענדער מענש ווערט רייפער, ווען ער הייבט אָן צו בעגרייפען זאכען טיעפער, דאַן דערפיהלט ער זיך נישט ווילענדיג ווי אין א נעץ, פון וועלכען מען קען זיך ניט ארויספּלאָנטע־רען. אין אמת׳ן, דורך א צופאַל געגען זיין ווילען איז ער אויף דער וועלט געקומען... צו וואס? ער וויל וויסען דעם זינן און דעם צוועק פון זיין לעבען, קריגט ער ניט אויף דעם קיין ענטפער, אדער מען ענטפערט איהם מיט באָבע־מעשות; ער קלאַפּט און מען עפענט איהם ניט; דער טויט קומט צו איהם, אויך געגען זיין ווילען. דערפאַר, פּונקט ווי אין א געפענגניס, פיהלען זיך די געפאַנגענע לייכטער, בעת זיי קומען זיך צונויף אין איינעם, אזוי איז לייכטער ניט צו בעמערקען אין׳ם לעבען דעם נעץ, ווען מענשען, פעהיגע צו דענקען און אנאַלי־זירען, קומען זיך צונויף צוזאַמען און פערברענגען די צייט אין אויס־טוישען שטאָלצע, פרייע געדאַנקען. אין דעם דאָזיגען זינן איז דער געדאַנק, דער שכל אַזאַ פערגעניגען, וועלכען מען קען מיט גאָרנישט ניט פערבייטען.

— גאַנץ ריכטיג.

און אַנדרעי יעפימיטש רעדט ווייטער שטיל און צוצויגען, קוקט ניט זיין צוהערער אין די אויגען און רעדט אַלץ וועגען די קלוגע

מענשען און די געשפּרעכען מיט זיי. און מיכאאיל אוועריאַניטש הערט זיך צו צו איהם מיט קאָפּ און איז מיט איהם מסכים:

— גאַנץ ריכטיג.

— און איהר גלויבט ניט אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה? — טהוט מיט אַמאָל אַ פרעג דער פּאָסטמייסטער.

— ניין, ווערטהער מיכאאיל אַוועריאַניטש, איך גלויב ניט און איך האב ניט קיין גרונט אין דעם צו גלויבען.

— דעם אמת געזאָגט, איז ביי מיר מכוח דעם אויך אַ ספק, כאָטש מיר דאכט זיך אָפּט, אַז איך וועל קיינמאָל ניט שטאַרבען. אַי — טראַכט איך מיר אַמאָל — אַלטער נאַר, שוין צייט אַ שטאַרב צו טהאָן! און אין דער אייגענער צייט שעפּצעט דאָרט אין דער נשמה אַ שטימעלע: גלויב ניט, דו וועסט ניט שטאַרבען!...

אַז דער זייגער האָט ניין געשלאָגען, הויבט זיך אָן דער פּאָסט־מייסטער צו קלייבען אַהיים. און בעת ער טהוט אָן דעם פּעלץ אין פאָרצימער, זאָגט ער מיט אַ זיפץ:

— יאָ, דער שיקזאַל האָט אונז פערשליידערט אין אַ היבשער לאָך! עס איז נאָך מעהר פערדראָסיג, וואָס דאָ וועט אויסקומען צו שטאַרבען אויך. ע־עך!...

7.

בעגלייט דעם פריינד ביז דער טהיר, זעצט זיך אַנדרעי יעפימיטש ווידער אַוועק ביים טיש און נעהמט זיך ווידער צום לע־זען.

די שטילקייט פון'ם פאַרנאַכט און דערנאָך פון דער נאַכט ווערט ניט געשטערט מיט אַ פּיפּס אפילו און די צייט, דאַכט זיך, האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז פערגליווערט געוואָרען צוזאַמען מיט אַנדרעי יעפימיטש'ן איבער'ן בוך; און עס דאַכט זיך, אַקוראַט ווי קיין זאַך וואָלט מעהר אויף דער וועלט ניט געווען, אויסער דעם בוך און דעם לאָמפּ מיט'ן גרינעם אַבאַזשור.

דער דאָקטאָר לעזט, און ביסלעכווייז קומט ער אריין אין התפּעלות פאַר די טיעפזיניגע פון'ם מענשליכען געדאנק, און אויף זיין גראָ־בען, פּויערשען פּנים הויבט אָן צו שטראַהלען א בעגייסטערט שמייכעל.

— גוואַלד — טראַכט ער — ווארום איז דער מענש ניט אונ־שטערבליך? וואָס פאַר א ווערדע האָט זיין מאָרך, זיין זעהן, זיין רע־דען, זיין פיהלען, זיין גאַנצע גאונות, ווען דאָס אַלעס מוז סוף כל סוף פערוואַנדעלט ווערען אין שטויב און צוזאַמען מיט דעם שאָלעכטץ פון דעם ערד־קוגעל פערקיהלט ווערען און דערנאָך זיך טראָגען מי־ליאָנען יאָהרען ארום דער זון אָהן א זינן און אָהן א צוועק? אום ער זאָל אזא סוף האָבען, האָט מען פון „ניט־זיין" ניט געדאַרפט מטריח זיין דעם מענשען מיט זיין הויכען, כמעט געטליכען פער־שטאַנד, און, דערנאָך, ווי אויף שפּאַס, איהם פערוואַנדלען אין לעהם.

לעבען אין אנדערע זאַכען פון דער נאַטור! אָבער וואָס פאַר א פייגהייט צו טרייסטען זיך מיט אזא מין אונשטערבליכקייט! די פּראָ־צעסען, וואָס קומען פאָר אונבעוואוסטערהייט אין דער נאַטור, זיינען ניעדעריגער אפילו, פון דער מענשליכער נארישקייט, ווייל אין דער מענשליכער נארישקייט זיינען דאָך פאָרט פאַראַן בעוואוסטזיין און ווילען און אין די פּראָצעסען פון דער נאַטור לחלוטין גאָר נישט. נור א פייגלינג, וואָס האָט ניט קיין ברעקעל רעספּעקט צו זיך און ציטערט און פלאַטערט פאַר'ן טויט, קאָן זיך טרייסטען מיט דעם, וואָס זיין גוף וועט מיט דער צייט לעבען אין א גרעזעל, אין א שטיין, אין א פּראָש...

ווען דער זייגער שלאָגט, וואַרפט זיך אנדרעי יעפימיטש אָפּ אויפ'ן ווענטעל פון'ם פאַטעל און מאַכט צו די אויגען, אום אביסעלע א טראַכט צו טהאָן. און ניט ווילענדיג פערטראַכט ער זיך אונטער דעם איינפלוס פון די גוטע געדאַנקען, וואָס ער האָט פון'ם בוך ארויסגעלאָזען, וועגען זיין פערגאַנגענהייט און געגענוואַרט.

די פערגאַנגענהייט איז העסליך, בעסער ניט צו טראַכטען וועגען איהר. און די געגענוואַרט ניט אויף א האָר בעסער פון דער פּער־גאַנגענהייט.

ער ווייסט, אז אין דער זעלביגער צייט, בעת זיינע געדאַנקען טראָגען זיך צוזאַמען מיט דער אָפּגעקיהלטער ערד ארום דער זון, מאַ־

טערען זיך מענשען אין דעם נאהענטען שפיטאל אין א ים פון צרות און פיזישען שמוץ. איינער, אפשר, קאן דארט ניט איינשלאפען, ווייל ער איז בעפאלען פון געוויסע אינסעקטען, אנאנדערער שטעקט זיך דארט אן פון אן אנשטעקענדיגער מכה, א דריטער קרעבצט פון דעם וואס מען האט צו שטייף ארומגעבונדען דעם באנד ארום זיין וואונד; און אפשר שפיעלען גאר דארט די קראנקע מיט די וועכטע־רינס אין קארטען און טרינקען שנאפס. פאריגען יאהר זיינען צוועלף טויזענד נפשות בעטראגען געווארען; דער גאנצער שפיטאל, פונקט ווי מיט צוואנציג יאהר צוריק, האלט זיך אויף אויף גנבה און רציחה, אויף רכילות און לשון הרע און אויף פרעכער שארלאטאנסטווא.

ער ווייסט, אז אין דער פאלאטע נומער זעקס הינטער די אייזערנע גראטעס שלאגט ניקיטא אהן רחמנות די קראנקע און אז משה'קע געהט ארום יעדען טאג איבער די גאסען און קלייבט נדבות.

פון דער אנדרער זייט ווייסט ער אויך, אז פאר די לעצטע פינף און צוואנציג יאהר זיינען אין דער מעדיצינישער וועלט פארגעקומען גוואלדיגע ענדערונגען. בעת ער האט זיך געלערענט אינ'ם אוניווער־סיטעט, האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז די מעדיצין וועט אויך באלד האבען דעם זעלביגען סוף, וואס די אלכעמיע און די מעטאפיזיקע, היינט אבער, ווען ער לעזט אמאל זיין מעדיצינישען זשורנאל, ווערט ער אפט נתפעל פון די גרויסע נייע אויפטהועכצען, וואס די מעדיצין האט אויפגעטהאן.

און אין אמת'ן, וואס פאר אן אונערווארטעטע רעוואלוציאן אין דער מעדיצין! א דאנק דער אנטיסעפטיק, מאכט מען היינט אזוינע אפעראציאנען, וועגען וועלכע די גרעסטע אויטאריטעטען אין מעדיצין האבען אמאל אפילו ניט געוואגט צו טרוימען. און די טהעאריע פון ערבשאפט, היפנאטיזם, די ענטדעקונגען פון פאסטער'ן, פון קאך'ן, די היגיענע מיט איהר סטאטיסטיק, די פסיכיאטריע מיט איהר היינטיגער קלאסיפיקאציאן פון קראנקהייטען, מיט איהרע מעטהאדען פון אויס־פארשען די קראנקהייט און פון היילען, וואס פאר וואונדערס!

היינט גיסט מען ניט משוגעים קיין קאלט וואסער אויפ'ן קאפ, מען האלט זיי ניט אין קיין צוואנגס־העמדער, מען בעגעהט זיך מיט זיי מענשליך און, ווי די צייטונגען שרייבען, מאכט מען פאר זיי אפילו פארשטעלונגען און בעלער.

אנדרעי יעפימיטש ווייסט, אז היינטיגע צייטען איז אזא שאנד, ווי די פּאַלאַטע נומער זעקס, בלויז מעגליך אין אזא פערשאַלטענער שטאָדט, צוויי הונדערט וויאָרסט פון א באהן, וואו דער גאָלאָווא (בורג־מייסטער) פון דער שטאָדט און די איבריגע שטאָדט־פערוואַלטער זיי־נען אונוויסענדע מענשען, וועלכע קוקען אויפ'ן דאָקטאָר, ווי אויף א היילינגען, וואס מען מוז גלויבען, מעג ער אפילו גיסען קאָכעדיגען בליי אין די מיילער. אין אן אנדער שטאָדט וואָלטען די איינוואוינער און די צייטונגען אויף שטיקער צוטראָגען אָט די דאָזיגע קליינע באסטיליע.

—אבער דער פּועל יוצא? — פרעגט זיך אנדרעי יעפימיטש, אויפעפענענדיג די אויגען: — וואָס פאר נוצען האָט מען פון דעם? האבען די קראנקע דערפאר אויפגעהערט צו קרענקען? שטארבען דערפאר וועניגער מענשען? ניט די אנטיסעפּטיק, ניט פּאסטער און ניט קאָך קאָנען עס פערמיידען. מען קרענקט און מען שטארבט פּונקט אזוי ווי פריהער. מען מאכט פאר די משוגעים בעלער און פאָר־שטעלונגען, און אין משוגעים־הייזער מוז מען זיי פאָרט האלטען פער־שפּאַרט. דאָס בעווייזט, אז אלעס איז נאַרישקייט, ניט ווערט קיין שמעק טאבאק, און צווישען דעם בעסטען קליניק אין וויען ערגעץ און מיין שפּיטאל איז אין אמת'ן קיין שום אונטערשיעד ניטאָ.

אָבער זאָרג און א געפיהל, וואָס איז עהנליך צו קנאה, נאָגען איהם פאָרט. ער קען ניט בלייבען רוהיג, גלייכגילטיג. דאָס איז, הפנים, מחמת ער איז מיעד.

ער לאָזט ארונטער דעם שווערען קאָפּ אויפ'ן בוך, לייגט אונטער די הענד אונטער'ן פּנים, אום עס זאָל זיין ווייכער, און טראכט:

— איך ארבייט פאר א שעדליכע זאך און איך בעקום געהאלט פון מענשען, וועלכע איך בעטריעג; איך בין ניט עהרליך. איך בין אָבער ניט דער איינציגער, איך בין נור איין קליינער טהייל פון דער סאָציאַלער מכה: אלע אונזערע בעאמטע זיינען שעדליך און קריגען אומזיסט געהאלט... דאָס בעווייזט, אז אין מיין ניט עהרליכקייט איז שולדיג ניט איך, נור די צייט... וואָלט איך געבאָרען געוואָרען צוויי הונדערט יאָהר שפּעטער וואָלט איך געווען אן אנדערער.

ווען דער זייגער שלאָגט דריי, פארלעשט ער דעם לאָמפּ און געהט צו זיך אין שלאָף־צימער. שלאָפען ווילט זיך איהם ניט.

8.

צוויי יאָהר צוריק האָט מען בעשלאָסען אָנצושטעלען נאָך א דאָקטאָר אין שפּיטאָל, א צווייטען צו אַנדרעי יעפימיטש'ן. דער נייער דאָקטאָר, וואָס די שטאָדט האָט אָנגעשטעלט, הייסט יעווגעני פיאָדאָריטש חאָבאָטאָוו.

ער איז נאָך גאָר א יונגער מאַן — נאָך ניט קיין דרייסיג יאָהר אַלט —א הויכער ברונעט מיט ברייטע באַק־ביינער און מיט קליינע אויגעלאַך. פריהער האָט ער פּראַקטיצירט אין די ארומיגע שטעדטלאַך און דערפער.

אָנגעקומען איז ער אין שטאָדט אָהן א גראָשען געלד ביי דער נשמה, מיט א קליין סאַקוואַיאַזש'ל און מיט א יונגער, מיאוס'ער פרוי, וועלכע, ווי ער זאָגט, איז זיין קעכין. די דאָזיגע פרוי האָט א ברוסט־עופּה'לע.

ער טראָגט א ברייטע היטעל מיט א לעצעל, הויכע שטיוועל און ווינטער — א קורצען פּעלצעל.

ער האָט זיך נאָהענט בעפריינדעט מיט'ן פעלדשער סערגעי סערגעיאיטש'ן און מיט'ן קאַסירער, די איבעריגע בעאַמטע, זאָגט ער, זיינען אַריסטאָקראַטען און דעריבער מיידט ער זיי אויס.

אין זיין גאַנצער וואוינונג געפינט זיך בלויז איין בוך: „די נייעסטע רעצעפּטען פון וויענער קליניק פאַר דעם יאָהר 1881". דעם דאָזיגען בוך שלעפּט ער תמיד מיט זיך, בעת ער געהט צו א קראַנקען.

אין די אבענדען שפּילט ער אַמאָל אין קלוב ביליאַרד, קאָרטען האָט ער ניט ליעב, און בעת ער רעדט, האָט ער ליעב צו געברויכען הויכע, געקרייזעלטע פראַזען.

אין שפּיטאָל קומט ער צוויי מאָל א וואָך, געהט ארום די פּאַלאַטעס און נעהמט אויף קראַנקע.

דאָס, וואָס אינ'ם שפּיטאָל איז ניטאָ קיין סימן פון אַנטיסעפּ־

טיק און פון בלוטזייגענדיגע באַנקעס, האָט ער פאַר אַ פערברעכען, אָבער דאָך פיהרט ער ניט איין קיין נייע אָרדנונגען, ווייל ער האָט מורא צו בעליידיגען מיט דעם אַנדרעי יעפימיטש'ן.

זיין קאָלעגא אַנדרעי יעפימיטש'ן האַלט ער פאַר אַן אַלטען שווינד־לער, איז חשד, אַז ער האָט זיך אָנגעלעבט אַ גרויס פערמעגען און אינ'ם האַרצען איז ער איהם מקנא. ער וואָלט זעהר וועלען פערנעהמען זיין פּלאַץ.

9.

איינמאָל אין אַ פריהלינג־אָבענד, אין די לעצטע טעג פונ'ם מאַנאַט מערץ, ווען פון דער ערד איז שוין געווען פערשוואונדען דער לעצטער שפּור פון שנעע און אויפ'ן שפּיטאָל־הויף האָבען שטאַאר־פויג־לען געזונגען, איז דער דאָקטאָר ארוים בעגלייטען זיין פריינד דעם פּאָסט־מייסטער ביז'ן טויער פונ'ם שפּיטאָל. גראָד אין יענער צייט איז אויפ'ן שפּיטאָל־הויף ארויפגעגאַנגען דער איד משה'קע, וועלכער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון דער גאַס מיט די אויסגעבעטעלטע נדבות.

ער איז געגאַנגען אָהן אַ היטעל, אין פּלאַכע קאַלאָשען אויף באָר־פוסע פיס און אין די הענד האָט ער געהאַלטען אַ קליינע טאָרבע.

— גיעב אַ קאָפּיקע! — האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ שמייכעל צום דאָקטאָר, ציטערענדיג פאַר קעלט.

אַנדרעי יעפימיטש, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט אָפּזאָגען, האָט איהם דערלאַנגט אַ צעהן־קאָפּיקענע מטבע.

— וואָס פאַר אַ סקאַנדאָל! — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן, קו־קענדיג אויף משה'קעס באָרפוסע פיס מיט די רויטע פּיאַטעס: — עס איז דאָך אַזוי פייכט!

און געריהרט פון אַ געפיהל, וואָס איז עהנליך געווען אי צו רחמנות, אי צו עקעל, איז ער אַוועק גלייך נאָכ'ן אידען אין פליגעל, קוקענדיג דאָ אויף זיין הוילען פּליך און דאָ אויף זיינע פּיאַטעס.

דערזעהן דעם דאָקטאָר, איז ניקיטאַ אויפגעשפּרונגען פון דער קופּע אַלטווארג און האָט זיך אויסגעצויגען, מעשה סאָלדאַט.

— גוט'ן אבענד, ניקיטא! — האָט אנדרעי יעפימיטש געזאָגט מיט א ווייכען קול — מען האָט געדארפט געבען דעם אידען א פּאָאר שטיוועל, א ניט וועט ער זיך צוקיהלען.

— צום בעפעהל, אייער וואוילגעבאָרען. איך וועל עס איבערגעבען דעם אויפזעהער.

— איך בעט דיך. דו טהו איהם א בעט אין מיין נאָמען. זאָג, אז איך האָב געבעטען.

די טהיר פון פיהר־הויז צו דער פּאַלאַטע איז געווען אָפען. איוואַן דמיטריטש איז געלעגען אויף זיין בעטעל, אָנגעלעהנט אויפ'ן עלענ־בויגען, און האָט זיך אונרוהיג צוגעהערט צו דער פרעמדער שטים און פּלוצים האָט ער דערקאָנט דעם דאָקטאָר. ער איז א פערטרייסעל־טער געוואָרען פאר כעס, ארונטערגעשפּרונגען פון דער בעט און מיט א רויטען, בייזען פּנים און מיט אויסגעקאַטשעטע אויגען האט ער זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען צימער.

— דער דאָקטאָר איז געקומען! — האָט ער א געשריי געטהאָן און זיך הויך צולאַכט — ענדליך! מזל טוב אייך, מיינע העררן, דער דאָקטאָר האָט אונז בעעהרט מיט זיין בעזוך! פערדאַמטער שרץ! — האָט ער א קוויטשע געטהאָן און א צוקאַכטער א טופּע געטהאָן מיט דער פוס: — מען דארף דער'הרג'ענען אזא שרץ! ניין, דער'־הרג'ענען איז ווייניג! אינ'ם רינשטאָק דארף מען אזא דערטרינקען!

אנדרעי יעפימיטש, וועלכער האָט עס דערהערט, האָט ארייגגע־קוקט פון פיהר־הויז אין פּאַלאַטע און ווייך געפרעגט:

— פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? — האָט איוואַן דמיטריטש א געשריי געטהאָן, צו־געהענדיג צו איהם מיט א דראָהענדיגען אויסדרוק און קאָרטשענדיג זיך פיעבריש אין זיין כאַלאַט: — פאר וואָס? גנב! — האָט ער ארויסגערעדט מיט עקעל און צונויפגעלייגט די ליפּען, ווי אויף א שפּיי צו טהאָן: — שאַרלאַטאַן! הענקער!

— בערוהיגט זיך — האָט זיך אָנגערופען אנדרעי יעפימיטש מיט א שולדיגען שמייכעל — איך פערזיכער אייך, אז איך האָב נאָך קיינמאָל אויף מיין לעבען גאָר נישט ניט גע'גנב'עט. איך זעה, אז איהר זייט בייז אויף מיר. איך בעט אייך. בערוהיגט זיך, אויב איהר קאָנט, און זאָגט מיר רוהיג: פאַרוואָס זייט איהר בייז?

— וואָרום האַלט איהר מיך דאָ?

— ווייל איהר זיינט קראַנק.

— נו, יאָ, קראַנק. אָבער צעהנדליגע און הונדערטע אַנדערע געהען דאָך אַרום פריי, ווייל איהר, מחמת אייער אונוויסענהייט, זייט ניט אימשטאַנד זיי אונטערצושיידען פון די קלאָהרע, געזונדע. וואָרום עפּעס זאָל איך און אָט די דאָזיגע אַנדערע אונגליקליכע זיצען דאָ פערשפּאַרט פאַר אַלעמען, ווי שעיר לעזאזל'ם? איהר און דער פעלדשער, און אויפזעהער, און אייער גאַנצער ניעדערטרעכטיגער פּאַק פונ'ם שפּיטאָל שטעהט אין מאָראַלישער הינזיכט ניט אין־אַן־ערך ניעדריגער פון יעדען איינציגען פון אונז. הייגט וואָרום זיינען מיר פערשפּאַרט און איהר ניט? וואו איז די לאָגיק?

— מיט מאָראַל און לאָגיק האָט עס ניט צו טהאָן. דאָס הענגט אָפּ אין גאַנצען פונ'ם צופאַל. וועמען מען האָט פערשפּאַרט, יענער איז פערשפּאַרט, און וועמען מען האָט ניט פערשפּאַרט, יענער געהט אַרום פריי, דאָס אַלעס. דער פאַקט, וואָס איך בין אַ דאָקטאָר און איהר אַ פּסיכישער קראַנקער, האָט ניט צו טהאָן ניט מיט קיין מאָראַל און ניט מיט קיין לאָגיק, איז ניט מעהר ווי אַ צופאַל.

— אַזאַ פּלאַפּלעריי פערשטעה איך ניט... — האָט פערשטיקט אַרויסגערעדט איוואַן דמיטריטש און זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין בעט.

משה'קע, וועלכען ניקיטאַ האָט ניט געוואַגט אַרומצוזוכען בשעת דער דאָקטאָר איז דערביי, האָט צוליגט אויף זיין בעט די שטיקלאַך ברויט, פּאַפּירלאַך און ביינער און, טרייסלענדיג זיך נאָך אַלץ פאַר קעלט, האָט ער עפּעס שנעל גענומען ריידען אויף אידיש. מסתמא, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער האָט אַ קרעמעל געעפענט.

— בעפרייט מיך, לאָזט מיך אַרויס פון דאַנען — האָט געזאָגט איוואַן דמיטריטש, און זיין קול האָט אַ ציטער געטהאָן.

— איך קאָן ניט.

— אָבער פאַרוואָס? פאַרוואָס?

— ווייל דאָס איז ניט אין מיין מאַכט. בעדענקט נור, וואָס וועט עס אייך ניצען, אַז איך וועל אייך אַרויסלאָזען? נו, געהט. די מענשען און די פּאָליציי וועלען אייך אָבער כאַפּען און שיקען צוריק.

— יאָ, יאָ, דאָס איז אמת... — האָט איוואַן דמיטריטש ארויס־גערעדט און אַ רייב געטהאָן זיך דעם שטערן: — שרעקליך! אָבער וואָס טהוט מען? וואָס?

איוואַן דמיטריטש'עס קול און זיין יונגער קלוגער פּנים מיט די העויות זיינען געפעלען געוואָרען אַנדרעי יעפימיטש'ן. איהם האט זיך פערוואָלט אַ גלעט טהאָן דעם דאָזיגען יונגען מאַן און איהם בע־רוהיגען. ער האָט זיך געזעצט נעבען איהם אויף דער בעט, אַ טראַכט געטהאָן און געזאָגט:

— איהר פרעגט, וואָס איהר זאָלט טהאָן? אין אייער לאַגע איז דאָס בעסטע — צו אַנטלויפען פון דאַנען. ליידער אָבער, וועט עס אייך ניט נוצען. מען וועט אייך כאַפּען. ווען די געזעלשאַפט בעשיצט זיך גע־גען פערברעכער, פסיכישע קראַנקע און שעדליכע מענשען בכלל, איז אונמעגליך געגען איהר צו קעמפּפען. בלייבט פאַר אייך איינס: צו בערוהיגען זיך אויף'ן געדאַנק, אַז איהר דאַרפט דאָ זיין פערשפּאַרט, און אַ סוף!

— ווער דאַרף עס, ווער?

— איינמאָל עקזיסטירען געפענגניסע און משוגעים־הייזער, דאַרף דאָך עמיצער דאָרט זיצען. ניט איהר — איז איך, ניט איך — איז אַ דריטער. וואַרט, אַמאָל, אין דער ווייטער צוקונפט, וועלען ניט זיין מעהר ניט קיינע געפענגניסע און ניט קיינע משוגעים הייזער, וועלען דעמאָלט אויך ניט זיין ניט די אייזערנע גראַטעס אויף די פענס־טער און ניט די כאַלאַטען. אַזאַ צייט וועט פריהער אָדער שפּעטער מוזען קומען.

איוואַן דמיטריטש האָט מיט שפּאָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— איהר לאַכט — האָט ער געזאָגט און פערזשמורעט די אויגען — אַזוינע מענשען ווי איהר און אייער ארויסהעלפער ניקיטאַ, דרעהען זיך ניט אַ קאָפּ — וועגען אַ שעהנער צוקונפט, אָבער איך פערזיכער אייך, מיין הערר, אַז עס וועלען אַמאָל קומען בעסערע צייטען! מעגט איהר מיך האַלטען פאַר אַ פלאַפּלער, פאַר אַ פּראַזיאַר, מעגט איהר פון מיר לאַכען, איך זאָג אייך אָבער, אַז עס וועט נאָך אויפשטראַהלען דער מאָרגענשטערן פון אַ נייעם לעבען, דער אמת און די גערעכטיג־קייט וועלען נאָך טריאומפפירען, און אויף אונזער גאַס וועט זיין

יום טוב. איך אליין וועל עס ניט דערלעבען, וועל פגר'ן אַ סך פריהער פאַר דעם, אבער דערפאַר וועלען עס עמיצענס אור־אייניקלאַך דער־לעבען! מיט מיין גאַנצען הארצען גראַטוליר איך זיי און פרעה זיך, פאַר זיי! פאָרווערטס! זאָל אייך גאָט מצליח זיין, פריינד!

איוואַן דמיטריטש האָט זיך אויפגעהויבען מיט בלישצענדיגע אויגען און, אויסגעשטרעקט די הענט צום פענסטער, האָט ער ווייטער גערעדט מיט אויפרעגונג אינ'ם קול:

— דורך די דאָזיגע גראַטעס בענש איך אייך! לעבען זאָל דער אמת! איך פרעה זיך!

—און איך געפין ניט קיין בעזונדערע אורזאַך צו פרעהען זיך — האָט זיך אָנגערופען אַנדרעי יעפימיטש, וועמען איוואַן דמיטריטש'עס אויסברוך האָט זיך אויסגעוויזען טעאַטראַליש און איז אין דער איי־גענער צייט שטאַרק געפעלען געוואָרען: — אמת, איך גיעב צו, קיינע געפענגניסע און משוגעים־הייזער וועלען דעמאָלט ניט זיין און דער אמת, ווי איהר האָט זיך אויסגעדריקט, וועט טריאומפפירען, אָבער דער עיקר וועט דאָך פערבלייבען, די געזעצען פון דער נאַטור וועלען דאָך פערבלייבען די אייגענע. מענשען וועלען זיין קראַנק, ווע־לען אַלט ווערען און שטאַרבען פונקט אַזוי, ווי היינט. ווי הערליך זאָל ניט זיין דער מאָרגענשטערן פון אייער גייעם לעבען, דעם קבר אָבער וועט איהר דאָך סוף כל סוף ניט קאָנען אויסמיידען.

— און די אונשטערבליכקייט?

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטען!

— איהר גלויבט ניט, איך אָבער גלויב יאָ. ביי דאָסטאָיעווסקי'ן צו ביי וואָלטער'ן זאָגט עמיצער, אַז ווען קיין גאָט וואָלט ניט געווען, וואָלט איהם מענשען אויסגעטראַכט; און מיין טיעפע איבערצייגונג איז, אַז ווען עס איז ניטאָ קיין אונשטערבליכקייט, וועט דער מעכ־טיגער מענשליכער געדאַנק זי פריהער אָדער שפּעטער בעשאַפען.

— גוט געזאָגט — האָט זיך אָנגערופען אַנדרעי יעפימיטש ,און געשמייכעלט פאַר פערגעניגען — עס איז גוט, וואָס איהר גלויבט. מיט אַזאַ גלויבען קאָן לעבען גליקלאַך אפילו אַ פערמויערטער אין אַ וואַנד. איהר האָט ערגעץ געלערענט?

— יאָ, איך האָב בעזוכט דעם אוניווערסיטעט, האָב אָבער ניט געענדיגט.

— איהר זייט אַ מענש, וואָס דענקט, וואָס טראַכט זיך אריין. אין יעדער סביבה קאָנט איהר רוה־שעפּען אין זיך אַליין. אַ פרייעס און טיעפעס דענקען, וואָס זוכט צו בעגרייפען דעם לעבען, אַ פאָל־קאָמענע פעראַכטונג צו דעם נאַרישען הבל הבלים פון'ם לעבען — דאָס זיינען צוויי ברכות, וואָס גרעסערע פון זיי האָט דער מענש קיינ־מאָל ניט פערמאָגט. און איהר קאָנט זיי האָבען, אפילו ווען איהר זאָלט לעבען הינטער דריי מאָל אזוי פיעל גראַטעס. דיאָגענוס האָט געלעבט אין אַ פאַס, פונדעסטוועגען איז ער געווען גליקליכער פון אַלע קסרים אויף דער וועלט.

— אייער דיאָגענוס איז געווען אַ גולם! — האָט איוואַן דמיט־ריטש געזאָגט מיט אַ פינסטער מינע — און וואָס דערצעהלט איהר מיר וועגען דיאָגענוס'ן און וועגען עפּעס פעראַכטונגען און ברכות?

— איז ער פּלוצים בייז געוואָרען און אויפגעשפּרונגען — איך האָב ליעב דאָס לעבען, איך האָב עס ליעב ליידענשאַפטליך! ביי מיר איז די פערפאָלגונגס־מאַניע, אַ שטענדיגער פיינליכער פּחד, עס זיינען פאַראַן מינוטען, ווען מיך כאַפּט אָן די דורשט צו לעבען, און דעמאָלט האָב איך מורא, איך זאָל פון זינען ניט אַרונטער! איך וויל לעבען, לעבען, מורא'דיג, מורא'דיג!

ער איז זיך דורכגעגאַנגען איבער דער פּאַלאַטע און דערנאָך גע־זאָגט מיט אַ שטילערען קול:

— ווען איך הויב אָן צו טרוימען, דערזעה איך באַלד געשפּענס־טער. עס קומען צו מיר עפּעס מענשען, איך הער שטימען, מוזיק, און מיר דאַכט זיך, אַז איך שפּאַציר עפּעס איבער וועלדער, איבער'ן ברעג פון'ם ים, און דעמאָלט ווילט זיך מיר מורא'דיג עפּעס טהאָן, זאָרגען... זאָגט נור, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס? — האָט ער פּלוצים גע־פרעגט — וואָס הערט זיך עפּעס דאָרט?

— איהר ווילט עפּעס וויסען וועגען דער שטאָדט אָדער אין אַל־געמיין?

— אַפריהער דערצעהלט מיר וועגען דער שטאָדט און דערנאָך אין אַלגעמיין.

— וואָס זאָל זיך הערען... אין דער שטאָדט איז מורא'דיג לאַנגווייליג... ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען, ניטאָ וועמען

צו הערען. קיין נייע מענשען זיינען ניטאָ. אגב, ניט לאַנג איז אָנגעקו־מען א נייער דאָקטאָר, א יונגער מאַן מיט׳ן נאָמען חאָבאטאָוו.

— ער איז נאָך פאר מיין צייט אָנגעקומען. וואָס פאַר א מענש איז ער, א חם?

— יאָ, ניט קיין קולטורעלער מענש... אַן אונגליקליכע, שלים־מזל׳דיגע שטאָדט.

— יאָ, אַן אונגליקליכע, שלים־מזל׳דיגע שטאָדט!—האט איוואַן דמיטריטש א זיפץ געטהאָן און זיך צולאכט — און אין אַלגעמיין וואָס הערט זיך? וואָס שרייבט מען עפּעס אין די צייטונגען און אין די זשורנאַלען?

אין דער פּאַלאַטע איז שוין געוועזען פינסטער. דער דאָקטאָר האט זיך אויפגעהויבען און, שטעהענדיג, האט ער דערצעהלט, וואס מען שרייבט אין אויסלאַנד און אין רוסלאַנד און וואָס פאַר א געדאַנקען־ריכטונג עס מערקט זיך איצט.

איוואַן דמיטריטש האט אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו איהם און געשטעלט פראַגען. פּלוצים, אזוי ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּעס שרעקליכעס, האט ער זיך א כאַפּ געטהאָן פאר׳ן קאָפּ און זיך אוועקגעלייגט אויף דער בעט, מיט׳ן רוקען צום דאָקטאָר.

— וואָס איז דער מעהר? — האָט געפרעגט אַנדרעי יעפימיטש.

— קיין וואָרט וועט איהר ניט הערען מעהר פון מיר, קיין וואָרט!

— האט שאַרף געענטפערט איוואַן דמיטריטש — געהט אוועק!

— וואָרום?

— איך זאָג אייך: געהט אוועק! וואָס זייט איהר צוגעשטאַנען? צום טייפעל!

אַנדרעי יעפימיטש האָט א דריק געטהאָן מיט די אַקסלען, א זיפץ געטהאָן און איז ארויס.

דורכגעהענדיג די פיהר־הויז, האָט ער געזאָגט:

— ווי קאָן מען דאָרט אַביסעלע א ריינינג טהאָן, ניקיטאַ... א מורא׳דיג שווערער גערוך!

— צום באַפעהל, אייער וואוילגעבאָרען!

— וואָס פאַר אַן אנגענעהמער יונגער מאַן! — האָט געטראַכט אַנדרעי יעפימיטש, געהענדיג צו זיך אהיים: — פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך וואוין דאָ, טרעף איך דאָס ערשטע מאָל א מענשען,

מיט וועמען מען קאָן א וואָרט אויסריידען. ער האָט א דענקענדיגען קאָפּ און אינטערעסירט זיך גראָד מיט די ריכטיגע פראַגען.

לעזענדיג און דערנאָך ליגענדיג זיך שלאָפען, האָט ער די גאַנצע צייט געטראַכט וועגען איוואַן דמיטריטש'ן און אויפגעכאַפּט זיך אויף מאָרגען אין דער־פריה, האָט ער זיך דערמאָנט, אז נעכטען האָט ער זיך בעקאַנט מיט אַן אינטערעסאַנטען, קלוגען מענשען און ער האָט בעשלאָסען צו בעזוכען איהם נאָך אמאָל.

10.

איוואַן דמיטריטש איז געלעגען אין דער זעלביגער פּאָזע, ווי נעכטען, ארומגעכאַפּט דעם קאָפּ מיט די הענד און מיט די פיס אונ־טערגעקאָרטשעט. זיין פּנים האָט זיך ניט ארויסגעזעהן.

— וואָס מאַכט איהר, מיין פריינד — האָט געזאָגט אַנדרעי יע־פימיטש, אריינקומענדיג אין דער פּאַלאַטע: — איהר שלאָפט?

— ערשטענס, בין איך ניט אייער פריינד — האָט ארויסגערעדט איוואַן דמיטריטש אין קישען אריין — און, צווייטענס, אומזיסט אייער טרחה: איהר וועט ביי מיר גאָר נישט דערגעהן.

— מערקווערדיג... — האָט דער דאָקטאָר ארויסגעשטאַמעלט — נעכטען האָבען מיר, דאַכט זיך, גערעדט אזוי פריינדליך און מיט אמאָל זייט איהר עפּעס בייז געוואָרען און אויס ריידען... מסתמא האָב איך אונגערען עפּעס אויסגערעדט אַזוינס, וואָס האָט אייך בע־ליידיגט, אָדער אפשר גאָר האָב איך אַזוינס געזאָגט, מיט וואָס איהר זייט ניט מסכים, וואָס איז געגען אייערע איבערציינונגען...

— יאָ, אָט באַלד טאַקי גלויב איך אייך! — האָט ארויסגעמור־מעלט איוואַן דמיטריטש, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ פון דער קישען און קוקענדיג אויפ'ן דאָקטאָר מיט שפּאָט און אונרוהיג; די אויגען ביי איהם זיינען געווען רויט: — געהט ערגעץ אַנדערש שפּיאָנירען און שמעקען, דאָ האָט איהר ניט וואָס צו טהאָן. איך האָב נאָך נעכטען פערשטאַנען, צוליעב וואָס איהר זייט געקומען.

— וואָס אייך קאָן איינפאַלען! — האָט דער דאָקטאָר אַ שמייכעל געטהאָן — איהר האַלט מיך, הייסט עס, פאַר אַ שפּיאָן?

— יאָ, איך מיין אַזוי... אַ שפּיאָן אָדער אַ דאָקטאָר, צו וועמען מען האט מיך איבערגעגעבען צו פּייניגען — איז דאָס ניט אַלץ איינס?

— כ'לעבען, איהר זייט אַ מאָדנער מענש, ענטשולדיגט פאַר דעם אויסדרוק...

דער דאָקטאָר האָט זיך געזעצט אויפ'ן ניעדריגען בענקעל נעבען דער בעט און פאַרוואורפספּול אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— זאָל זיין אפילו, אַז איהר זייט גערעכט — האָט ער געזאָגט — אָנגענומען, אַז איך זוך פון אייך ארויסצוציהען ווערטער פאַר דער פּאָליציי; מען האָט אייך שוין ארעסטירט און פער'משפּ'ט אויך. וואָלט אייך דעמאָלט דען געווען ערגער ווי היינט דאָ? און אַז מען וואָלט אייך פערשיקט קיין סיביר אָדער אויף קאַטאָרגע אפילו, גלויב איך אויך ניט, אַז אייך וואָלט דעמאָלט געווען ערגער ווי דאָ, אין דעם פליגעל... איך מיין, אַז ניט... היינט וואָס האָט איהר מורא?

הפנים, די דאָזיגע ווערטער האָבען געווירקט אויף איוואַן דמיט־ריטש'ן. ער האָט זיך רוהיג אויפגעזעצט.

דאָס איז געווען אַרום פינף פאַרנאַכט — פונקט יענע צייט, ווען אַנדרעי יעפימיטש געהט אַרום, געוועהנליך, ביי זיך אין דער היים איבער די צימערען און דאַריושקאַ פרעגט ביי איהם, צו איז איהם ניט צייט צו טרינקען ביער. דאָס וועטער אין דרויסען איז געווען שעהן.

— נאָך מיטאָג האָט זיך מיר פערוואָלט דורכגעהן, און אַזוי בין איך פערגאַנגען אהער, ווי איהר זעהט — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — אין דרויסען איז אמת'ער פריהלינג.

— וואָס פאַר אַ מאָנאַט האָבען מיר היינט? מערץ? — האָט געפרעגט איוואַן דמיטריטש.

— יאָ, ענדע מערץ.

— עפּעס קויטיג אין דרויסען?

— ניין, ניט זעהר. אינ'ם גאָרטען זיינען שוין פאַראַן טרוקענע שטעגלאַך.

— איצט וואָלט גוט געווען דורכצופאָהרען זיך אין אַ קאוטש ער־

געץ הינטער דער שטאָדט—האט זיך אָנגערופען איוואן דמיטריטש, אויסרייבענדיג זיינע רויטע אויגען, אזוי ווי פונ׳ם שלאָף: — דערנאָך צוריקקעהרען זיך אהיים, אין א ווארעמען הויזליכען צימער און... און זיך א קוריר טהאָן ביי עפּעס אַן אנשטענדיגען דאָקטאָר... איך האָב שוין לאַנג ניט געלעבט לייטיש. און דאָ איז העסליך! ניט אויס־צוהאַלטען!

נאָך דער נעכטיגער אויפרעגונג איז ער געווען מיעד, שוואך און איז ניט אויפגעלייגט געווען צו ריידען. די פינגער האָבען זיך ביי איהם געטרייסעלט און נאָך זיין פּנים נאָך האָט מען געקאָנט זעהען, אַז דער קאָפּ האָט איהם שטארק וועה געטהאָן.

— קיין אונטערשיעד, וואו מען וואוינט — האָט געזאָגט אַנדרעי יעפימיטש — צי אין א ווארימען צימער, צי דאָ, אין דער דאָזיגער פּאַלאַטע. די רוה און צופריעדענקייט פונ׳ם מענשען ליעגען ניט אויסער איהם, נור אין איהם.

— וואָס מיינט איהר? איך פערשטעה אייך ניט.

— איך מיין... דער געוועהנליכער מענש געפינט זיין גליק אין קאוטש און אין שעהנעם, ווארימען צימער, דער דענקענדיגער מענש אָבער — אין זיך אליין.

— געהט און פּראָפּאַגאַנדירט די דאָזיגע פילאָזאָפיע אייערע אין גריכענלאַנד, וואו עס איז ווארעם און ווי עס שמעקט מיט פּאָמעראַנ־צען, דאָ אָבער פּאַסט זי ניט, ניט אַזאַ קלימאַט. ווער האָט עס מיר דערמאָנט אַן דיאָגענוס׳ן, איהר דאכט זיך?

— יאָ, איך, נעכטען.

— דיאָגענוס האט געקאָנט אויסקומען אָהן א ווארימען צימער, וייל דאָרט איז אָהן דעם אויך גענוג ווארעם. מען קאָן זיך דאָרט גאַנץ בעקוועם ליגען אין א פאַס און עסען פּאָמעראַנצען און אוילבערטען. זאָל אבער א דיאָגענוס פּרובען וויזען אַזאַ קונץ אין רוסלאַנד, וואו די פּרעסט האָבען גאָר קיין דרך ארץ ניט פאַר פילאָזאָפען? זייט רוהיג, דאָ וואָלט ער זיך געבעטען אין א צימער ניט נור אין דעצעמבער, נור אפילו אין מיטען מאַי — אויך.

— ניין, קעלט, ווי בכלל יעדען וועהטאָג, קאָן מען ניט פיהלען אויך. מארקוס אוירעליאוס האָט געזאָגט: „א וועהטאָג איז בלויז א לעבעדיגע פּאָרשטעלונג וועגען וועהטאָג: טהו זיך אָן א כוח, פער־

טרייב פון זיך די דאָזיגע פאָרשטעלונג, הער זיך אויף צו קלאָגען, און דער וועהטאָג וועט פערשווינדען". דאָס איז ריכטיג. דער חכם, אָדער איינפאַך, דער דענקענדער מענש, וועלכער איז פעהיג אריינצוטראַכ־טען זיך אין זיך, אונטערשיידעט זיך מיט דעם פונ'ם געוועהנליכען מענשען, וואָס ער פעראכטעט די ליידען; אזא איינער איז אלע מאָל צופריעדען, און קיין זאַך קימערט איהם ניט.

— און אז איך לייד, און אז איך בין ניט צופריעדען און קימער זיך יאָ וועגען דער מענשליכער פערדאָרבענהייט, הייסט עס, בין איך א אידיאָט דערפאר.

— קיינער זאָגט עס ניט. איך זאָג נור, ווען איהר וועט זיך אָפטער אריינטראַכטען אין זיך, דאן וועט איהר ערשט קלאָהר בעגריי־פען, ווי נישטיג איז דאָס אלעס, וואָס רעגט אויף אונז. מען דאַרף בלויז שטרעבען צו פערשטעהן דעם לעבען, און אין דעם איז דאָס אמת'ע גליק.

— צו פערשטעהן דעם לעבען... — האָט זיך איוואן דמיטריטש פערקרימט — אריינטראַכטען זיך... ענטשולדיגט, דאָס פערשטעה איך ניט. איך ווייס נור — האָט ער געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פונ'ם אָרט און קוקענדיג בייז אויפ'ן דאָקטאָר: — איך ווייס נור, אז גאָט האָט מיך בעשאַפען מיט ווארימען בלוט און נערוועז. יאָ־אָ! און די נערוועז מיינע, אויב נור זיי זיינען לעבענספעהיג, מוזען פיהלען, מוזען רעאַגירען אויף יעדע אויפרעגונג. און איך רעאַגיר! אויף וועהטאָגען רוף איך זיך אָפּ מיט געשרייען און טרעהרען, אויף פערדאָרבענהייט — מיט בייזען צאָרן, אויף העסליכקייט — מיט פעראַכטונג. נאָך מיין מיינונג, איז דאָס טאַקי, וואָס מען רופט לעבען. וואָס נידעריגער אַן אָרגאַניזם איז, אלץ טעמפּער זיינען די נערוועז, אלץ ווענינער פיהלען זיי און אלץ שוואַכער רופען זיי זיך אָפּ אויף דער ווירקליכקייט, און וואָס העכער אַן אָרגאַניזם איז, אלץ טיעפער פיהלט ער און אלץ ענערגישער רעאַגירט ער אויף דער ווירקליכקייט. ווי פערשטעהט איהר עס ניט אליין? א דאָקטאָר, און פערשטעהט ניט אזוינע פּשוט'ע זאַ־כען! אום צו פעראַכטען די ליידען, אום צו זיין אימער צופריעדען און זיך ניט קימערען וועגען גאָר נישט, מוז מען פערלירען דעם גאַנצען פּנים פון א מענשען, מוז מען זיין אָט אין אזא צושטאַנד — און אי־וואן דמיטריטש האָט אָנגעוויזען אויף דעם דיקען, פערגאָסענעם מיט

שמאָלץ פּויער — אדער מען מוז זיך אזוי צוגעוועהנען צו די ליידען, אַז מען זאָל זיי שוין מעהר ניט פיהלען, מיט אַנדערע ווערטער, מיינט עס, אויפהערען לעבען אין גאַנצען. ענטשולדיגט, איך בין ניט קיין חכם און ניט קיין פילאָזאָף — האָט איוואַן דמיטריטש גערעדט ווייטער צורייצט — און איך פערשטעה עס ניט. איך בין אין גאַנצען ניט פעהיג צו דעבאַטירען.

— פערקעהרט, איהר דעבאַטירט זעהר שעהן.

— די גריכישע פילאָזאָפען, וועגען וועלכע איהר רעדט, זיינען געוועזען מערקווירדיגע מענשען, אָבער זייער לעהרע איז שטעהן געבליבען אויף איין אָרט נאָך מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק און פון יענער צייט אָן האָט זי אפילו ניט אויף א שפּאַן א טראָט געטהאָן אין פאָראויס און וועט קיינמאָל ניט אַ טראָט טהאָן, ווייל זי, די דאָזיגע לעהרע, איז ניט פראַקטיש און איז ניט לעבענספעהיג. זי האָט נור ערפאָלג געהאַט ביי א קליין הייפעל מענשען, ביי יענע, וואָס האַלטען אין שטודירען און אין גריבלען זיך אין פערשיעדענע לעהרערס, די מעהרהייט אבער האט זי ניט פערשטאַנען. א לעהרע, וואס פּראָפּאַגאַנדירט גלייכגילטיגקייט צו רייכטהום, צו וואוילטאָגען אינ׳ם לעבען, פעראַכטונג צו ליידען און טויט, אַזאַ לעהרע מוז פרעמד בלייבען דער גרויסער מערהייט, וואָרום די גרויסע מעהרהייט האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין רייכטהום און וואוילטאָגען אינ׳ם לעבען; און פעראַכטען ליידען איז פאַר איהר דאָס זעלבע, ווי צו פעראַכטען דאָס גאַנצע לעבען, דען דאָס גאַנצע לעבען איהר׳ם איז איין קייט פון הונגער, קעלט, בעליידיגונגען, פערלוסטען און פון מורא׳דיגען שרעק פאַר דעם טויט. אין דעם בעשטעהט דאָס גאַנצע לעבען פון דער גרויסער מעהרהייט. דערפאר קאָן זי פיינד האבען אַזאַ לעבען, קאָן האסען, אָבער ניט פעראַכטען. יאָ, דעריבער זאָג איך, אַז די לעהרע פון יענע גריכישע פילאָזאָפען, וואָס פּראָפּאַגאַנדירט גלייכגילטיגקייט צום לעבען, קאָן קיינמאָל ניט האָבען קיין קיום. פון תמיד אָן האָט פּראָגרעסירט און וועט נאָך ווייטער פּראָגרעסירען דער קאַמפּף, די פעהיגקייט צו שפּירען וועהטאָג און צו אויפרעגען זיך...

איוואַן דמיטריטש איז פּלוצים צומישט געוואָרען, אנשוויגען געוואָרען און האָט מיט פערדרוס א קראַץ געטהאָן דעם שטערן.

— איך האָב געוואָלט זאָגען עפּעס וויכטיגעס און איך גערענק

ניט וואָס — האָט ער אַרויסגעמורמעלט — ווענען וואָס האָב איך גער־ עדט? יאָ! איך האָב זיך דערמאָנט! עמיצער פון די דאָזיגע פילאָ־ זאָפען, וואָס האָבען פּראָפּאַגאַנדירט גלייכגילטיגקייט, האָט זיך פער־ קויפט אין שקלאַפערײַ, אום צו קאָנען בעפרייען זיינעם אַ פריינד. ווי איהר זעהט, האָט דער דאָזיגער פילאָזאָף אליין אויך ניט געקאָנט בלייר בען גלייכגילטיג צו די ליידען אינ׳ם לעבען, ווייל האַנדלען אַזוי גרויס־ מוטהיג, מקריב זיין זיך פאַר אַ צווייטען, קאָן נור איינער, וואָס האָט אַ נשמה, וועלכע פיהלט טיעף און וועלכע קאָן ענטריסטעט ווערען. דאָ, אין דער דאָזיגער געפענגניס, האָב איך פערגעסען אַלעס, וואָס איך האָב געלערענט, אַ ניט וואָלט איך זיך נאָך אָן עפּעס דערמאָנט. יאָ, נעהמט כריסטוס׳ן אליין. ער האָט אויך זיך אָפּגערופען אויף דער ווירקליכקייט: ער האָט אויך געוויינט, געשמייכעלט, געטרויערט, האָט מיט צאָרן געברענט, געבענקט אפילו; די ליידען האָט ער ניט מקבל פנים געווען מיט אַ שמייכעל און דעם טויט האָט ער ניט פעראַכטעט, ער האָט צו גאָט תפלה געטהאָן, בעטענדיג, ער זאָל איהם העלפען.

איוואַן דמיטריטש האָט זיך צולאַכט און זיך אַנידערגעזעצט.

— נו, אפילו אָנגענומען, אַז די רוה און צופריעדענהייט פונ׳ם מענשען זיינען ניט אויסער איהם, נור אין איהם אליין — האָט ער געזאָגט — צוגעגעבען, אַז מען דאַרף פעראַכטען די ליידען און מען דאַרף זיך ניט ווענען גאָר נישט קימערען, — וואָס האָט עס אָבער צו טהאָן מיט אייך? ווארום פּראָפּאַגאַנדירט עס? איהר זייט דען אַ פילאָזאָף?

— ניין, איך בין ניט קיין פילאָזאָף, אָבער פּראָפּאַגאַנדירען דאַרף עס יעדער, ווייל דאָס איז אַ קלוגע זאַך.

— ניין, איך וויל וויסען, ווארום האַלט איהר זיך אין דעם ענין פון דער דאָזיגער פילאָזאָפיע פאַר אַן אויטאָריטעט? וואָרום האַלט איהר זיך פאַר קאָמפּעטענט אין דעם ענין פון פעראַכטען די ליידען? האָט איהר דען אַמאָל געליטען? האָט איהר דען אַ בעגריעף פון ליי־ דען? זאָגט נור: האָט מען אייך אין אייער קינדהייט אַמאָל געשמי־ סען?

— ניין, מיינע עלטערען האָבען געפיהלט אַן עקעל צו קערפּער־ ליכע בעשטראָפונגען.

— און מיך האָט מיין פאָטער די הויט געשונדען אָהן רחמנות.

מיין פאָטער איז געווען א שטרענגער מענש, א געלדענ־אָדערניק, מיט א לאַנגער נאָז און מיט א געלער האַלז. אָבער מיר וועלען בעסער ריידען וועגען אייך. אין אייער גאַנץ לעבען לאַנג האָט קיינער זיך ניט צוגעריהרט צו אייך מיט א פינגער, קיינער האָט אייך ניט אָנגעשראָקען און ניט פערפאָלגט, זייט איהר געזונד, ווי אַן אָקס. איהר זייט אויפגעוואקסען אונטער דעם שוץ פון אייער פאָטער און אויף זיין חשבון האָט איהר זיך געלערנט און דערנאָך גלייך געקראָגען א שטעלע. העכער צוואַנציג יאָהר ווי איהר וואוינט אויף אַן אומזיסטער קוואַרטיר, מיט בעהייצונג, און בעלייכטונג, מיט דיענערשאַפט, טהוט זיך, וואָס און ווען איהר ווילט, קיינער טרייבט אייך ניט אין קאָרק, קיינער נויט אייך ניט, ווען און וואָס צו טהאָן. ווען איהר טהוט גאָר נישט, וועט אייך אויך קיינער ניט אויסריידען. פון נאַטור אויס זייט איהר א פוילענצער, א שווערער מענש און דערפאַר האָט איהר געזוכט איינצוריכטען אייער לעבען אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט שטערען אייער פוילענצען. אַכטונג צו געבען אויף די קראַנקע פערלאָזט איהר זיך אין גאַנצען צו געבען אויפ'ן פעלדשער און אויף די איבעריגע לומפּען, און אַליין זיצט איהר זיך אין דער וואַרימקייט און אין דער רוהיגקייט, קלייבט זיך געלד, לעזט ביכלאַך, חיות'ט זיך מיט די רעיונות וועגען פערשיעדענע ערהאַבענע נאַרישקייטען און איהר שנאַפּסקעט אריין. (איוואַן דמיטריטש האָט דערביי א קוק געטהאָן אויף דעם דאָקטאָר'ס רויטע נאָז) מיט איין וואָרט, דאָס לעבען האָט איהר ניט געזעהן, קאָנט איהם אין גאַנצען ניט, און מיט דער ווירקליכקייט זייט איהר בעקאָנט בלויז טהעאָרעטיש. און איהר פעראַכטעט די ליידען, און קיין זאַך קימערט אייך ניט מחמת א פשוטע זאַך: מחמת די דאָזיגע גאַנצע פילאָזאָפיע וועגען הבל הבלים פונ'ם לעבען און טויט, וועגען אריינטראַכטען אין זיך און אַזוי ווייטער — די דאָזיגע פילאָזאָפיע איז אין גאַנצען אָנגעמאָסטען פאַר א רוסישען פוילענצער. איהר זעהט, צום ביישפּיעל, ווי א פויער שלאָגט זיין ווייב. צו־וואָס זיך אריינצומישען? זאָל ער שלאָגען, אַלץ איינס וועלען זיי ביידע פריהער אָדער שפּעטער שטאַרבען. שיכור'ן איז נאַריש, ניט שעהן, אָבער צי מען טרינקט, שטאַרבט מען, צי טרינקט ניט — שטאַרבט מען. א פרוי קומט, די צייהן טהוען איהר וועה... איז וואָס? א וועהטאָג איז א פאָרשטעלונג וועגען וועהטאָג און חוץ דעם, אָהן וועהטאָגען קאָן

מען ניט אויסלעבען די יאָהרען אויף דער וועלט, מיר וועלען אלע מאָל שטאַרבען, און דעריבער, טראָג זיך אָפּ, פרוי, שטער מיר ניט צו טראַכטען און צו טרינקען מיין בראַנפען. א יונגער מאַן פרעגט אַן עצה, וואס צו טהאָן, ווי צו לעבען; אַן אַנדערער, איידער ער ענטפערט, וואָלט זיך פערטראַכט אויף דער פראַגע, ביי אייך אָבער איז שוין דער ענטפער פארטיג: שטרעב אריינצוטראַכטען אין זיך אליין; צו פערשטעהן זיך איז אַן אמת'ע ברכה. און וואָס הייסט אָט די דאָזיגע פאַנטאַסטישע „אמת'ע ברכה?" דאָס וועט איהר ניט קאָנען ערקלעהרען. אונז האַלט מען הינטער די גראַטעס, מיר פוילען דאָ, מען מאַטערט אונז, אָבער דאָס איז שעהן און קלוג, ווייל צווישען דער דאָזיגער פאַלאַטע און א וואַרימען שעהנעם צימער איז קיין אונטערשיעד ניטאָ. א בעקוועמע פילאָזאָפיע, ניטאָ וואָס צו ריידען... אי מען דאַרף גאָרנישט טהאָן, אי דאס געוויסען איז ריין, אי מען פיהלט זיך אַלס פילאָזאָף... ניין, מיין הערר, דאָס איז ניט קיין פילאָזאָפיע, ניט קיין טיעפעס דענקען, נור פוילענצעריי, שוואַרץ־קינסטלער...

יאָ! — איז איוואַן דמיטריטש ווידער בייז געוואָרען — איהר פעראַכטעט די ליידען און זאָל מען אייך פּרובען אָפּקוועטשען א פינגער מיט דער טהיר, נישקשה, איהר וואָלט שוין אויפגעהויבען א יללה!

— און אפשר וואָלט איך ניט אויפגעהויבען קיין יללה — האָט געזאָגט אַנדרעי יעפימיטש מיט א גוטען שמייכעל.

— יאָ, אוודאי! און אָט, ווען איהר וואָלט פּאַראַליזירט געוואָרען, אָדער, זאָלען מיר זאָגען, ווען עפּעס א פרעכער דומקאָפּ, בענוצענדיג זיך מיט זיין ראַנג און שטעלונג, וואָלט אייך עפענטליך בעליידיגט און איהר וואָלט געוואוסט, אַז דאָס וועט איהם אַריבער גלאַט, אַז קיינער וועט איהם דערפאר ניט בעשטראָפען, — דאַן ערשט וואָלט איהר קלאָהר בעגריפען, ווי גוט דאָס איז און ווי קלוג צו דערצעהלען יענעם מעשות וועגען פערשטעהן זיך, וועגען „אמת'ע ברכות" און אַזוי ווייטער.

— דאָס איז אָריגינעל — האָט געזאָגט אַנדרעי יעפימיטש, קוועלענדיג פאַר פערגעניגען און רייבענדיג זיך די הענד: — איך בין איינפאַך איבערראַשט פון אייער אַנאַליזירען זאכען און די כאַראַקטעריסטיק, וואָס איהר האָט נור וואָס געגעבען פון מיר, איז גלענצענד! איך מוז אייך זאָגען, אַז דאָס געשפּרעך מיט אייך פערשאַפט מיר

אמת'ן פערגעניגען. נו, איך האָב אייך אויסגעהערט, איצט, בעט איך אייך, איהר זאָלט מיך אויסהערען...

11.

דער דאָזיגער געשפּרעך האָט נאָך אָנגעהאַלטען ארום אַ שעה צייט און, קאָנטיג, אַז ער האָט געמאַכט אויף אַנדרעי יעפימיטש'ן אַ טיעפען איינדרוק. ער האָט גענומען געהן אין פּאַלאַטע נומער זעקס יע־דען טאָג. געגאַנגען איז ער אַהין אי אין די פריהמאָרגענס, אי נאָך מיטאָג און פלעגט דאָרט אָפּט אָבזיצען ביז שפּעט ביינאַכט שמוע־סענדיג מיט איוואַן דמיטריטש'ן.

די ערשטע צייט האָט איוואַן דמיטריטש פאַר איהם מורא געהאַט, האָט פאַרדעכטיגט, אַז ער, דער דאָקטאָר, קומט צו איהם מיט עפּעס אַ שלעכטער, אַ בייזער אַבזיכט און ער האָט איהם גאַנץ אָפען ארויס־געוויזען זיין שנאה, דערנאָך האָט ער זיך צו איהם צוגעוועהנט, און דעם הארטען אונפריינדליכען טאָן אומגעביטען אויף אַ איראָנישען, אָן הערצבלאַסענדען.

באַלד האָט זיך איבער'ן שפּיטאָל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָק־טאָר אַנדרעי יעפימיטש האָט גענומען בעזוכען די פּאַלאַטע נומער זעקס. נישט דער פעלדשער, נישט ניקיטאַ, נישט די וועכטערינס — קיינער האָט נישט געקענט פערשטעהן, צו־וואָס ער איז אַהין געגאַנגען, פאַרוואָס ער איז דאָרט אָבגעזעסען שעה'ן לאַנג, וועגען וואָס ער האָט גערעדט און פאַרוואָס ער האָט נישט פערשריעבען קיין רעצעפּטען. זיין האַנדלונג האָט אויסגעוויזען עפּעס גאָר מאָדנע. מיכאַיל אַווועריאַ־ניטש האָט איהם איצט אָפּט אין דער היים נישט געטראָפען, וואָס עס האָט ביז אַהער נאָך קיין מאָל נישט פּאַסירט, און דאַריושקאַ איז גע־וועזען זעהר צוטראָגען, ווייל דער דאָקטאָר האָט שוין אַצינד נישט גע־טרונקען זיין ביער אין אַ בעשטימטער צייט און האָט צייטענווייז זאָגאָר פאַרשפּעטיגט צום מיטאָג.

איין מאָל, דאָס איז געווען אין די לעצטע טעג פון'ם מאָנאַט יוני, איז דאָקטאָר כאָבאָטאָוו געקומען צו אַנדרעי יעפימיטש'ען ווע־

נען א געוויסער אנגעלעגענהייט; נישט געטראָפען איהם אין דער־היים, איז ער אוועק זוכען איהם אויף דעם הויף; דאָ האָט מען איהם געזאָגט, אז דער אַלטער דאָקטאָר איז אוועק צו די פּסיכיש־קראַנקע. אריינגעקומען אין פליגעל און אָבגעשטעלט זיך אין פיהר־הויז, האָט כאָבאָטאָוו דערהערט אזא מין געשפּרעך:

— מיר וועלען זיך קיין מאָל נישט צוזאַמענריידען און עס וועט זיך אייך קיין מאָל נישט איינגעבען מיך צו בעקעהרען צו אייער גלויבען — האָט געזאָגט איוואַן דמיטריטש מיט צורייצטקייט אין קול — איהר קענט נישט דאָס אמת'ע לעבען, האָט אליין קיין מאָל נישט געליטען און האָט בלויז, ווי א פּיאַווקע, זיך ערנעהרט פון פרעמדע ליידען, פרעמדע וועהטאָגען; איך אָבער האָב געליטען אָהן אָן אויפהער פון דעם ערשטען טאָג פון מיין געבורט אָן ביז היינט. דערפאַר זאָג איך אייך גאַנץ אָפען: איך האַלט זיך פאר העכער פון אייך און יעדענפאַלס פאר פערשטענדיגער און ערפאַהרענער. נישט איהר קאָנט מיך לעהרנען.

— איך האָב גאָר אין זינען נישט אייך צו מיין גלויבען צו בעקעהרען — האָט ארויסגערעדט אנדרעי יעפימיטש שטיל און מיט בעדויערען, פאַרוואָס מען וויל איהם נישט פערשטעהן: — און נישט דאָס איז דער עיקר, מיין פריינד. די הויפּט זאך בעשטעהט נישט אין דעם, וואָס איהר האָט געליטען און איך נישט. אי די ליידען אי די פריידען זיינען פאַריבערגעהענד; לאָמיר זיי לאָזען צורוה. דער עיקר איז, וואָס מיר ביידע זיינען אים שטאַנד צו דענקען; מיר קוקען איינער אויף דעם צווייטען, ווי אויף א מענשען, וועלכער איז פעהיג צו דענקען, איבערלעגען, און דאס אליין מאַכט אונז שוין סאָלידאַריש, ווי פערשיעדען אונזערע אנשויאונגען זאָלען נישט זיין. ווען איהר, מיין פריינד, זאָלט וויסען, ווי מיר האָט דערעסען די אַרומיגע משוגעת, די נישטיגקייט, די טעמפּקייט און מיט וואָס פאַר א פערגעניגען איך פערברענג יעדעס מאָל מיט אייך! איהר זייט א קלוגער מענש און איך האָב אמת הנאה זיך מיט אייך צו אונטערהאַלטען.

כאָבאָטאָוו האָט א קליין ביסעל געעפענט די טהיר און אריינגעקוקט אינעווייניג, אין אַפּאַלאַטע; איוואַן דמיטריטש אין זיין מיצעל

און דאָקטאָר אנדרעי יעפימיטש זיינען געזעסען איינער נעבען אנדערן אויף דער בעט.

דער משוגענער האָט געמאַכט העויות, האָט אויפגעציטערט און זיך געוויקעלט אין זיין כאַלאַט, טרייסלענדיג זיך, און דער דאָקטאָר איז געזעסען אונבעוועגליך, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און זיין פּנים איז געווען רויט, הילפלאָז, אומעדיג.

כאָבאָטאָוו האָט א דריק געטהאָן מיט די אַקסלען א לאַך געטהאָן און זיך איבערגעקוקט מיט ניקיטאַ'ן. ניקיטאַ האָט אויך א קוועטש געטהאָן מיט די אַקסלען.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז כאָבאָטאָוו געקומען אין פליגעל צוזאַמען מיט'ן פעלדשער. ביידע זיינען געבליבען שטעהן אין פיהר־הויז און האָבען אונטערגעהערט.

— אונזער זיידע איז, דאַכט זיך גאָר פעררוקט געוואָרען! — האָט געזאָגט כאָבאָטאָוו, ארויסגעהענדיג פון פליגעל.

— גאָטוניו, נישט שטראָף אונז, זינדיגע! — האָט א זיפץ געטהאָן דער פעלדשער, פּאַרזיכטיג ארומגעהענדיג די לוזשעס, אום נישט צו פאַרשמוצען זיינע שעהן אויסגעפּוצטע שטיוועל: — דעם אמת געזאָגט, מיין געעהרטער יעווגעני פעדאָריטש, האב איך דאס שוין לאַנג ערוואַרטעט!

12.

שפּעטער האָט אַנדרעי יעפימיטש געגומען באַמערקען ארום זיך עפּעס געהיימניספולע בליקען און פּנים'ער. די פויערים, די וועכטערינס און די קראַנקע, בעת זיי האָבען זיך מיט איהם באַגעגענט, האָבען עפּעס מאָדנע, אַזוי פרעגענדיג אויף איהם געקוקט און האָבען זיך דערנאָך גע'סוד'עט צווישען זיך. מאַשע'ן, דעם אויפזעהערס קליין טעכטער'ל, וועלכע ער האָט ליעב געהאַט צו טרעפען אין דעם שפּיטאָל גאָרטען, האָט זיך איצט עפּעס מאָדנע ארויסגעדרעהט פון איהם און איז פון איהם עפּעס אנטלאָפען, ווען ער איז מיט א שמייכעל צו איהר צוגעגאַנגען און געוואָלט א גלעט טהאָן זי איבער'ן קעפּעל. דער פּאָסט־

מייסטער מיכאאיל אווריאַניטש האָט שוין אַצינד הערענדיג איהם, נישט געזאָגט: „גאַנץ ריכטיג", ער האָט נור עפּעס מאָדנע, צומישט געמורמעלט: „יאָ, יאָ, יאָ ..." און געקוקט האט ער אויף איהם פער־טראַכט און אומעדיג. ער האָט גענומען ראטהען זיין פריינד אויפצו־הערען טרינקען שנאַפּס און ביער, אָבער אַלס אַן ערעלער מענש, האָט ער נישט גערעדט גלייך, נור מיט אָנצוהערענישען, דערצעהלענדיג דערביי דאָ וועגען אַ באַטאַליאָנעם קאָמאַנדיר, אַן אויסגעצייכענטען מענשען, דאָ וועגען אַ געוויסען גלח, וועלכע זיינען קראַנק געוואָרען פון די דאָזיגע געטראַנקען, נור זיי האָבען אויפגעהערט צו טרינקען און זיינען ווידער פאָלשטענדיג געזונד געוואָרען.

אַ צוויי דריי מאָל איז צו אַנדרעי יעפימיטש'ן געקומען זיין קאָלע־גע כאָבאָטאָוו; ער האָט איהם אויך געראַטהען אויפצוהערען טרינקען און גאָר אָהן אַ פּאַרוואָס איהם רעקאָמענדירט איינצונעהמען קאַלי בראָמאַטום.

אין אויגוסט האָט אַנדרעי יעפימיטש געקראָגען אַ איינלאַדונג פון שטאָדטישען גאָלאָווא, צו ערשיינען וועגען זעהר אַ וויכטיגער אַנ־געלעגענהייט.

געקומען אין דער בעשטימטער צייט אין אופּראַווע, האָט אַנדרעי יעפּימיטש דאָרט געטראָפען דעם מיליטערישען הויפּטלינג, דעם אויפ־זעהער פון דער דאָרפישער שולע, אַ מיטגליעד פון אופּראַווע, כאָ־באָטאָוו'ן און נאָך עפּעס אַ דיקען, בלאָנדען הערר, וועלכען מען האָט פאָר איהם פאָרגעשטעלט אַלס אַ דאָקטאָר. דער דאָזיגער דאָקטאָר מיט אַ פּוילישער פאַמיליע, וועלכע עס איז שווער געווען אויסצוריי־דען, האָט געוואוינט אַ וויאָרסט דרייסיג פון שטאָדט, און האט זיך אַצינד געפונען אין שטאָדט פאַרבייפאָהרענדיג.

— דאָ פאַרהאַנדעלט זיך אַ געוויסע אַנגעלעגענהייט, מיט וועל־כער איהר האָט צו טהאָן — האָט זיך דער מיטגליעד פון אופּראַווע געווענדעט צו אַנדרעי יעפּימיטש'ן, נאָכדעם ווי אַלע האָבען זיך בע־גריסט און געזעצט ארום טיש: — אָט, יעווגעני פעדאָריטש זאָגט, אַז די אַפּטהעק געפינט זיך אין אַ צו ענגען פּלאַץ און אַז מען דאַרף זי איבערפיהרען אין איינעם פון די צוגעבויטע פליגלען. נו, דאָס וואָלט אודאי נישט געשטאָדט, מען האָט לייכט געקענט די אַפּטהעק איבער־

טראָגען, די הויפּט אורזאכע איז אָבער, וואָס דעם פליגעל וועט מען מוזען פאַרריכטען.

— יאָ, אָהן דעם וועט מען נישט קאָנען אויסקומען — האָט געזאָגט אַנדרעי יעפימיטש נאָך אַ ווייַלע טראַכטען — ווען מען זאָל, למשל, דעם זייטיגען פליגעל מאַכען פאַר דער אַפּטהעק, וועט מען דאַן, נאָך מיין מיינונג, דאַרפען האָבען אַם וויינגסטען אַ רובעל פינף הונדערט. דאָס איז אַ הוצאה, וואָס וועט גאַרנישט אַריינברייגגען.

אַ ווייַלע האָבען אַלע געשוויגען.

— איך האָב געהאַט די עהרע נאָך מיט צעהן יאָהר צוריק מיטצוטהיילען — האָט ווייטער גערעדט אַנדרעי יעפימיטש מיט אַ שטיל קול — אַז די שטאָדט האָט נישט די מיטלען אויפצוהאַלטען דעם שפּיטאָל; אַזוי ווי ער שטעהט איצט, איז ער פאַר דער שטאָדט נישט מעהר, ווי אַ לוקסוס זאַך. געבויט האָט ער זיך אין די פערציגער יאָהרען, אָבער דאַן זיינען געווען גאָר אַנדערע מיטלען. די שטאָדט גיט אויס צופיעל געלד אויף נישט נויטיגע געביידען און איבעריגע שטעלען. איך דענק, אַז ביי אַ בעסערער פיהרונג מיט מעהר אָרדנונג, האָט מען פאַר דאָס זעלבע געלד געקאָנט אויפהאַלטען צוויי אויסגעצייכענטע שפּיטאָלען.

— נו, טאָ לאָמיר איינפיהרען אַ נייע פיהרונג מיט מעהר אָרדנונג! — האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן דער מיטגליעד פון אופּראַווע.

— איך האָב שוין געהאַט די עהרע צו בעריכטען מיין ראַטה: גיט איבער די פיהרונג פון דער מעדיצינישער אָבטהיילונג אין די הענד פון דער לאַנדעס-געמיינדע.

— יאָ, גיט איבער דער לאַנדעס-געמיינדע דאָס געלד, וועט זי האָבען וואָס צו גנב'ענען — האָט זיך צולאַכט דער בלאָנדער דאָקטאָר.

— דאָס פיהרט זיך שוין אַזוי — האָט צוגעגעבען דער מיטגליעד פון אופּראַווע און האָט זיך אויך צולאַכט.

אַנדרעי יעפימיטש האָט פאַרשלאָפען און פויל אַ קוק געטהאָן אויף דעם בלאָנדען דאָקטאָר און געזאָגט:

— מען דאַרף זיין גערעכט.

ווידער האָבען זיי געשוויגען אַ ווייַלע.

מען האָט דערלאַנגט טהעע. דער מיליטערישער הויפּטלינג האָט

עפּעס אין אַ מאָדנער פערלעגענהייט אָנגעריהרט זיך איבער דעם טיש אָן אַנדרעי יעפימיטש'עס האנד און געזאָגט:

— איהר האָט אין גאַנצען פערגעסען אָן אונז, דאָקטאָר. אייגענטליך זייט איהר אין גאַנצען, ווי אַ פרומער מאָנאך: אין קאָרטען שפּיעלט איהר נישט, קיין פרויען ליעבט איהר נישט. אייך איז לאַנגווייליג מיט אונזער'ן אַ ברודער.

אַלע האָבען גענומען ריידען דערפון, אז אָן אַנשטענדיגען מענשען איז לאַנגווייליג צו לעבען דאָ אין שטאָדט. עס איז נישטאָ קיין טהעאַטער, קיין מוזיק. אויף דעם לעצטען טאַנץ־אָבענד זיינען אין קלוב געווען ארום צוואַנציג דאַמען און נור צוויי העררן. די יוגענד טאַנצט נישט, שטופּט זיך די גאַנצע צייט ארום בופעט אדער שפּיעלט גאָר אין קאָרטען.

אַנדרעי יעפימיטש, נישט קוקענדיג אויף קיינעם, האָט לאַנגזאַם און שטיל גענומען ריידען, אַז עס איז אַ שאָד, אַ גרויסע שאָד, וואָס די שטאָדטלייט פערברויכען זייער ענערגיע, זייער הארץ און פערשטאַנד אויף קאָרטען און רכילות־טרייבען, פאַרוואָס זיי ווילען נישט און קענען נישט פערברייגגען זייער צייט אין אינטערעסאַנטע געשפּרעכען, אין לעזען ביכער, אז זיי, די שטאָדטלייט, הייסט עס, ווילען זיך נישט בענוצען מיט יענע פערגעניגענס, וואָס דער שכל, דער פערשטאַנד פּערשאַפט דעם מענשען. נור דער שכל אַליין איז אינטערעסאַנט און מערקווירדיג, אַלעס איבעריגע איז קליינליך און נישטיג.

כאָבאָטאָוו האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט זיין קאָלעגע און פּלוצים געפרעגט:

— אַנדרעי יעפימיטש, וואָס איז היינט פאַר אַ דאַטום?

בעקומען אַן ענטפער, האָט ער און דער בלאָנדער דאָקטאָר מיט דעם טאָן פון אונטערזוכונגס־ריכטער, וועלכע פיהלען, אז זיי זיינען נישט אַם פּלאַץ, גענומען פרעגען ביי אַנדרעי יעפימיטש'ן, וואָס איז היינט פאַר אַ טאָג, וויפיעל טעג זיינען פאַרהאַן אין יאָהר און צי איז אמת, אז אין פּאַלאַטע נומער זעקס געפינט זיך אַ מערקווירדיגער נביא.

אַלס ענטפער אויף דער לעצטער פראַגע איז אַנדרעי יעפימיטש רויט געוואָרען און געזאָגט:

— יא, דאס איז א קראנקער, אבער ער איז זעהר אן אינטערע־סאנטער יונגער מאַן.

מעהר קיין פראגען האט מען איהם שוין נישט געשטעלט.

ווען ער האט אין פירהויז אָנגעטהאָן זיין ראָק, האט דער מילי־טערישער הויפטלינג איהם ארויפגעלעגט די האנד אויפ׳ן אקסעל און מיט א זיפץ געזאָגט:

— אונז, אַלטינקע, איז שוין צייט זיך אָבצורוהען!

ארויסגעגאנגען פון אופראווע, האט אנדרעי יעפימיטש פער־שטאַנען, אז דאס איז געווען א קאָמיסיאָן, וועלכע איז געשיקט געוואָ־רען צו אונטערזוכען זיין גייסטיגען צושטאנד. ער האט זיך דערמאָנט אָן די פראגען, וועלכע מען האט איהם געשטעלט, איז רויט געוואָרען און עפּעס האט איהם, צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען, גענומען לייד טהאָן, זעהר לייד טהאָן פאר דער מעדיצין.

— מיין גאָט — האט ער געטראכט, דערמאָנענדיג זיך, ווי די דאָקטוירים האבען איהם נור וואס אונטערזוכט — זיי האבען דאָך נאָך ערשט נישט לאַנג געלערענט פסיכיאטריע, האבען געהאַלטען עקזאמען, היינט ווי קומט צו זיי אזא אונוויסענהייט? זיי האבען קיין שום בעגריף נישט פון מענשליכען זעעלען־צושטאנד, זיי פער־שטעהען נישט, וואס איז אזוינס פסיכיאטריע!

און צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען האט ער זיך דערפיהלט בעליידיגט און אין כעס.

אויפ׳ן אבענד פון דעם זעלבען טאָג איז צו איהם געקומען מי־כאאיל אווריאניטש. נישט בעגריסענדיג זיך, איז דער פּאָסטמיי־סטער צו איהם צוגעגאנגען, האט איהם גענומען פארביידע הענד און געזאָגט מיט אן אויפגערעגטען קול:

— טהייערער מיינער, פריינד מיינער, בעווייזט מיר, אז איהר גלויבט אין מיין אמת׳ער איבערגעבענהייט און אז איהר האלט מיך פאר אייער׳ן א פריינד... פריינד מיינער! — האט ער ווייטער גע־רעדט אין שטארקער אויפרעגונג, נישט לאָזענדיג זאָגען אנדרעי יע־פימיטש׳ן א וואָרט — איך האב אייך ליעב פאר אייער בילדונג און פאר אייער גוטער, עהרליכער נשמה. הערט מיך אויס, מיין טהייע־רער, די דאָקטוירים האלטען זיך פאר פערפליכטעט צו בעהאַלטען פון אייך דעם אמת, איך אבער, אלס מיליטער־מאַן, בין געוועהנט

צו שניידען דעם אמת, ווי אין קרויט: איהר זייט קראַנק! ענטשולדיגט מיך, מיין טהייערער, וואס איך זאָג דאס אייך, דאס איז אבער אַן אמת, און דאס האבען שוין לאַנג בעמערקט אַלע אייערע בעקאַנטע. יעווגעני פעדאָריטש האט געזאָגט, אז צוליעב אייער געזונד איז פאר אייך נויטיג צו צערשטרייען און אָברוהען זיך. דאס איז זעהר ריכטיג! דאס איז אויסגעצייכענט! די טעג נעהם איך אורלויב און פאָהר אוועק אָטהעמען אנדערע לופט. בעווייזט־זשע, אז איהר זייט מיר א פריינד און לאָמיר פאהרען צוזאַמען! מיר וועלען פאָהרען און א לעב טהאָן, ווי אין אמאָליגע יונגע יאָהרען!

— איך פיהל זיך פאָלשטענדיג געזונד — האט געזאָגט אַנדרעי יעפימיטש, א טראכט טהאָענדיג — פאָהרען מיט אייך קען איך נישט. ערלויבט מיר אויף עפּעס אַן אַנדער אופן אייך צו בעווייזען מיין פריינדשאַפט.

אוועקפאָהרען ערגעץ־וואו, נישט וויסענדיג צו וואס, אָהן ביכער, אָהן דאַריושקאַ'ן, אָהן ביער, אויף איין מאָל צושטערען די רעגעלמעסיגע אָרדנונג פון זיין אַרט לעבען, וועלכען ער האט געפיהרט פאר די לעצטע צוואַנציג יאָהר — אזאַ מין אידעע האט איהם אין ערשטען אויגענבליק אויסגעוויזען ווילד און פאַנטאַסטיש. נור באַלד האט ער זיך דערמאָנט אָן דעם געשפּרעך, וואס איז פאָרגעקומען אין אופראווע, און די שווערע שטימונג, וועלכע ער האט געשפּירט געהענדיג פון אופראווע אהיים, האט איהם ווידער באהערשט, און דער געדאַנק אוועקצופאָהרען אויף א קורצער צייט פון דער שטאָדט, וואו נארישע מענשען האַלטען איהם פאר א משוגענעם, האט איהם שוין מעהר נישט געשראָקען.

— און וואו אייגענטליך האט איהר אין זינען צו פאָהרען? — האט ער געפרעגט.

— אין מאָסקווע, אין פּעטערסבורג, אין וואַרשוי... אין וואַרשוי האָב איך פערבראַכט די גליקליכסטע פינף יאָהר פון מיין לעבען. וואס פאר א וואונדערבאַרע שטאָדט דאס איז! לאָמיר פאָהרען, מיין טהייערער!

13.

אין א וואָך ארום האט מען אנדרעי יעפימיטש'ן פאָרגעשלאָגען אָבצורוהען זיך, פשוט גערעדט, האט עס געהייסען, אז ער זאָל זיך אָנגעבען אין דימיסיע. ער אבער האט זיך צו דעם פערהאַלטען גאַנץ גלייכגילטיג, און נאָך אין א וואָך ארום איז ער און מיכאאיל אווע־ריאַניטש שוין געזעסען אין א פּאָסט־וואָגען און זיינען געפאָהרען צו דער נעהנסטער אייזענבאהן־סטאַנציאָן.

די טעג זיינען געווען קיהלע, ליכטיגע, דער הימעל א בלויער מיט א דורכזיכטיגער וויטקייט. צוויי הונדערט וויאָרסט ביז דער סטאַנציאָן זיינען זיי איינגעפאָהרען אין צוויי מעת לעת, און האבען צוויי מאָל גענעכטיגט אין וועג.

ווען מען האט אויף די פּאָסט־סטאַנציאָנען דערלאַנגט טהעע אין שמוציגע גלעזער אדער עס האט גענומען לאַנג ביז מען האט איינגעשפּאַנט די פערד, איז מיכאאיל אוועריאַניטש געוואָרען רויט, ווי א בוריק, האט זיך געטרייסעלט מיט'ן גאַנצען קערפּער און גע־שריען: „שווייגען! נישט געטראַכט! נישט גערעדט!" און זיצענ־דיג אין קאַוטש, האט ער, נישט אויפהערענדיג אויף איין מינוט, גע־האַלטען אין איין דערצעהלען וועגען זיינע רייזעס איבער קאַווקאַז און פּוילען, וועגען די פערשיעדענע פאַסירונגען, באַגעגענישען.

ער האט גערעדט הויך, אויפ'ן קול, און דערביי געמאַכט אזעלכע פערוואונדערטע אויגען, אז מען האט געקענט מיינען, אז ער ליגט. דערצו האט ער, דערצעהלענדיג, געאָטהעמט אנדרעי יעפימיטש'ן אין פּנים און געלאַכט איהם אין די אויערען אריין.

דאָס האט דעם דאָקטאָר געשטערט צו פערטראַכטען זיך און אָבגעבען זיך אין גאַנצען זיינע געדאַנקען...

אום עס זאָל אויסמאַכען ביליגער, זיינען זיי מיט'ן אייזענבאהן געפאָהרען אין דריטען קלאַס, אין א וואַגאָן פאַר אזעלכע, וואָס רוי־כערען נישט. א העלפט פון דאָס פּובליקום איז געווען א גאַנץ אָנ־שטענדיגע.

מיכאאיל אווריאַניטש איז באַלד מיט אַלעמען בעקאַנט געוואָ־רען, און געהענדיג פון איין באַנק צו דער אנדערער, האט ער גערעדט

אין דער הויף, אז מען האט נישט געדאַרפט פאָהרען איבער אַזעלכע שלעכטע, אַזעלכע העסליכע אייזענבאַהנען, ארום און ארום איז הוילע בעטרוג! אַט צו רייטען אויף א פערד איז שוין גאָר אַן אַנדער זאַך: האָסט געמאַכט דיינע הונדערט ווערסט א טאָג און פיהלסט זיך דער־נאָך געזונד און פריש. און קיין גערעטענישען זיינען ביי אונז נישטאָ — האט ער ווייטער גערעדט — וועיל מען האט אויסגעטריקענט די פינסקער בלאָטעס. אין אַלגעמיין הערשט א שרעקליכע אונאָרדנונג.

ער האט זיך געהיצט, געשריען און נישט געלאָזט קיין אַנדער'ן אויסריידען א וואָרט.

דאס דאָזיגע נאָכאַנאַנדיגע פּלוידעריי, אויסגעמישט מיט א הויכען געלעכטער, דאס קרימען זיך און מאַכען מיט די הענד האבען שטאַרק אויסגעמאַטערט אַנדרעי יעפימיטש'ן.

— ווער פון אונז ביידע איז דער משוגענער? — האט ער גע־טראַכט מיט פערדרוס — איך, וועלכער סטאַרעט זיך מיט אַלע מעג־ליכקייטען נישט צו בעאונרוהיגען די פּאַסאַזשירען, אדער דער דאָזי־גער עגאָאיסט, וועלכער דענקט, אז ער איז קליגער און אינטערעסאַנ־טער פון אַלעמען און לאָזט דערפאַר קיינעם נישט רוהען?..

אין מאָסקווע האט מיכאַאיל אווריאַניטש אָנגעטהאָן א מיליטערישען ראָק אָהן שליפּעס און הויזען מיט רויטע קאַנטען. אויף דער גאַס איז ער געגאַנגען אין א מיליטערישער היטעלע און אין א שינעל און די סאָלדאַטען האבען איהם אָבגעגעבען מיליטערישע עהרע.

אַנדרעי יעפימיטש'ן האט זיך איצט אויסגעוויזען, אז דאס איז געווען א מענש, וועלכער האט פון זיין אמאָליגער שררה'שאַפט אַלע גוטע מידות פערלאָרען און איינגעהאַלטען בלויז די שלעכטע. ער האט ליעב געהאַט, מען זאָל איהם בעדיענען, אפילו דאַן, ווען ער האט אָהן דעם אויך געקענט אויסקומען. די שוועבעלאַך, למשל, זיינען געלעגען נעבען איהם אויפ'ן טיש און ער האט זיי געזעהן אויך, דאָך האט ער גערופען דעם דיענער, ער זאָל איהם דערלאַנגען א שוועבעלע. פאַר דער דיענסט האט ער זיך נישט געשעהמט צו ווייזען אין זיינע אונטערוועש און די לאַקעיען האט ער אַלעמען אָהן אונטערשיעד, אפילו אַלטע לייט, געדוצט און איז ער אין כעס געוואָרען, האט ער זיי געזידעלט. אַנדרעי יעפימיטש'ן האט פון דעם געעקעלט.

די ערשטע זאַך האט מיכאַאיל אווריאַניטש אוועקגעשלעפּט זיין

פריינד אין א געוויסע קירכע. ער האט תפלה געטהאָן מיט התלהבות, געבוקט זיך ניעדעריג צו דער ערד און געוויינט, און אז ער האט געענ־דיגט, האט ער זיך טיעף אָבגעזיפצט און געזאָגט:

— איצט, אז איך האב גאָט געטהאָן בעטען, איז עפּעס פּאָרט רוהיגער, כאָטש איך גלויב ניט. הארציגער, טהייערינקער, ריהרט זיך אויך צו!

אנדרעי יעפימיטש האט זיך פערשעהמט און צוגעריהרט זיך צום הייליגען געטשקע, און מיכאאיל אווועריאניטש האט אויסגעצויגען די ליפּען און, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, האט ער ווידער גענומען שעפּ־צען א תפלה, און זיינע אויגען האבען זיך ווידער פערצויגען מיט טרערען.

דערנאָך זיינען זיי אוועק אין קרעמעל, האבען בעטראכט די אלטע דאָרטיגע מערקווירדיגקייטען, די געגענד ארום, האבען בעזוכט כרים־טום־עם טעמפּעל און דעם רומיאנצעוועור מוזעאום.

געגעסען האבען זיי ביי טעסטאָוו'ן אין רעסטאָראנט. מיכאאיל אווועריאניטש האט לאַנג געקוקט אין דאס מיניו, געגלעט זיך די באַ־קענבארדען און צום סוף האט ער געזאָגט מיט א טאָן פון א מענשען, וועלכער פיהלט זיך אין די רעסטאָראנטס אזוי ווי ביי זיך אין דער היים:

— מיר וועלען זעהן, ווי איהר וועט אונז היינט אָנקאָרמענען, מלאך'ל מיינס!

14.

דער דאָקטאָר איז ארומגעגאנגען איבער מאָסקווע, געקוקט, גע־געסען און געטרונקען, אבער א געפיהל פון פערדרוס אויף זיין פריינד האט איהם די גאנצע צייט נישט אָבגעלאָזט. איהם האט זיך געוואָלט אָפּרוהען פון זיין פריינד, אנטלויפען פון איהם, בעהאלטען זיך און דער פריינד האט געהאלטען פאר זיין הייליגע פליכט ניט אָפּצולאָזען איהם אויף א טריט פון זיך און וואס מעהר איהם צושטרייען. אז עס איז שוין ניט געבליבען מעהר אויף וואס צו קוקען, האט ער איהם צושטרייט מיט געשפּרעכען.

ביי אַנדרעי יעפימיטש'ן האט געכאַפּט געדולד אויף גאַנצע דריי טעג דאס אַלעם אריבערצוטראָגען, אבער אויפ'ן דריטען טאָג האט ער ערקלערט זיין פריינד, אז ער איז קראַנק און וויל בלייבען דעם גאַנצען טאָג אין שטוב. זיין פריינד האט געענטפערט, אויב אזוי, וועט ער אויך בלייבען אין שטוב. מען דאַרף טאַקי אָפּרוהען, וואָרים די פיס ברעכען שוין פון אזוי פיעל ארומגעהן.

אַנדרעי יעפימיטש האט זיך אוועקגעלייגט אויף דער זאָפע, מיט'ן רוקען צום פריינד און מיט פערשטעמטע ציינער געמוזט אויס־הערען יענעם, וועלכער האט איהם מיט היטץ געזוכט צו איבערצייגען, אז פראַנקרייך וועט סוף כל סוף זיך אָפּרעכענען מיט דייטשלאַנד, אז אין מאָסקווע זיינען פאַראַן א סך שווינדלער און אז אויפ'ן קוק אַליין קען מען ניט וויסען די מעלות פון א פערד.

ביי דעם דאָקטאָר האט פון דעם אין די אויערען גענומען קלינגען און דאס הארץ קלאַפּען. אבער זאָגען זיין פריינד, ער זאָל איהם צורוה לאָזען, האט ער ניט געקענט אויס העפליכקייט. צום גליק, האט מיכאַ־איל אווריאַניטש'ן דערעסען צו זיצען מיט איהם אין'ם האָטעל, און באַלד נאָך מיטאָג איז ער אוועק שפּאַצירען.

געבליבען אליין, האט אַנדרעי יעפימיטש זיך אין גאַנצען אָפּ־געגעבען דעם געפיהל פון רוה. ווי אַנגענעהם איז איהם איצט געווען צו ליגען אויסגעצויגען אויף דער זאָפע און פיהלען, אז ער איז אַליין! אַנדרעי יעפימיטש האט געוואָלט טראַכטען וועגען דעם, וואס ער האט געזעהן און געהערט די לעצטע עטליכע טעג, אבער מיכאַאיל אווע־ריאַניטש איז ביי איהם פון זינען ניט ארויס.

— ער איז דאָך געפאָהרען צוליעב מיר, אויס פריינדשאַפט, אויס גוטהערציגקייט — האט דער דאָקטאָר געטראַכט מיט פערדרוס — קיין ערגערע זאַך איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, ווי אַזא מין אַכטונג געבען פון א פריינד. דאַכט זיך, ער איז אי גוטהערציג, אי גרויסמיטהיג, אי א פרעהליכער יונג און דאָך לאַנגווייליג, מורא'דיג לאַנגווייליג. אָט אזוי זיינען פאַראַן מאַנכע מענשען, וואס האַלטען אין איין ריידען קלוגע און גוטע ווערטער און דאָך פיהלט איהר תמיד, אז זיי זיינען נאַראָנים, טעמפּע מענשען.

אויף מאָרגען און איבערמאָרגען האט אַנדרעי יעפימיטש אויך ניט פערלאָזען דעם האָטעל, זאָגענדיג, אז ער איז קראַנק. ער איז גע־

לעגען אויף דער זאָפע מיט'ן פנים צו דער וואנד און האט זיך גע־לאנגווײלט, סײ זיין פריינד האט איהם צושטרײט מיט זיינע גע־שפּרעכען, סײ יענער איז אוועק.

עס האט איהם פערדראָסען, וואס ער איז געפאָהרען און אין'ם הארצען איז ער געוועזען שטארק פערביטערט געגען זיין פריינד, וואס האט איהם אַלץ מעהר און מעהר דערעסען מיט זיינע פּלוידערײען. ארייננפיהרען זיינע געדאנקען אין אַן ערנסטען, הויכען ענין האט ער איצט בשום אופן ניט געקענט.

— די ווירקליכקייט לאָזט זיך פיהלען — האט ער געטראכט מיט פערדרוס אויף זיך אַליין — די ווירקליכקייט, וועגען וועלכער איוואַן דמיטריטש האט גערעדט... אבער דאס איז גאָרנישט... איך וועל קומען אהיים, וועט ווידער זיין גוט...

און אין פּעטערסבורג די זעלבע געשיכטע: גאנצע טעג איז ער פון'ם האָטעל ניט ארויס, געלעגען אויף א זאָפע און איז בלויז אויפ־געשטאנען, אום ביער צו טרינקען.

מיכאאיל אווועריאַניטש איז די גאַנצע צייט צו איהם צוגע־שטאַנען, ער זאָל מיט איהם פאָהרען אין ווארשוי.

— טהייערינקער מיינער, וואס וועל איך דאָרט טהאָן? — האט גע'טענה'ט דער דאָקטאָר מיט געבעט אין'ם קול — פאָהרט אליין אָהן מיר און איך וועל פאָהרען אהיים! איך בעט אייך!

— פאר קיין פאַל ניט! — האט זיך געקאָכט מיכאאיל אווערי־אַניטש—איהר פאָהרט מיט מיר! דאס איז א מערקווירדיגע שטאָדט! די גליקליכסטע פינף יאָהר פון מיין לעבען האב איך אין דער דאָזיגער שטאָדט פערבראכט!

ביי אַנדרעי יעפימיטש'ן האט קיין ווילען ניט געבאַפּט אויף אויסצופיהרען זיינס און איז צום סוף אוועקגעפאָהרען מיט יענעם אין ווארשוי.

דאָ איז ער ווידער ניט ארויס פון'ם האָטעל, איז געלעגען אויף א זאָפע און איז בייז געוועזען אי אויף זיך, אי אויף זיין פריינד, אי אויף די לאַקעען, וועלכע האבען בשום אופן ניט געוואָלט פערשטעהן די רוסישע שפּראך, און מיכאאיל אווועריאַניטש, ווי געוועהנליך, א געזונדער, א מונטערער און א פרעהליכער, איז דעם גאנצען טאָג

ארומגעלאָפען איבער דער שטאָדט, האט אויפגעזוכט זיינע אַלטע בעקאַנטע און געלעבט א גוטען טאָג.

עטליכע מאָל איז ער אין גאַנצען ניט געקומען אין האָטעל נעכ־טיגען און איינמאָל, נאָכדעם ווי ער האט ערגעץ פערבראַכט א גאַנצע נאַכט, האט ער זיך צוריקגעקעהרט אין האָטעל זעהר אַן אויפגערעג־טער, א רויטער און א ניט־פערקאַמטער. ער איז א לאַנגע צייט ארומ־געגאַנגען איבער'ן צימער פון איין ווינקעל אין אַנדערן און האט עפּעס געבורטשעט אונטער דער נאָז, דערנאָך האט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— די עהרע פריהער פאַר אַלעם!

ארומגעגאַנגען נאָך א ווײלע, האט ער זיך פאַר'ן קאָפּ אָנגע־כאַפּט און אויסגערעדט מיט א טראַגישען טאָן:

— יא, די עהרע פריהער פאַר אַלעם! פערשאָלטען זאָל זיין יענע מינוט, ווען מיר איז איינגעפאַלען צו פאָהרען אין דעם דאָזיגען בבל! טהייערינקער מיינער — האט ער זיך געווענדעט צום דאָקטאָר — פערראַכטעט מיך — איך האב געשפּיעלט און פערלאָרען אין קאָרטען! גיט מיר פינף הונדערט רובעל!

אַנדרעי יעפימיטש האט אָפּגעצעהלט פינף הונדערט רובעל און זיי שווייגענדיגערהייט דערלאַנגט זיין פריינד. יענער, נאָך אַלץ א רויטער פאַר חרפה און כעס, האט ארויסגעמורמעלט עפּעס אַן אונ־נויטיגע שבועה, אָנגעטהאָן זיין היטעל און איז ארויס.

אין א שעה צוויי ארום האט ער זיך צוריקגעקעהרט אין האָטעל, זיך ארייגעוואָרפען אין א פאָטעל, האט טיעף א זיפץ געטהאָן און געזאָגט:

— די עהרע איז געראַטעט! אהיים, מיין פריינד! קיין איין מי־נוט מעהר וויל איך ניט פערבלייבען אין דער דאָזיגער פערפלוכטער שטאָדט! שווינדלער! עסטרייכישע שפּיאָנען!

די פריינד האבען זיך צוריקגעקעהרט אין זייער שטאָדט אין'ם חדש נאָוועמבער. אויף די גאַסען איז געלעגען טיעפער שנעע. אַנדרעי יעפימיטש'עס שטעלע האט שוין דעמאָלט געהאט פערנומען דאָקטאָר כאָבאָטאָוו; לעת עתה האָט ער נאָך געוואוינט אויף זיין אַלטער קוואַר־טיר, וואַרטענדיג ביז אַנדרעי יעפימיטש וועט פאַר איהם אָפּטרעטען די וואוינונג ביים שפּיטאָל. די מיאוסע פרוי, וועלכע ער האט ארויס־

געגעבען פאר זיין קעכין, האט שוין געהאט אריינגעצויגען אין איינעם פון די פליגעלס.

אין שטאָדט זיינען שוין זאָגאר ארומגעגאנגען רכילות, אז די מיאוסע פרוי האָט זיך בלומרשט צוקריעגט מיט'ן אויפזעהער פונ'ם שפּיטאָל און דער אויפזעהער איז דערנאָך געקראָכען פאר איהר אויף די קניע און זיך געבעטען, זי זאָל איהם מוחל זיין.

שוין דעם ערשטען טאָג, ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט, איז אנדרעי יעפימיטש געצוואונגען געווען אויפצוזוכען זיך א נייע קוואר־טיר.

— פריינד מיינער — האט אונענטשלאָסען זיך געווענדעט צו איהם דער פּאָסטמייסטער — ענטשולדיגט פאר מיין דרייסטער פרא־גע: וויפיעל געלד האט איהר? איך מיין אייערע מיטלען....

אנדרעי יעפימיטש האט אָפּגעצעהלט זיין געלד און געזאָגט:

— זעקס און אכציג רובעל.

— ניט דאס פרעג איך — האט ארויסגערעדט צומישט מיכא־איל אווערי‌אניטש, נישט פערשטעהענדיג דעם דאָקטאָר — איך פרעג בכלל ווענגען אייער פערמעגען.

— איך זאָג דאָך אייך: זעקס און אכציג רובעל... דאס אלעס, וואס איך פערמאָג...

מיכאאיל אווערי‌אניטש האט אפילו געהאלטען דעם דאָקטאָר פאר אן עהרליכען און ריינעם מענשען, דאָך אבער האט ער חשד געווען, אז ער פערמאָגט א פערמעגען לכל הפחות פון א צוואנציג טויזענד. איצט, אז ער האט זיך דערוואוסט, ווי אָרעם אנדרעי יעפי־מיטש איז, אז ער האט ניט מיט וואס צו לעבען, האט ער זיך עפּעס פלוצים צוואויינט און ארומגענומען זיין פריינד.

15.

אנדרעי יעפימיטש האָט אריינגעצויגען אין א קליין שטיבעל מיט דריי פענסטער, וואס האט בעלאנגט צו א שטאָדט־פרוי מיט נאָמען ביעלאָווא.

אין דעם דאזיגען שטיבעל זיינען געווען דריי צימערען; צוויי פון זיי מיט פענסטער צום דרויסען האט פערוואוינט אנדרעי יעפי־מיטש און אין דעם דריטען און אין דער קיך האבען געוואוינט דאר־יושקא און פרוי ביעלאווא מיט איהרע דריי קינדער.

אפט איז צו דער פרוי ביעלאווא געקומען איבערנעכטיגען איהר געליעבטער, א שיכור'ער פויער, וועלכער האט געוואלדעוועט און גע־ליארעמט און אנגעטריבען אן אימה אויף די קינדער און אויף דאר־יושקא'ן.

בעת ער איז געקומען און האט זיך אנידערגעזעצט אין דער קיך, און גענומען פאדערן בראנפען, דעמאלט איז אלעמען ענג געווארען. קיינער האט ניט געוואוסט, וואו זיך אהינצוטהאן פאר שרעק. דער דאקטאר האט דעמאלט אויס רחמנות גענומען צו זיך די וויינענדיגע קינדער און זיי אויסגעבעט ביי זיך אויף דער פאדלאגע. דאס האט איהם פערשאפט גרויס פערגעניגען.

אויפגעשטאנען איז ער ווי פריהער אם אכט אין דער פריה, און נאך טהעע האט ער זיך געזעצט לעזען זיינע אלטע ביכער און זשורנאלען. אויף נייע איז ביי איהם קיין געלד ניט געווען.

צי דערפאר ווייל די ביכער זיינען געווען אלטע, אדער, אפשר, ווייל ער האט געוואוינט אויף א נייער קווארטיר, ער האט אבער שוין מעהר ניט געלעזען מיט אזא חשק, ווי פריהער, און דאס לעזען האט איהם מיעד געמאכט.

אום די צייט זאל ביי איהם ניט אוועק אין גאנצען אומזיסט, האט ער צונויפגעשטעלט א קאטאלאג פון אלע זיינע ביכער און אויף זיי אנגעקלעפט קליינציקע צעטעלאך, און די דאזיגע מאנאטאנע, נודנע ארבייט האט עפעס אויף אן אונפערשטענדליכען אופן פער־וויעגט זיינע געדאנקען, ער האט וועגען גארנישט ניט געטראכט, און די צייט איז געלאפען שנעל.

אפילו העלפען דאריושקא'ן אין דער קיך שיילען קארטאפעל און קלייבען גרויפען איז איהם געווארען אינטערעסאנט. שבת און זונטאג האט ער גענומען געהן אין קירכע. שטעהענדיג דארט נעבען דער וואנד און זשמורענדיג די אויגען, האט ער זיך צוגעהערט צום זינגען און געטראכט וועגען זיינע עלטערען, וועגען דעם אוניווערסי־טעט און וועגען רעליגיאן; אויפ'ן הארצען איז איהם געווען אזוי

רוהיג און אזוי טרויעריג, און דערנאָך, פערלאָזענדיג די קירכע, האט איהם לייד געטהאָן, ווארום די גאָטעסדיענסט האט זיך אזוי שנעל געענדיגט.

צוויי מאָל האט ער בעזוכט איוואן דמיטריטש׳ן אין דער פּאלא־טע נומער זעקס, אום צו שמועסען מיט איהם. אבערביידע מאָל האט ער יענעם געטראָפען בייז און אויפגערעגט, ביידע מאָל האט יענער געבעטען, ער זאָל איהם צורוה לאָזען, ווייל עס האבען איהם שוין לאַנג דערעסען זיינע פּוסטע רייד; ער וויל בלויז איין געפעליגקייט — האט יענער געזאָגט — אז די פערפלוכטע, פערדאָרבענע מענשען זאָלען איהם ניט שטערען אין זיין איינזאמקייט. און אז אנדרעי יע־פימיטש, זעגענדיג זיך מיט יענעם, האט געוואונשען „גוטע נאכט,״ האט יענער צורייצט געענטפערט:

— געהט צום טייפעל!

איצט האט אנדרעי יעפימיטש ניט געוואוסט, צו זאָל ער געהן צו יענעם א דריטען מאָל, צו ניין. און געהן האט זיך איהם זעהר געגלוסט.

פריהער האט ער נאָך מיטאָג ליעב געהאט ארומצוגעהן איבער די צימערען מיט פערלייגטע הענד און טראכטען, היינט אבער איז ער פון מיטאָג ביז פארנאכט געלעגען אויף דער זאָפע מיט׳ן פּנים צו דער וואנד און געטראכט אלץ וועגען קלייניגקייטען, וואס האבען איהם איצט געמוטשעט. ער האט זיך געפיהלט בעליידיגט, וואס פאר זיינע צוואנציג יאָהר דיענסט ביים שפּיטאָל האט מען איהם קיין פּענסיע ניט געגעבען און קיין שום שטיצע. אמת טאַקי, ער האט געדיענט ניט עהרליך, אבער פּענסיע בעקומען דאָך אלע אָהן אונטערשיעד, סיי עהרליכע און סיי ניט. די כאראקטעריסטיק פון דער היינטיגער גערעכטיגקייט איז דאָך טאַקי אזא, וואס מיט ראַנגען און פּענסיעס ווערען בעלוינט ניט די פעהיגקייטען, נור די דיענסט בכלל, ווי און וואס זי זאָל דאָרט ניט זיין. ווארום זאָל מען פאר איהם מאכען אן אויסנאהם? קיין געלד האט ער ניט געהאט. אין קראָם איז ער שולדיג, פאר ביער שולדיג, דער בעל הבית׳טע פון זיין וואוי־נונג פרוי ביעלאָוואַ׳ן קומט אויך געלד. דאריושקא פערקויפט שטילער־הייט אלטע קליידער און ביכער און לייגט זיין בעל הבית׳טע, אז באלד וועט דער דאָקטאָר בעקומען א סך געלד.

ער האט זיך ניט געקענט מוחל זיין, פארוואס ער האט אויס־געגעבען אויף דער רייזע טויזענד רובעל, וואס ער האט געהאט אָפּ־געשפּארט. ווי זיי וואָלטען איהם היינט צוניץ געקומען! עס האט איהם גענערגערט, וואס מען קומט צו איהם מיט וויזיטען. כאָבאטאוו האט געהאַלטען פאר זיין פפליכט צו בעזוכען אמאָל זיין קראנקען קאָ־לעגא. אנדרעי יעפימיטש האט איהם ניט געקענט פערטראָגען. ער האט פיינד געהאט זיין זאטען פּנים, דעם העראָבלאַסענדיגען טאָן, מיט וועלכען כאָבאטאָוו האט צו איהם גערעדט, דאס וואָרט „קאָלע־גא," וואס כאָבאטאוו האט געברויכט, די הויכע שטיוועל, וואס כאָ־באטאוו האט געטראָגען און מעהר פון אַלעם דאס, וואס כאָבאטאוו האט געהאַלטען פאר זיין פפליכט צו קורירען איהם, אנדרעי יעפּי־מיטש'ן, מיינענדיג אין אמת'ן, אז ער קורירט איהם.

יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען צו אנדרעי יעפימיטש'ן, האט ער מיט זיך געבראכט א פלעשעלע מיט בראָמאָ־קאַליע און פּילען.

און מיכאאיל אַווועריאַניטש האט אויך געהאַלטען פאר זיין חוב צו בעזוכען זיין פריינד און צו צושטרייען איהם.

יעדעס מאָל איז ער אריינגעקומען צו אנדרעי יעפימיטש'ן מיט א געמאַכטער ברייטקייט און פרעהליכקייט, האט געצוואונגען גע־לאַכט און באַלד גענומען איהם פערזיכערען, אז ער זעהט אויס היינט זעהר גוט און אז ער בעסערט זיך פון טאָג צו טאָג. פון דעם איז קלאָר געווען, אז ער האַלט זיין פריינד פאר פערלאָרען.

די געלד, וואס ער האט ביי איהם געליהען אין ווארשוי, האט ער איהם ניט בעצאָהלט, האט זיך מחמת דעם שטארק געשעהמט און גע־פיהלט זיך אונבעקוועם און דערפאר האט ער זיך געסטארעט צו לאַכען נאָך העכער און דערצעהלען נאָך מעהר קאָמישע מעשות. זיינע אנעק־דאָטען און מעשות האבען איצט געמוטשעט אי אנדרעי יעפימיטש'ן, אי איהם אליין, האבען זיך זיי ביידען אויסגעוויזען לאַנג און נודנע ביז חלשות.

איז ער געקומען, האט זיך אנדרעי יעפימיטש אוועקגעלייגט אויף דער זאָפע מיט'ן פּנים צו דער וואנד און געהערט מיט צונויפגעשצע־מעטע ציינער; אויפ'ן הארצען איז איהם געוואָרען אַלץ שווערער און ביטערער, און נאָך יעדען בעזוך פון זיין פריינד, האט ער געפיהלט,

אז די דאָזיגע שווערקייט און ביטערניש שפּאַרט איהם פון דער האַלז ארויס.

אום צו דערשטיקען אין זיך די דאָזיגע קליינליכע געפיהלען, האט ער זיך באלד געכאַפּט טראַכטען וועגען דעם, אז אי ער, אי כאַ־באטאוו, אי מיכאאיל אווועריאַניטש מוזען פריהער אדער שפּעטער אונטערגעהן, ניט איבערלאָזענדיג נאָך זיך קיין שפּור אין דער נאַטור. ווען מען זאָל זיך פאָרשטעלען, אז אין א מיליאָן יאָהרען ארום וועט אין דער לופט פערביי דעם ערד־קוגעל פערבייפליהען עפּעס א גייסט, וועט ער דערמאָלט זעהן בלויז לייהם און נאַקעטע פעלזען. אלעס — אי די קולטור, אי די געזעצען פון מאָראַל — וועלען אונטערגעהן און וועלען אפילו מיט קיין גראָז ניט פערוואַקסען. וואס פאר א ווערדע האט געגען דעם דער חוב, וואס עס קומט דעם קרעמער, אדער דער נישטיגער כאַבאטאוו, אדער די שווערע, אונערטרעגליכע פריינדשאַפט פון א מיכאאיל אווועריאַניטש׳ן? נאַרישקייטען!

אבער אזוינע רעיונות האבען שוין מעהר ניט געהאָלפען. ווי נור ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם ערד־קוגעל אין א מיליאָן יאָהרען ארום, אזוי גלייך האָט זיך פון הינטער דעם נאַקעטען פעלז בעוויזען כאַבאטאָוו אין די לאַנגע שטיוועל אָדער דער לאַכענדיגער מיכאאיל אווועריאַניטש, עס האָט זיך אפילו געהערט דאָס שעהמענדיג מורמלען: „דאָס געלד, וואָס איך האָב ביי אייך געליהען אין ווארשוי, וועל איך אייך אָפּגעבען די טעג... אונבעדינגט”.

16.

איינמאָל נאָך מיטאָג, בעת אנדרעי יעפימיטש איז געלעגען אויף דער זאָפע, איז אריינגעקומען מיכאיל אווועריאַניטש. גראָד אין דער זעלביגער צייט איז אויך אָנגעקומען דאָקטאָר כאָבאטאָוו מיט זיין בראָמא־קאַלי.

אנדרעי יעפימיטש האָט זיך מיט מיה אויפגעהויבען, זיך אויס־געזעצט און אָנגעשפּאַרט זיך מיט ביידע הענד אָן דער זאָפע.

— און היינט, טהייערינקער מיינער — האָט אָנגעהויבען מי־כאאיל אוועריאַניטש — זעהט איהר אוים פיעל בעסער, ווי נעכטען. איהר זעהט אוים בראוו! ביי גאָט, בראוו!

—קאָלעגא, שוין צייט איך געזונד צו ווערען, שוין צייט! — האָט זיך אויך אריינגעמישט כאָבאָטאָוו, גענעצענדיג: — איך מיין, אז אייך האט עס שוין אויך דערעסען, דאס קרענקען.

— מיר וועלען געזונד ווערען! — האָט פרעהלאַך אונטערגעכאַפּט מיכאאיל אַעוואריאַניטש — מיר וועלען נאָך לעבען א הונדערט יאָהר! יא—יא!

— הונדערט ניט הונדערט, צוואַנציג — זיכער — האָט גע־טרוימט כאָבאָטאָוו. — נישקשה, נישקשה, קאָלעגא, נור ניט גע־זאָרגט... גענוג אייך צו זיין אזוי טרויעריג.

— מיר וועלען נאָך ווייזען, וואָס מיר קאָנען! — האָט זיך צו־לאַכט מיכאאיל אוועריאַניטש און א קלאַפּ געטהאָן זיין פריינד אי־בער א קניע: — מיר וועלען נאָך ווייזען! קומענדיגען זומער וועלען מיר, מיט גאָט׳ס הילף, א פאָהר טהאָן אין קאווקאַז און מיר וועלען איהם אין גאַנצען בערייזען אויף א פערד רייטענדיג — האָפּ! האָפּ! האָפּ! און פון קאווקאַז צוריקגעקעהרט זיך, וועלען מיר נאָך, מיט גאָט׳ס הילף, טאַנצען אויף א חתונה — מיכאאיל אוועריאַניטש האָט כיטרע א ווינק געטהאָן מיט אַן אויג — מיר וועלען אייך חתונה מאַכען, פריינד, מיר וועלען אייך חתונה מאַכען...

אַנדרעי יעפימיטש האָט פּלוצים דערפיהלט, ווי די ביטערניש שפּאַרט איהם אונטער דער האַלז; עס האָט ביי איהם דאָס האַרץ גע־נומען שטאַרק קלאַפּען.

— דאָס איז וואולגאַר און נאַריש! — האָט ער געזאָגט, אויפ־הויבענדיג זיך שנעל און צוגעהענדיג צום פענסטער: — שוין־זשע פערשטעהט איהר ניט, אז איהר רעדט גראָבע נאַרישקייטען.

ער האָט געוואָלט ריידען ווייטער ווייך און העפליך, אָבער געגען זיין אייגענעם ווילען האָט ער פּלוצים צונויפגעדריקט די פויסטען און זיי אויפגעהויבען איבער׳ן קאָפּ.

— לאָזט מיך צורוה! — האט ער אויסגעשריען ניט מיט זיין קול, איז רויט געוואָרען און האָט זיך געטרייסעלט מיט׳ן גאַנצען קערפּער: — ארוים! ביידע ארוים, ביידע!

מיכאאיל אוועריאניטש און כאָבאטאָוו האָבען זיך אויפגעהויבען און איהם אָנגעקוקט א פריהער פערוואונדערט, דערנאָך מיט פחד.

—ביידע ארויס! — האָט אנדרעי יעפימיטש געשריען ווייטער — דומע קערלען! גראָבע מוחות! איך וויל ניט ניט אייער פריינדשאפט און ניט אייערע רפואות, גראָבער מוח! העסליכקייט! נישטווירדיגקייט!

כאָבאטאָוו און מיכאאיל אוועריאניטש האָבען צומישט זיך איבערגעקוקט, האָבען הינטערוויילעכץ אָפּגעטראָטען צו דער טהיר און זיינען ארויס אין פיהר־הויז. אנדרעי יעפימיטש האָט א כאַפּ געטהאָן דאָס פלעשעל מיט בראָמא־קאלי און עס א שליידער געטהאָן נאָך זיי; דאָס פלעשעל האָט מיט א קלינגען זיך צובראָכען אָן שוועל.

— צום טייפעל געהט! — האָט אנדרעי יעפימיטש געשריען מיט א וויינענדיגען קול, ארויסלויפענדיג נאָך זיי אין פיהר־הויז:

— צום טייפעל!

אז זיי זיינען אוועק, האט אנדרעי יעפימיטש זיך געלעגט אויף דער זאָפע און, ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קערפער, האָט ער נאָך לאנג געמורמעלט:

— גראָבע מוחות! דומע קערלען!

אז ער האָט זיך געהאָט בערוהיגט, איז די ערשטע זאך איהם איינגעפאלען, אז מיכאיל אוועריאניטש'ן מוז נעבאך איצט זיין זעהר ביטער אויפ'ן הארצען און אז דאָס אלעס איז געווען שרעקליך. פריהער האָט עטוואָס אזוינס קיינמאָל ניט געטראָפען. וואו איז געווען זיין שכל, זיין טאקט? וואו איז געווען דאָס אריינטראכטען זיך אין זיך אליין און די פילאָזאָפישע רוהיגקייט?

א גאנצע נאכט האָט ער דערנאָך ניט געקענט צומאכען מיט אָן אויג פאר חרפה און פערדרוס אויף זיך, און אויף מאָרגען אין דער פריה, א זייגער צעהן, איז ער אוועק אין פּאָסט און האָט זיך ענטשולדיגט פאר'ן פּאָסט־מייסטער.

— זאָלען מיר דאָס פערגעסען! — האָט געזאָגט מיכאאיל אוועריאניטש מיט א זיפץ, דריקענדיג איהם די הענד: — זאָל יענעם די אויגען ארויס, ווער עס וועט דאָס געדענקען. ליובאָווקין! — האָט ער פלוצים א געשריי געטהאָן אזוי הויך, אז אלע פּאָטשטאליאָנען און בעזוכער זיינען פערציטערט געוואָרען: — דערלאנג א שטוהל! און

דו האָב צייט! — האָט ער אָנגעשריען אויף א פרוי, זועלכע האָט איהם דורך די גראַטעס געשטופּט א פּערסטראַכירטען בריעף: — זעהסט דען ניט, אַז איך בין פאַרנומען? אַלזאָ, מיר וועלען פאַרגע־סען, וואָס איז געווען — האָט ער גערעדט ווייטער, ווענדענדיג זיך צו אַנדרעי יעפימיטש'ן. — זיצט מיין טהייערינקער.

א ווײַלע האָט ער געגלעט זיך איבער די קניע און דערנאָך גע־זאָגט:

— מיר איז אפילו אויפ'ן זינען ניט ארויף צו פעראיבעל האָבען אויף אייך. א קראַנקען מוז מען אַלעס מוחל זיין. אייער אָנפאַל האָט נעכטען אונז מיט'ן דאָקטאָר איבערגעשראָקען און מיר האָבען דער־נאָך א לאַנגע צייט וועגען דעם גערעדט. טהייערינקער מיינער, פאַר־וואָס טהוט איהר ניט א טראַכט ערנסט וועגען אייער קראַנקהייט? טאָר מען דען עס אַזוי פערלאָזען? ענטשולדיגט פאַר מיין פריינדליכע אָפענהערציגקייט — האָט ער גענומען שעפּצען — איהר געפינט זיך אין א שרעקליכע לאַגע: ענגע צימערען, שמוץ, ניטאָ ווער עס זאָל אויף אייך אַכטונג געבען, קורירען זיך איז ניטאָ מיט וואָס. . .. טהייע־רינקער מיינער, פריינד, איך מיט'ן דאָקטאָר בעטען אייך פונ'ם טיע־פען הארצען, פאָלגט אונזער עצה: לייגט זיך אריין אין שפּיטאָל! דאָרט וועט איהר האָבען אי געזונדע שפּייז, אי מען וועט אויף אייך אַכטונג געבען, אי רפואות וועט איהר דאָרט האבען. דאָקטאָר כאָ־באָטאָוו, כאָטש ער איז, צווישען אונז גערעדט, ניט אַזאַ אנגענעהמער מענש, אָבער זיין זאַך פערשטעהט ער און מען קאָן זיך אויף איהם פערלאָזען. ער האָט מיר א וואָרט געגעבען, אַז ער וועט זיך אין גאַנצען אָפּגעבען מיט אייער קראַנקהייט.

אַנדרעי יעפימיטש איז גערירט געוואָרען פון דעם אויפריכטי־גען טאָן און די טרעהרען, וואָס האָבען זיך גענומען קייקלען איבער די באַקען פון זיין פריינד, דעם פּאָסט־מייסטער.

— גלויבט זיי ניט! — האָט ער ארויסגעשעפּצעט, צולייגענדיג די האַנד צום הארצען: — גלויבט זיי ניט! דאָס איז בעטרוג! מיין קראַנקהייט בעשטעהט אין דעם, וואָס פאַר די גאַנצע צוואַנציג יאָהר האָב איך געטראָפען אין דער שטאָדט בלויז איין קלוגען מענשען און דער איינער איז אויך א משוגענער. איך בין ניט קראַנק, נור פּשוט איך בין אריינגעפאַלען אין א פער'כישופ'טען קרייז, פון וועלכען עס

איז קיין אויסוועג ניטאָ. מיר איז אַלץ איינס, איך בין אויף אַלעם גרייט.

— לייגט זיך אריין אין שפּיטאָל, מיין טהייערינקער.

— מיר איז אַלץ איינס, פון מיינטוועגען כאָטש אין א גרוב.

— גיעט מיר א וואָרט, מיין טהייערינקער, אז איהר וועט פאָלגען דאָקטאָר כאַבאָטאָוו'ן.

— גוט. איך גיב אייך א וואָרט. אָבער איך זאָג אייך נאָך אמאָל, איך בין אריינגעפאַלען אין א פער'כישוף'טען קרייז, איצט איז אַלעם געענדיגט, אפילו די אויפריכטיגע סימפּאַטהיע פון מיינע פריינד, צו איין זאַך: מיך אומצוברענגען. איך בין שוין א פערפאַלענער מענש און בין העלד גענוג, אום דאָס אָפּען צוצוגעבען.

— טהייערינקער, איהר וועט נאָך געזונד ווערען.

— וואָרום זאָלט איהר עס זאָגען? — האָט זיך אָנגערופען אנדרעי יעפימיטש צורייצט—זעלטען ווער עס פיהלט ניט פאר'ן טויט דאָס איינענע, וואָס איך פיהל איצט. ווען מען זאָל אייך זאָגען, אז ביי אייך זיינען שוואַכע נירען און איהר דארפט זיך אָנהויבען קורי־רען, אָדער ווען מען זאָל אייך זאָגען, אז איהר זייט משוגע, אָדער א פערברעכער, ווען מענשען, מיט איין וואָרט, הויבען אָן מיט אמאָל צו שענקען אייך זייער אויפמערקזאַמקייט, דאן זאָלט איהר וויסען, אז איהר זייט אריינגעפאַלען אין א פער'כישופ'טען קרייז, פון וועל־כען איהר וועט זיך שוין קיין מאָל ניט ארויסדרעהען. וואָס מעהר איהר וועט זיך סטאַרען ארויסצודרעהען זיך, אַלץ מעהר וועט איהר זיך פערפּלאָנטערען. גיט זיך אונטער, וואָרום גאָר נישט קאָן אייך שוין מעהר ראַטעווען. אזוי דאַכט זיך מיר.

דערווייל'ע האָט זיך ארום די גראַטעס פערקליבען אַלץ א גרע־סערער עולם. אנדרעי יעפימיטש האָט לענגער ניט געוואָלט שטערען, האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען זיך זעגענען מיט זיין פריינד דעם פּאָסט־מייסטער.

מיכאַאיל אווועריאַניטש האָט נאָך אמאָל ביי איהם א וואָרט גענומען צו פאָלגען דעם דאָקטאָר און איהם בעגלייט ביז דער טהיר.

אין דעם זעלביגען טאָג פארנאַכט איז פּלוצים צו אנדרעי יע־פימיטש'ן געקומען דאָקטאָר כאַבאָטאָוו אין א קורצען פּעלצעל און אין

הויכע שטיוועל און געזאָגט מיט אזא טאָן, אזוי ווי נעכטען וואָלט גע־האַט גאָר נישט פּאַסירט.

— און איך בין געקומען אייך איינלאַדען אויף א קאָנסוליום, קאָלעגאַ. וועט איהר געהן, הא?

דערקענענדיג, אז כאָבאָטאָוו וויל איהם אביסעל צושטרייען דורך א שפּאציער־גאַנג אָדער אפשר גאָר טאקי וויל איהם געבען צו פערדיענען, האָט אנדרעי יעפימיטש זיך אָנגעטהאָן און איז מיט איהם אוועק. ער האָט זיך דערפרעהט מיט'ן צופאַל צו פערגלעטען די נעכטיגע געשיכטע און איז אין הארצען דאנקבאר געווען כאָבאָטאָוו'ן, וואָס יענער האָט אפילו ניט מיט א וואונק געגעבען אָנצוהערעניש וועגען דעם נעכטיגען אָנפאַל. פון דעם דאָזיגען גראָבען מענשען איז שווער געווען צו ערוואַרטען אזא מיר עדעלקייט.

— און וואו איז אייער קראַנקער? — האָט געפרעגט אנדרעי יעפימיטש.

— ביי מיר אינ'ם שפּיטאָל. שוין לאַנג ווילט זיך מיר איהם אייך ווייזען... אַן אינטערעסאַנטער פאַל...

זיי זיינען ארויף אויפ'ן שפּיטאָל־הויף, דורכגעגאנגען די הויפּט־געביידע און זיינען אוועק צום פליגעל, וואו עס האָבען זיך אויפגע־האַלטען די משוגעים. אין גאַנג האָבען זיי עפּעס געשוויגען.

ווען זיי זיינען אריין אין פליגעל, האָט ניקיטאַ, ווי זיין שטיי־גער, אויפגעשפּרונגען און זיך אויסגעצויגען.

— דאָ האָט איינער א לונגען־ענטצינדונג — האָט שטיל ארויס־גערעדט כאָבאָטאָוו, אריינגעהענדיג מיט אנדרעי יעפימיטש'ן אין פּאַלאַטע נומער זעקס: — איהר וואַרט דאָ א ווייליגקע, איך קום גלייך. איך וועל נור... אָט גלייך.

און ער איז ארויס.

17.

די נאַכט איז שוין צוגעפאַלען. איוואַן דמיטריטש איז געלעגען אויף זיין בעט מיט'ן פּנים איינגעגראָבען אין דער קישען; דער פּאַ־ראַליזירטער איז געזעסען אונבעוועגליך, האָט שטיל געוויינט און

געפּרעפּעלט מיט די ליפּען. דער דיקער פּויער און דער אמאָליגער סאָרטירער האָבען געשלאָפען. ארום איז געווען שטיל.

אנדרעי יעפימיטש איז געזעסען ביי איוואן דמיטריטש'ן אויף דער בעט און געווארט. אָבער אין א האלב שעה ארום איז אנשטאָדט כאָבאָטאָוו'ן ארייננעקומען אין פּאלאטע ניקיטאַ, טראָגענדיג אין די הענד א כאלאט, עמיצענ'ס אונטערוועש און שטעק־שיך.

— זייט אזוי גוט און טהוט זיך איבער, אייער וואוילגעבאָרען!

— האָט ער געזאָגט שטיל — אָט איז אייער בעטעל, זייט מוחל אהער — האָט ער צוגעלייגט, אָנווייזענדיג אויף א לעדיגער, קאָנטיג ניט לאנג ארייננעשטעלטער בעטעל: — נישקשה, גאָט וועט געבען, איהר וועט געזונד ווערען.

אנדרעי יעפימיטש האָט אלעס פערשטאנען. ניט זאָגענדיג קיין וואָרט, איז ער צוגעגאנגען צו יענער בעטעל, אויף וועלכע ניקיטאַ האָט אָנגעוויזען, און זיך געזעצט. זעהענדיג, אז ניקיטאַ שטעהט נאָך אלץ און ווארט, האָט ער זיך אויסגעטהאָן נאקעט און זיך פערשעהמט. דערנאָך האָט ער אָנגעטהאָן די זאכען, וואָס ניקיטאַ האָט ערשט גע־בראכט. די אונטערהויזען זיינען געווען זעהר קורצע און דאָס העמד צו לאנג, און פון דעם כאלאט האָט געשמעקט מיט געריוכערטע פיש.

— גאָט וועט געבען, איהר וועט געזונד ווערען! — האָט נאָך אמאָל ניקיטאַ געזאָגט.

ער האָט א כאפּ געטהאָן אנדרעי יעפימיטש'עס זאכען אין איין פּעקעל, איז ארויס און האָט פערמאכט די טהיר הינטער זיך.

—אלץ איינס... — האָט געטראכט אנדרעי יעפימיטש, נורענ־דיג זיך פערשעהמט אין כאלאט און פיהלענדיג, אז אין זיינע נייע מלבושים איז ער עהנליך צו אן ארעסטאנט: — אלץ איינס, א פראק, א מונדיר, אדער אזא כאלאט...

אָבער ווארום האָט מען צוגענומען זיין זייגער? דעם נאָטיץ־ביכעל? די פּאַפּיראָסען? וואָהין האָט ניקיטאַ אוועקגעטראָגען זיינע קליידער? אפשר וועט ער שוין ניט דערלעבען זיי מעהר אָנצוטהאָן. עפּעס אזוי מאָדנע, מערקווירדיג, אונפערשטענדליך.

אנדרעי יעפימיטש איז איצט אויך געווען איבערצייגט, אז צווי־שען דעם הויז פון דער פרוי ביעלאָווא און דער פּאלאטע נומער זעקס, איז קיין שום אונטערשיעד ניטאָ, אז אלעס אויף דער וועלט איז ניט

ווערט קיין אויסגעבלאָזען איי, איז הבל הבלים, און דאָך האָבען ביי איהם הענד און פּיס געציטערט און איהם איז מורא'דיג געווען פון דעם געדאנק, אז באלד וועט איוואן דמיטריטש אויפשטעהן און וועט איהם דערזעהן אין א כאלאט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון'ם אָרט, איז זיך דורכגעגאנגען איבער דער פּאלאטע און זיך ווידער געזעצט.

אזוי איז ער געזעסען א האלב שעה, א שעה, און עס האָט איהם דער'עסען ביז חלשות. שוין־זשע קאָן מען דאָ לעבען א טאָג, א וואָך און יאָהרען גאנצע, אָט ווי די דאָזיגע מענשען?

ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבען, דורכגעגאנגען זיך און ווידער זיך געזעצט. וואָס ווייטער? ער קאָן נאָך צוגעהן צום פענסטער און ארויסקוקען, און ווידער זיך דורכגעהן איבער דער פּאלאטע און ווידער זיצען. און דערנאָך וואָס? דערנאָך? זיצען אזוי די גאנצע צייט. ווי א גולם און טראַכטען? ניין, דאָס קען ניט זיין.

אנדרעי יעפימיטש האָט זיך געלייגט, האָט זיך אָבער גלייך אויפגעהויבען, אָפּגעווישט פון'ם שטערן א קאלטען שוויים און דערפיהלט, אז זיין גאנצער פּנים האָט גענומען שמעקען מיט גערויכערטע פיש.

ער איז זיך ווידער דורכגעגאנגען.

— עפּעס א מיספערשטענדניס... — האָט ער ארויסגעמורמעלט, מאכענדיג מיט די הענד: — מען מוז פאָדערען אן ערקלעהרונגרונג, דאָ איז א מיספערשטענדניס...

אין דיעזער צייט האָט זיך איוואן דמיטריטש אויפגעכאפּט. ער האָט זיך געזעצט און אונטערגעשפּארט די באקען מיט די פויסטען. דערנאָך האָט ער א שפּיי געטהאָן. דערנאָך האָט ער פויל א קוק געטהאָן אויפ'ן דאָקטאָר און, קענטיג, די ערשטע מינוט גאָר נישט פערשטאַנען; אָבער באלד האָט זיין פערשלאָפענער פּנים אָנגענומען א בייזען און שפּאָטישען אויסדרוק.

— אהא, און אייך האָט מען אויך פעררוקט אהער, מיין טייבעלע! — האָט ער ארויסגערעדט מיט א הייזעריגען, פערשלאָפענעם קול, פערזשמורענדיג איין אויג: — עס פרעהט מיך. ביז אהער האָט איהר געטרונקען מענשישע בלוט און איצט וועט מען אייער בלוט טרינקען. אויסגעצייכענט!

— דאָס איז עפּעס א מיספערשטענדניס... — האָט ארויסגע־

שטאַמעלט אנדרעי יעפימיטש, שרעקענדיג זיך פאַר איוואַן דמיטרי־טשעם ווערטער; ער האָט אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען און ווידער געזאָגט: — עפּעס אַ מיספערשטענדניס...

איוואַן דמיטריטש האָט ווידער אַ שפּיי געטהאָן און זיך אוועק־געלייגט.

—פערפלוכטעס לעבען! — האָט ער ארויסגעבורטשעט — און עס טהוט נאָך מעהר וועה ביי דעם געדאַנק, אַז די אַלע ליידען וועלען זיך ניט ענדיגען, ווי אין דער אָפּערא, מיט הערליכען געזאַנג, נור מיט'ן טויט. עס וועלען קומען די פויערים, וועלען דיך אָננעהמען פאַר די הענד און פיס און אוועקשלעפּען אין קעלער. בררר! אָבער עס מאַכט נישט... דערפאַר אויף יענער וועלט וועלען מיר לעבען אַ גוטען טאָג... איך וועל פון יענער וועלט אויך קומען אהער, אום צו שרעקען די שרצים... זיי וועלען ביי מיר מוזען גרוי ווערען.

משה'קע האָט זיך צוריקגעקעהרט און, דערזעהן דעם דאָקטאָר, האָט ער צו איהם די האַנד אויסגעשטרעקט:

— גיעב אַ קאָפּיקע! — האָט ער געזאָגט.

.18

אַנדרעי יעפימיטש איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און ארויסגע־קוקט אויפ'ן פעלד. עס איז שוין געווען פינסטער און אויפ'ן גאָרי־זאָנט פון דער רעכטער זייט איז ארויסגעשוואומען אַ קאַלטע, בלוטיגע לבנה. ניט ווייט פונ'ם שפּיטאַל־פּאַרקאַן, ביי אַ הונדערט קלאַפטער אַן ערך, איז געשטאַנען אַ הויכע ווייסע געביידע, ארומגעצאַמט מיט אַ געמויערטער וואַנד. דאָס איז געווען די טורמע.

— אָט דאָס איז די ווירקליכקייט! — האָט אַ טראַכט געטהאָן אַנדרעי יעפימיטש און איהם איז געוואָרען מורא'דיג.

עס האָבען מורא'דיג אויסגעזעהן אי די לבנה, אי די טורמע, אי די טשוועקעס אויפ'ן פּאַרקאַן, אי דער ווייטער פלאַם, וואָס האָט זיך געזעהן פון אַ פאַבריק.

פון א הינטער האָט זיך דערהערט א זיפץ. אנדרעי יעפימיטש האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן א מענשען מיט בלישצענדיגע שטערן און אָרדענס אויף דער ברוסט, וועלכער האָט צו איהם געשמייכעלט און כיטרע אונטערגעוואונקט מיט אן אויג. און דאָס האָט זיך איהם אויך אויסגעוויזען מורא'דיג.

אנדרעי יעפימיטש האָט זיך געפּרובט איינריידען, אז אין דער לבנה און אין דער טורמע איז גאָר נישט ניטאָ קיין אונגעוועהנליכעס, אז פּסיכיש געזונדע מענשען טראָגען אָרדענס און אז אַלעס וועט מיט דער צייט פערפוילט און פערוואנדעלט ווערען אין לייהם, אָבער פּלוצים האָט איהם די פערצווייפלונג אָנגעכאַפּט, ער האָט זיך מיט ביידע הענד אריינגעשצעמעט אין די גראַטעס און זיי מיט אַלע כחות גע־גומען טרייסלען. די אייזערנע גראַטעס האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען.

דערנאָך, אום צו פערטרייבען אביסעל דעם פּחד, איז ער צוגע־גאַנגען צו איוואן דמיטריטשעס בעט און זיך געזעצט.

— איך האָב דעם מוטה פערלאָרען, מיין פריינד — האָט ער ארויסגעמורמעלט, טרייסלענדיג זיך און ווישענדיג דעם קאַלטען שוויים פונ'ם שטערן; — דעם מוטה פערלאָרען.

— אַט פילאָזאָפירט אביסעלע — האָט מיט שפּאָט אין קול גע־זאָגט איוואן דמיטריטש.

— מיין גאָט, מיין גאָט... יאָ, יאָ... איהר האָט אמאָל גע־זאָגט, אז אין רוסלאנד איז ניטאָ קיין פילאָזאָפיע, אָבער עס פילאָ־זאָפירען אַלע, אפילו דאָס קליינוואַרג אויך. אָבער דאָס פילאָזאָפירען פון'ם קליינוואַרג שאַדט דאָך קיינעם ניט — האט געזאָגט אנדרעי יעפימיטש מיט אזא טאָן, אקוראט ווי ער וואָלט זיך וועלען צו־וויי־נען: — וואָרום, מיין פריינד, לאַכט איהר אזוי פערביסען? און ווי זאָל דאָס קליינוואַרג ניט פילאָזאָפירען, ווען עס איז ניט בעפריע־דיגט? דעם קלוגען, געבילדעטען שטאָלצען, פרייהייטס־ליעבענדען מענשען איז קיין אנדער אויסוועג ניטאָ ווי צו געהן אלס רופא אין א שמוציגען, נאַרישען קליינשטעדטעלע און שטעלען באַנקעס און פּיאַוו־קעס, פּיאַווקעס און באַנקעס! שאַרלאַטאַנסטוואָ! קליינקעפּיגקייט! נישטווירדיגקייט! אָה, גאָט מיינער!

—איהר רעדט נאַרישקייטען! אויב אייך האָט געעקעלט צו שטעלען באַנקעס, האָט איהר געדאַרפט ווערען אַ מיניסטער.

— מען קאָן ערגעץ ניט, מען טאָר ניט. שוואַך זיינען מיר, מיין פריינד... איך בין געווען גלייכגילטיג, מונטער און געזונד זיינען מיינע געדאַנקען געווען, און קוים האָט דאָס לעבען זיך עטוואָס גראָב צוגעריהרט צו מיר, האָב איך שוין פערלאָרען דעם מוטה... שוואַך זיינען מיר, פערדאָרבען... און איהר אויך, מיין פריינד... איהר זייט קלוג, עהרליך, מיט דעם מוטער'ס מילך האָט איהר אין זיך אריינגע־זויגט הערליכע שטרעבונגען, נור קוים האָט איהר זיך מיט'ן לעבען אָנגעטראָפען, זייט איהר באַלד מיעד און קראַנק געוואָרען... שוואַך, שוואַך!

אויסער מורא און אַ געפיהל פון בעליידיגונג האָט נאָך עפּעס געמוטשעט אַנדרעי יעפימיטש'ען, ווען עס איז די נאַכט צוגעלאָפען. איהם האָט זיך געוואָלט רויכענען און ביער טרינקען.

— איך וועל ארויסגעהן פון דאַנען, מיין פריינד — האָט ער גע־זאָגט — איך וועל הייסען, מען זאָל פייער אָנצינדען... אַזוי קען איך ניט... אונמעגליך פאַר מיר...

אַנדרעי יעפימיטש איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און זי גע־עפענט; אָבער גלייך האָט זיך בעוויזען ניקיטאַ און איהם פאַרשטעלט דעם וועג.

— וואָהין? מען טאָר ניט, מען טאָר ניט! — האָט ער געזאָגט — שלאָפען שוין צייט!

— איך וועל בלויז אויף איין מינוט, דורכגעהן זיך איבער'ן הויף! — האָט אַנדרעי יעפימיטש געזאָגט מיט אַ צומישטער מינע.

— מען טאָר ניט, מען טאָר ניט, נישט ערלויבט, איהר ווייסט אליין.

ניקיטאַ האָט פערקלאַפּט די טהיר און זי פאַרשטעלט מיט'ן רוקען.

— אבער וואָס קאָן עס וועמען אַרען, אז איך וועל ארויסגעהן?

—האט געפרעגט אַנדרעי יעפימיטש, קוועטשענדיג מיט די אַקסלען:

— איך פערשטעה ניט! ניקיטאַ, איך דאַרף ארויסגעהן! — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערענדיגען קול — איך מוז!

— מאַכט ניט קיין אונאָרדנונגען, ניט שעהן! — האָט איהם גע'מוסר'ט ניקיטאַ.

— דער רוח ווייסט, וואָס דאָס איז! — האָט פּלוצים אויסגע־שריען איוואַן דמיטריטש און איז אויפגעשפּרונגען: — וואס פאר א רעכט האָט ער ניט צולאָזען? ווי וואַגען זיי אונז דאָ צו האַלטען פער־שפּארט? דער געזעץ זאָגט, דאַכט זיך, בפירוש, אז אָהן א משפּט טאָר מען ביי קיינעם ניט אוועקרויבען די פרייהייט! דאָס איז פערגוואַלטי־גונג! ווילקיר!

— געוויס איז עס א פערגוואַלטיגונג! — האָט אונטערגעכאַפּט אַנדרעי יעפימיטש, ערמונטערט פון איוואַן דמיטריטשעס געשריי: — איך דארף, איך מוז ארויסגעהן! ער האָט קיין רעכט ניט! עפען די טהיר, זאָגט מען דיר!

— דו הערסט, גראָבער נפש דו? — האָט א געשריי געטהאָן איוואַן דמיטריטש און א קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פויסט אין טהיר — עפען, אניט ברעך איך אוים די טהיר! הויט־שינדער!

— עפען! — האָט א געשריי געטהאָן אַנדרעי יעפימיטש, טרייס־לענדיג זיך אין גאַנצען: — איך פאָדער!

— דו רייד נאָך אביסעל! — האָט געענטפערט ניקיטאַ פון אהינ־טער דער טהיר — דו רייד נאָך אביסעל!..

— געה כאַטש און טהו ארוף אהער דאָקטאָר כאָבאָטאָוו'ן, זאָג איהם, אז איך וויל איהם זעהן... אויף איין מינוט!

— זיי וועלען מאָרגען אליין קומען.

— מען וועט אונז שוין קיינמאָל מעהר פון דאַנען ניט ארויסלאָ־זען! — האָט דערוויילע גערעדט איוואַן דמיטריטש — מיר וועלען דאָ פערפוילט ווערען! אה, גאָט מיינער, שוין־זשע איז טאַקי אויף יענער וועלט ניטאָ קיין גהינום פאר אָט די דאָזיגע רצחים? וואו זשע איז די גערעכטיגקייט? עפען, טויגעניכטס, איך ווער דערשטיקט! — האָט ער א געשריי געטהאָן מיט א הייזעריגען קול און מיט אלע כוחות גענומען רייסען די טהיר: — איך וועל דיר דעם קאָפּ צופּלע־טען! מערדער!

ניקיטאַ האָט שנעל אָן עפען געטהאָן די טהיר, גראָב מיט ביידע הענד און מיט א קניע אָפּגעשטויסט אַנדרעי יעפימיטש'ן דערנאָך האָט

ער זיך פערמאָסטען און איהם א זעץ געטהאָן מיט'ן פויסט איבער'ן פּנים.

אנדרעי יעפימיטש'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אז א מורא'דיג גרויסע, געזאַלצענע כוואַליע האָט איהם אין גאַנצען פערגאָסען און אוועקגעטראָגען צו דער בעט; ער האָט געפיהלט א געזאַלצענעם טעם אינ'ם מויל, מסתמא פון פערבלוטיגטע ציינער. ער האָט געוואָלט אויסשפּייען, געגומען מאכען מיט ביידע הענד און האט זיך אָנגעכאַפּט אָן עמיצענ'ס בעט, און אין דער זעלבער צייט האָט ער דערפיהלט, אז ניקיטא האָט איהם צוויי זעץ געטהאָן איבער'ן רוקען.

איוואַן דמיטריטש האָט הויך געשריען, הפּנים, מען האָט איהם אויך געשלאָגען.

דערנאָך איז שטיל געוואָרען. א שיטערער שיין פון דער לבנה האָט זיך געצויגען דורך די גראַטעס און אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגען א שאָטען, עהנליך צו א נעץ. עס איז געווען מורא'דיג. אנדרעי יעפימיטש האָט זיך אוועקגעלייגט און פערהאַלטען דעם אָטהעם. ער האָט מיט שרעק ערוואַרטעט, אז מען וועט איהם ווידער שלאָגען. אקוראַט ווי עמיצער וואָלט איהם מיט א שנייד־מעסער אין ברוסט אריינגערוקט, וואָלט איהם דורכגעלעכערט אי די ברוסט אי די קישקעס.

פאַר וועהטאָג האָט ער א ביס געטהאָן די קישען און די ציינער פערשצעמעט, און פּלוצים האָט אין זיין מוח, אין מיטען פון דעם דאָזיגען כאַאָס, א ברען געטהאָן א מורא'דיגע, פערצווייפעלטער געדאַנק, אז פּונקט אזא וועהטאָג האָבען יאָהרען לאַנג געמוזט איבערטראָגען די דאָזיגע אַלע מענשען, וועלכע האָבען איצט אויסגעוויזען אונטער'ן שיין פון דער לבנה ווי שוואַרצע שאָטענס. ווי אזוי האָט דאָס געקאָנט געמאָלט זיין, אז אין פערלויף פון העכער צוואַנציג יאָהר האָט ער עס ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען? ער האט ניט געוואוסט, ניט געהאַט קיין שום בעגריעף וועגען די דאָזיגע יסורים, הייסט עס, אז ער איז ניט שולדיג, אָבער דאָס געוויסען, אזוי פּער'עקשנט און גראָב ווי ניקיטא, האָט איהם געמאַכט שוידערן פון קאָפּ ביז די פיס. ער איז אויפגעשפּרונגען, געוואָלט א געשריי טהאָן מיט אַלע קרעפטען און לויפען וואָס גיכער, טויטען ניקיטא'ן, דערנאָך כאָבאָטאָוו'ן און דערנאָך זיך אַליין, אבער פון דער ברוסט האט זיך

קיין קלאַנג ניט ארויסגעריסען און די פיס האָבען זיך ביי איהם אונ־טערגעהאַקט. עס האָט איהם גענומען שטיקען און ווערגען, ער האָט א ריס געטהאָן ביי דער ברוסט דעם כאַלאַט און העמד, צוריסען און איז אין חלשות געפאלען אויף דער בעט.

.19

אויף מאָרגען אין דער־פריה האָט ביי איהם דער קאָפּ וועה גע־טהאָן, אין די אויערען געקלונגען און אינ'ם גאנצען קערפּער האָט ער געפיהלט א גרויסע שוואכקייט.

ער האָט זיך ניט געשעהמט צו טראכטען וועגען זיין נעכטיגער שוואכקייט. ער איז נעכטען געווען שוואך, האָט זיך געשראָקען אפילו פאר דער לבנה, ארויסגעזאָגט אזוינע געדאנקען און געפיהלען, וועלכע ער האט ביז נעכטען אפילו ניט פערדעכטיגט ביי זיך. למשל, די גע־דאנקען וועגען דעם אונבעפריעדיגטען פילאָזאָפירענדיגען קליינוואַרג. אָבער איצט איז איהם געווען אלץ איינס, צו אלעם געווען גלייכגיל־טיג.

ער האָט ניט געגעסען, ניט געטרונקען, איז אונבעוועגליך געלעגען און האָט געשוויגען.

— מיר איז אלץ איינס — האָט ער געטראכט, ווען מען האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט פראגען: — איך וועל ניט ענטפערען... מיר איז אלץ איינס...

נאָך מיטאָג איז געקומען מיכאאיל אווועריאַניטש און האָט גע־בראכט מיט זיך א פערטעל טהעע און א פונט מאַרמעלאַד. דאַריושקא איז אויך געקומען און איז א גאנצע שעה געשטאַנען נעבען זיין בעט מיט אן אויסדרוק פון טיעפען צער אויפ'ן פנים. עס האָט איהם בע־זוכט דאָקטאָר כאָבאָטאָוו. ער האָט געבראכט מיט זיך א פלעשעלע בראָמאַ־קאלי און געהייסען ניקיטאַ'ן אויסרויכערען מיט עפּעס אין פאלאטע.

דעם אייגענעם פארנאכט איז אנדרעי יעפימיטש געשטאָרבען פון אן אַפּאָפּלעקסיע־שלאַג. אפריהער האט איהם שטארק געשווי־

דערט און גענודעט, עס האָט זיך איהם געדאכט, ווי עטוואָס עקעלדי־געס האָט דורכגענומען זיין גאַנצען קערפּער, אפילו די פינגער, האָט זיך צוגאָסען פונ'ם בויך צום קאָפּ און פערגאָסען די אויגען און אויע־רען. אין די אויגען איז ביי איהם גרין געוואָרען...

אנדרעי יעפימיטש האָט פערשטאַנען, אז זיין סוף איז געקומען און ער האָט זיך דערמאָנט, איוואַן דמיטריטש, מיכאאיל אווריאַ־ניטש און מיליאָנען מענשען גלויבען אין אַ לעבען נאָכ'ן טויט. און טאָמער איז עס טאַקי אמת? אָבער לעבען נאָכ'ן טויט האָט ער קיין חשק ניט געהאַט און האָט וועגען דעם געטראַכט בלויז איין רגע. אַ טשערעדאַ הירשען, שעהנע און גראַציעזע, וועגען וועלכע ער האָט נעכטען געלעזען, האָט זיך דורכגעטראָגען פערביי איהם; דערנאָך האָט אַ פרוי אויסגעשטרעקט צו איהם אַ האַנד מיט אַ פערסטראַ־כירטען בריעף... מיכאאיל אווריאַניטש האָט עפּעס געזאָגט... דערנאָך איז אַלעס פערשוואונדען, און אנדרעי יעפימיטש איז פער־שלונגען געוואָרען פון דער אייביגקייט.

עס זיינען געקומען די פויערים, האבען איהם אָנגענומען פאר די הענד און פיס און ארויסגעטראָגען אין דער קאַפּעלע. דאָרט איז ער געלעגען אויפ'ן טיש מיט אָפענע אויגען און ביינאַכט האט די לבנה אויף איהם איהר שיין געוואָרפען.

אין דער פריה איז געקומען דער פעלדשער, האָט פרום זיך גע'צלם'ט נעגען דעם געטשקע און פערמאַכט זיין פריהערדיגען בעל הבית די אויגען.

אין אַ טאָג שפּעטער איז געווען אנדרעי יעפימיטשעס לויה. אויף דער לויה זיינען בלויז געווען מיכאאיל אווריאַניטש און דאריושקאַ.

אן אונגליק

סאָפיא פּעטראָוונא, דעם נאָטאריוס לוביאַנצעוו'ס יונגע, שעהנע פרוי, א יאָהר פינף און צוואנציג אַלט, איז שטיל געגאַנגען איבער'ן אויסגעהאַקטען וואלד־וועג מיט איהר זומער שכן דעם אַדוואָקאַט אילין.

עס איז געווען פינף אַזייגער פאַרנאַכט.

איבער דעם אויסגעהאַקטען וואלד־וועג האָבען זיך צוזאַמענגע־קליבען געדיכטע, ווייסע וואָלקענס; און פון צווישען זיי האָבען וואו־ניט־וואו ארויסגעקוקט העל־בלויע שטיקלאַך הימעל. די וואָלקענס האָבען זיך נישט געריהרט, זיינען געשטאַנען אויף איין אָרט, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך פאַרטשעפּעט אָן די שפּיצען פון די הויכע, אַלטע סאָסנעס.

עס איז געווען שטיל און שטיקענד.

פון ווייטען איז דער וואלד־וועג געווען איבערגעשניטען פון אַן אייזענבאהן־ליניע, איבער וועלכער עס האָט דאָס מאָל צוליעב עפּעס געשפּרייזט א וועכטער מיט א ביקס אין האנד. גלייך הינטער דעם אייזענבאהן־וועג האָט זיך געזעהן א גרויסער, שפּיציגער קלויס־טער מיט א פערזשאַווערטען דאַך...

— איך האָב נישט ערוואַרטעט זיך דאָ מיט אייך צו טרעפען — האָט גערעדט סאָפיא פּעטראָוונא, קוקענדיג אויף דער ערד, און שאַרענדיג מיט'ן שפּיץ פון איהר שירעם די פאַר־א־יאָהריגע בלעטער: — און איצט פרעהט מיך, וואָס מיר האָבען זיך געטראָפען. איך מוז מיט אייך ריידען ערנסט איין מאָל פאַר אַלע מאָל. איך בעט אייך, איוואַן מיכאַילאָוויטש, אויב איהר רעספּעקטירט און ליעבט מיך אויף אַן אמת, דאַן הערט אויף מיך צו פערפאָלגען! איהר געהט מיר נאָך, ווי א שאָטען, קוקט אויף מיר תמיד מיט אויגען, וואָס וואָלטען מיך

איינגעשלונגען, איהר ערקלעהרט זיך אין ליעבע, שרייבט אזעלכע מאָדנע בריעף און... און איך ווייס נישט, ווען צו דעם אלעם וועט נעהמען א סוף! נו, זאָגט אליין, וואָס קען דערפון ווערען? גאָט מיי-נער!

אילין האָט געשוויגען.

סאָפיא פעטראָוונא איז זיך דורכגעגאנגען עטליכע טריט און ווייטער גערעדט:

— און דיעזע שאַרפע אומענדערונג איז אין אייך פאָרגעקומען אין וואָס'רע צוויי-דריי וואָכען, נאָכדעם, ווי מיר קענען זיך שוין פינף יאָהר. איך דערקען אייך נישט, איוואן מיכאילאָוויטש.

סאָפיא פעטראָוונא האָט פון דער זייט א קוק געטהאָן אויף איהר בעגלייטער.

זשמורענדיג די אויגען, האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף די געדיכטע וואָלקענס. דער אויסדרוק פון זיין פנים איז געוועזן א שלעכ-טער, א קאַפּריזנער, א צוטראָגענער, ווי ביי א מענשען, וועלכער ליי-דעט און מוז אין דער זעלבער צייט אויסהערען נארישקייטען.

— מערקווירדיג, ווי פארשטעהט איהר דאָס אליין נישט! — האָט ווייטער גערעדט די פרוי לוביאנצעוו, א דריק טהאָנדיג מיט די אקסלען: — פארשטעהט דאָך, אז איהר לאָזט זיך אריין אין ניט א שעהנעם שפּיעל. איך בין א פערהייראַטעטע פרוי, האָב ליעב און רעספּעקטיר מיין מאַן... ביי מיר איז דאָ א טאָכטער... שווין-זשע שפּיעלט דאָס אלעס ביי אייך גאָר קיין ראָלע נישט? אויסער דעם, אייך, אלס מיין אלטען פריינד, איז גוט בעקאַנט מיין בליק אויף דער פאמיליע... אויף די גרונד-פּרינציפּען פון דעם פאמיליען-לעבען אין אלגעמיין...

אילין האָט געמאכט א פערדריסליכע בעוועגונג און א זיפץ גע-טהאָן.

— די גרונד-פּרינציפּען פון פאמיליען-לעבען... — האָט ער א בורטשע געטהאָן — אָה, דו ליעבער גאָט!

— יאָ, יאָ... איך ליעב מיין מאַן, אכטע איהם און יעדענפאלס איז מיר די רוה פון מיין פאמיליע זעהר טהייער. איך וואָלט זיך גיכער געלאָזט טויטען, איידער צו זיין די אורזאך פון אנדרעי'ס אונגליק, פון זיין טאָכטער'ס ליידען... און איך בעט אייך, איוואן מיכאילאָ-

וויטש, ווי נאט איז אייך ליעב, לאזט מיך צופריעדען. לאמיר זיין גוטע פריינד, ווי פריהער, און איהר ווארפט אוועק דאס נארישע אכצען און קרעכצען, עם קליידעט אייך גארנישט. אלזא, אזוי איז בעשלאסען און פארטיג! איך וויל מעהר אווארט וועגען דעם ניט הערען. לאמיר ריידען וועגען עפעס אנדערש.

סאפיא פעטראוונא האט ווידער פער'גנב'עט א בליק געטהאן אויף איליג'ס פנים. אילין האט געקוקט ארויף, איז געווען בלאס און האט בייז געביסען די ציטערענדיגע ליפען. פרוי לוביאנצעוו האט ניט פערשטאנען, פארוואס ער איז בייז און וואס האט איהם אזוי אויפגעבראכט, נור זיין בלאסקייט האט זי געריהרט.

— נו, זייט־זשע ניט בייז, לאמיר זיין גוטע פריינד... — האט זי געזאגט מיט א ווייכען קול — געהט עס? אט איז מיין האנד!

אילין האט גענומען איהר קליין, ווייך הענטעלע אין זיינעביידע, האט א דריק געטהאן און לאנגזאם צוגעטראגען צו די ליפען.

— איך בין ניט קיין גימנאזיסט — האט ארויסגעשטאמעלט — מיט דער פריינדשאפט פון דער געליעבטער פרוי, קען מען מיך ניט אפקויפען.

— גענוג, גענוג!.. בעשלאסען און פארטיג. אט זיינען מיר נעבען דער באנק, קומט, לאמיר זיך צוזעצען...

סאפיא פעטראוונא'ס נשמה האט אנגעפילט א זיסער געפיהל פון פריעדען און רוה: דאס שווערסטע און אונאנגענעהמסטע איז שוין געווען אבגעזאגט, די אנגעוועהטאגטע פראגע פארענטפערט און מיט איהר אין גאנצען פארטיג געווארען. אצינד ערשט קען זי פריי אבאטהעמען און קוקען אילין'ען גלייך אין פנים. זי האט געקוקט אויף איהם, און א עגאאיסטיש געפיהל, אז זי, די געליעבטע פרוי, איז שטארקער פון איהם, דעם ליעבענדען מאן, האט זי אנגענעהם געלאסטשעט.

איהר איז געפעלען געווען, וואס אט דער דאזיגער שטארקער, גרויסער מאנספארשוין, מיט דעם מענשליכען, שלעכטען פנים און דער גרויסער שווארצער בארד, א קלוגער, א געבילדעטער און, ווי מען זאגט א טאלאנטפולער, האט זיך געהארכזאם אוועקגעזעצט נעבען איהר און אראבגעלאזען דעם קאפ.

א מינוט צוויי־דריי זיינען זיי געזעסען און האבען געשוויגען.

— קיין זאַך איז נאָך נישט בעשלאָסען און ניט געענדיגט...

— האָט אָנגעהויבען אילין — איהר רעדט צו מיר עפּעס אזוי ווי פון א בוך: „איך ליעב און רעספּעקטיר דעם מאַן... די גרונד־פּרינציפּען פון פאַמיליען־לעבען"... דאָס אַלעס ווייס איך אָהן אייך אויך און קען אייך זאָגען נאָך מעהר. איך זאָג אייך אויפריכטיג און עהרליך, אז מיין איצטיגע אויפפיהרונג האַלט איך פאַר פערברעכעריש און אונמאָראַליש. דאַכט זיך גענוג, הא, וואָס? אָבער צו וואָס טויג צו ריידען דאָס, וואָס אַלע ווייסען שוין? אנשטאָט צו קאָרמענען די נאַכטיגאַל מיט פוסטע רייד, וואָלט איהר מיר בעסער געזאָגט: וואָס איך זאָל טהאָן?

— איך האָב אייך שוין געזאָגט: פאָהרט אוועק!

— איך בין שוין אוועקגעפאָהרען א מאָל פינף, איהר ווייסט עס גאַנץ גוט, און יעדעס מאָל האָב איך זיך אומגעקעהרט פון האַלבוועגס! איך קען אייך ווייזען די בילעטען פון די אייזענבאַהנען — זיי זיינען נאָך ביי מיר אַלע גאַנץ. איך קען פון אייך נישט אַנטלויפען, איך האָב קיין ווילען נישט! איך קעמפּף, קעמפּף שרעקליך, אָבער צו וואָס טויג דאָס אַלעס, אז אין מיר פעהלט די פערהאַרטעוועטקייט, איך בין שוואַך, קליינמוטיג! איך קען ניט קעמפּפען מיט דער נאַטור! איהר פערשטעהט? איך קען נישט! איך אַנטלויף פון דאַנען און זי כאַפּט מיך פאַר די לאַצען און האַלט מיך צוריק. מיאוס'ע, העסליכע שוואַכקייט!...

אילין איז רויט געוואָרען, האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען געהן ארום דער באַנק.

— איך בין בייז, ווי א הונד! — האָט ער ארויסגעבורטשעט, דריקענדיג די פויסטען: — איך האַס און פעראַכטע זיך אליין! גאָט מיינער, ווי אַן אויסגעלאַסען אינגעל יאָג איך זיך נאָך נאָך א פרעמדער פרוי, שרייב איהר אידיאָטישע בריעף, ערניעדריג זיך... ע־ע־ך־ך!

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָפּ, אַ קרעכץ געטהאָן און זיך צוריק אוועקגעזעצט.

— און דערצו נאָך זייט איהר אזוי ניט אָפּענהערציג! — האָט ער ווייטער געזאָגט מיט ביטערקייט — אויב איהר זייט געגען מיין מיאוס'ען שפּיעל, היינט צו־וואָס זייט איהר געקומען אַהער? וואָס

האָט אייך אהער געצויגען? אין מיינע בריעף בעט איך ביי אייך נור איין זאַך, אַ בעשטימטען ענטפער: יאָ אָדער ניין, און איהר, אַנשטאָדט מיר צו געבען אַ קלאָהרען ענטפער, זוכט יעדען טאָג זיך מיט מיר „צופעליג״ צו טרעפען און טראַקטירט מיך מיט ציטאַטען פון ביי־כער!

פרוי לוביאַנצעווו האָט זיך דערשראָקען און זיך אַנגעצונדען. זי האָט זיך פּלוצים דערפיהלט אין דער אונבעקוועמער לאַגע, אין וועלכער אנשטענדיגע פרויען פיהלען זיך געוועהנליך, ווען מען טרעפט זיי צו־פעליג ניט אָנגעטאָנענע.

— ווי עס שיינט, זייט איהר מיר חושד, אַז איך שפּיעל זיך מיט אייך... — האָט זי געגומען שטאַמלען — איך האָב אייך אימער געגעבען אַ קלאָהרען ענטפער און... און היינט האָב איך אייך אויך געבעטען!

— נאַרישקייטען, מען דאַרף דען בעטען אין אַזעלכע זאַכען? ווען איהר זאָלט מיר גלייך, פון אָנהויב אָן, זאָגען „געהט אַוועק!״, וואָלט איך שוין לאַנג דאָ נישט געווען, איהר האָט עס מיר אָבער נישט געזאָגט. איהר האָט מיר נאָך קיין איין מאָל ניט געענטפערט גלייך. אַ מערקווירדיגע אונענטשלאָסענהייט! ביי גאָט, אָדער איהר שפּיעלט זיך מיט מיר, אָדער...

אילין האָט ניט דערעדט און אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט די פויסטען.

סאָפיא פּעטראָוונאַ האָט זיך גענומען דערמאָהנען אָן איהר אויפפיהרונג מיט איהם פון אָנהויב ביז׳ן סוף. זי האָט גוט געדענקט, אַז אָט די אַלע טעג איז זי ניט נור אין איהר האַנדלונג, נור אַפילו אין איהרע פערבאָרגענסטע געדאַנקען געווען געגען אילינ׳ס ליעבע; און דאָך האָט זי געפיהלט, אַז אין דעם אַדוואָקאַט׳ס ווערטער איז פאַראַן אַ געוויסער קערנדעל אמת. און ניט וויסענדיג אין וואָס דער דאָזיגער קערנדעל אמת בעשטעהט, האָט זי, וויפיעל זי האָט נישט געטראַכט, בשום אופן נישט געקענט אויסקלעהרען, וואָס אַזוינס צו ענטפערען אילין׳ען אויף זיין בעשולדיגונג. שווייגען איז געווען ניט בעקוועם, און זי האָט געזאָגט, אַ דריק טהאָנדיג מיט די אַקסלען:

— בין איך נאָך שולדיג, זאָל זיין אַזוי.

— איך מאַך אייך ניט שולדיג פאַר אייער ניט אָפענקייט —

האָט אַ זיפץ געטהאָן אילין — דאָס האָב איך נור אַזוי, עס איז אויס־געקומען צורייד... אייער ניט אָפּענהערציגקייט איז גאַנץ נאַטיר־ליך, אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך. ווען אַלע מענשען זאָלען זיך צוזאַ־מענריידען און זאָלען פּלוצים ווערען אָפּענהערציג, וואָלט קיין זאַך ביי זיי נישט ארויסגעקומען, אַלעס וואָלט אַוועק מיט שטויב און רויך.

סאָפיא פּעטראָווונא איז אצינד ניט געווען אויפגעלעגט צו פי־לאָזאָפירען, דאָך האָט זי זיך דערפרעהט מיט דער געלעגענהייט, וואָס מען קען איבערבייטען דאָס געשפּרעך און האָט געפרעגט:

— וואָס הייסט, ווי אַזוי?

— דערפאַר, ווייל נור חיות און ווילדע זיינען אָפענהערציג. איין מאָל האָט די ציוויליזאַציאָן אריינגעבראַכט אין לעבען אַ בעדירפנים, פּאַר אַזאַ מין זאַך, ווי למשל, פרויען־טוגענד, דאַן איז דאָ שוין פּאַר דער אָפּענהערציגקייט קיין פּלאַץ ניטאָ...

אילין האָט בייז אַ פּיהר געטהאָן מיט'ן שטעקעל איבער'ן זאַמד.

פרוי לוביאַנצעוו האָט איהם אויסגעהערט, כאָטש זי האָט פיעלעס נישט פערשטאַנען, אָבער דער געשפּרעך איז איהר געפעלען געווען. פריהער פון אַלעם איז איהר געפעלען, וואָס מיט איהר, אַן איינפאַכער פרוי, רעדט אַזאַ געבילדעטער, טאַלאַנטפאָלער מענש וועגען „קלוגע זאַכען"; אויסער דעם, האָט איהר גרויס פערגעניגען פערשאַפט צו בעאָבאַכטען, ווי עס האָט זיך באַוועגט דער בלאַסער, לעבעדיגער, נאָך אימער בייזער, יונגער פּנים. פיעלעס האָט זי נישט פערשטאַנען, איין זאַך נור איז פאַר איהר קלאָהר געווען, אַז דער היינטוועלטיגער, מאָדנער מענש איז מוטיג און געוואַגט, אַז ער שטעלט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָב און פאַרענטפערט אַלע גרויסע פראַגען איינפאַך און קורץ.

זי האָט זיך פּלוצים נעכאַפּט, אַז זי קוועלט גאַר פון איהם, און האָט זיך דערשראָקען.

— ענטשולדיגט, אָבער איך פערשטעה נישט — האָט זי זיך צוגעאיילט צו זאָגען — צו־וואָס האָט איהר זיך גענומען ריידען וועגען ניט אָפּענהערציגקייט? איך ווידערהאָל נאָך אַמאָל מיין ביטע:

זייט אַ ליעבער, גוטער פריינד, לאָזט מיך צופריעדען! איך בעט אייך זעהר ערנסט!

— גוט, איך וועל ווייטער קעמפּפען! — האָט אַ זיפץ געטהאָן אילין — איך בין צופריעדען זיך צו סטאַרען... אָבער איך צוויי־פעל, אויב פון מיין קאַמפּף וועט עפּעס ארויסקומען. אָדער איך וועל זיך אריינשיסען אַ קויל אין שטערען, אז ניט... וועל איך נעהמען און אין זיך גיסען, וויפיעל עס וועט נור אריין. גוט וועל איך דאָ שוין נישט אָבשניידען! אַלעס האָט אַ מאָס, דער קאַמפּף מיט דער נאַטור אויך. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי קען מען קעמפּפען מיט משוגעת? וואָס קען איך העלפען, ווען אייער געשטאַלט איז צו־גע־וואַקסען צו מיין נשמה און שטעהט, ווי אַ צוגעשמידעטע, טאָג און נאַכט פאַר מיינע אויגען, ווי אָט די דאָזיגע סאָסנע? זאָגט מיר, לערנט מיך אויס, וואָס פאַר אַ העלדען־טהאַט דאַרף איך באַגעהן, אום זיך צו בעפרייען פון דיעזען העסליכען, אונגליקליכען צושטאַנד, ווען אַלע מיינע געדאַנקען, מיינע פערלאַנגען און חלומות געהערען נישט מיר, נור עפּעס אַ טייפעל, אַ שד, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין מיר? איך ליעב אייך, ליעב אייך אַזוי משוגע, אַז איך בין אין גאַנצען אַראָב פון וועג, האָב געוואָרפען מיין אַרבייט און די נאָהענטסטע מענשען, האָב פאַרגעסען אָן מיין גאָט! קיין מאָל אין לעבען האָב איך נאָך אַזוי ניט געליעבט!...

סאָפיא פעטראָוונאַ, וועלכע האָט ניט ערוואַרטעט אַזאַ איבער־גאַנג, האָט זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער אַ ריס געטהאָן צוריק פון אי־לין'ען און מיט שרעק געקוקט אויף זיין פּנים. אין זיינע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען, די ליפּען האָבען געציטערט און איבער דעם גאַנצען פּנים איז צוגאָסען געווען עפּעס אַ מין הונגעריגער, רחמנות'־דיג־בעטענדיגער אויסדרוק.

— איך ליעב אייך! — האָט ער געמורמעלט און צוגערוקט זיי־נע אויגען נעהענטער צו איהרע גרויסע, צושראָקענע אויגען: — איהר זייט אַזוי שעהן! איך לייד אַצינד, לייד שטאַרק, אָבער איך שווער אייך, מיין גאַנץ לעבען וואָלט איך אַזוי אָבגעזעסען, ליידענדיג און קוקענדיג אייך אין די אויגען. נור... שווייגט, איך בעט אייך!

סאָפיא פעטראָוונאַ איז צומישט געוואָרען און גענומען שנעל־שנעל אויסטראַכטען ווערטער, מיט וועלכע זי זאָל קענען אָבשטעלען

איליוש'ען. „איך וועל אוועק!" — האָט זי בעשלאָסען, אָבער נאָך איי־דער זי האָט בעוויזען זיך א ריהר צו טהאָן און אויפשטעהן, איז שוין איליוש געלעגען אויף די קניע ביי איהרע פיס... ער האט ארומגענומען איהרע קניע, געקוקט איהר אין פנים און גערעדט הייס, ליידענשאפט־ליך, שעהן.

פאר שרעק און צוטומעלטקייט האָט זי ניט געהערט זיינע רייד; עפּעס האָט זי אצינד, אין דיעזען געפעהרליכען אויגענבליק, ווען איהרע קניע האָבען זיך אנגענגעהם געצויגען און געדריקט, ווי אין א ווארימער וואננע, געזוכט מיט עפּעס א מין שלעכטער פערביסענקייט צו דערגעהן א טאָלק אין איהרע אייגענע געפיהלע. זי האָט זיך גע־בייזערט דערפאר, וואָס אנשטאָדט דעם געפיהל פון בעליידיגטער טוגענד, האָט זי געפיהלט, ווי אין גאַנצען האָט זי ארומגענומען עפּעס א מאָדנע מאכטלאָזיגקייט, א פוילקייט און פוסטקייט, ווי א שיכור'ן, וועלכער פייפט אויף דער גאַנצער וועלט; נור ערגעץ טיעף אין דער נשמה האָט א קליין ווינקעלע זיך בייז געריצט מיט איהר: „נו, פאר־וואָס געהסטו נישט אוועק? הייסט עס, אז אזוי דארף זיין? א־יאָ?"

זוכענדיג צו פארשטעהן זיך אליין, האט זי נישט בעגריפען, ווי אזוי זי האט ניט ארויסגעריסען איהר האנד, אין וועלכען איליוש האט זיך איינגעזויגען, ווי א פּיאווקע, און צו וואָס אייגענטליך האָט זי אזוי געראָלט צוזאמען מיט איליוש'ען א קוק געטהאָן רעכטס און לינקס, צו זעהט ניט, חלילה, ווער עס איז?

די סאָסנעס און די וואָלקענס זיינען געשטאַנען אונבעוועגליך און האָבען פינסטער אראָבגעקוקט, אזוי, א שטייגער, ווי די אלטע פּעטערס, וועלכע זעהען אַן עולה, נור האָבען זיך אָנגענומען פאר געלד ניט צו דערטראָגען, וואו מען דארף. דער וועכטער איז, ווי א סלופּ, געשטאַנען אויף דער אייזענבאהן־ליניע און האָט, דאכט זיך, געקוקט אויף דער באַנק.

— זאָל ער קוקען! — האָט א טראכט געטהאָן אָלגאַ איוואַ־נאָווגאַ.

— אָבער... אָבער הערט אויס! — האָט זי אויפ'ן סוף אויס־גערעדט מיט פערצווייפלונג אין קול — צו־וואָס קען דאָס ברייננען? וואָס וועט זיין שפּעטער?

—איך ווייס נישט, איך ווייס נישט — האט ער געשעפטשעט אוועקמאכענדיג מיט'ן האנד די אונאנגענעהמע פראגען.

עס האט זיך דערהערט א הייזעריגער, ציטערענדיגער פייף פונ'ם לאקאמאטיוו... אט דער דאזיגער פרעמדער, קאלטער קלאנג פון דער אלטעגליכער ווירקליכקייט האט געצוואונגען די פרוי לוביאנצעוו קומען צו זיך.

— איך בין פארנומען... ס'איז צייט! — האט זי געזאגט, און זיך שנעל אויפגעהויבען: — דער צוג קומט אן... אנדרעי פאהרט! ער דארף עסען מיטאג.

מיט א ברענענדיגען פנים האט זיך סאפיא איוואנאוונא אומגעקערט צו דעם אייזענבאהן־וועג. אפריהער איז לאנגזאם דורכגעקראכען דער לאקאמאטיוו, נאך איהם האבען זיך בעוויזען די וואגאנעס. דאס איז ניט געוועזען קיין צוג, וואס האט געפיהרט די זומער געסט, ווי פרוי לוביאנצעווא האט געמיינט, נור א פראכט־צוג. אין א לאנגען ראנד, איינער נאכ'ן אנדערען, ווי די טעג פון מענשליכען לעבען, האבען זיך גענומען ציהען פארביי דעם ווייסען קלויסטער די וואגאנעס, און עס האט זיך געדאכט, אז זיי ציהען זיך אזוי אהן א סוף!

נור אט האט זיך ענדליך דער צוג געענדיגט, און דער לעצטער וואגאן מיט די לאנטערנעס און דעם קאנדוקטאר זיינען פערשוואונדען צווישען די גרינס.

סאפיא פעטראוונא האט זיך שארף אומגעקעהרט און, ניט קוקענדיג אויף אילין'ען, גענומען שנעל געהן צוריק איבער דעם אויסגעהאקטען וואלד־וועג. אצינד האט זי זיך שוין באהערשט. רויט פון שאנדע, טיעף בעליידיגט ניט פון אילין'ען, נור פון איהר אייגענער שוואכקייט, פון איהר אונפערשעהמטקייט, פון דעם, וואס זי, א מאראלישע, ריינע, עהרליכע פרוי, האט ערלויבט א פרעמדען מאן ארומצונעהמען איהרע קניע... אצינד האט זי געטראכט נור פון איין זאך, וואס שנעלער קומען צו איהר זומער־פלאץ, צו איהר פאמיליע.

דער אדוואקאט האט זי קוים געקענט אניאגען.

זיך אומגעקעהרט פון וואלד־וועג אויף א שמאל שטעגעלע, האט זי זיך אומגעקוקט אויף איהם אזוי שנעל, אז זי האט נור געזעהן דעם זאמד אויף זיינע קניע און האט א מאך געטהאן מיט דער האנד, ער זאל זי לאזען צופריעדען.

געקומען צולויפען אהיים, איז סאָפיא פּעטראָווגא א מינוט פינף געשטאַנען אין איהר צימער, האָט זיך נישט גערירט און געקוקט דאָ אויף׳ן פענסטער און דאָ אויף איהר שרייב־טיש...

— נידערטרעכטיגע! — האָט זי זיך אליין געזידעלט — נידער־טרעכטיגע!

זיך אליין אויף צו להכעיס, האָט זי זיך געגומען דערמאָנען אָן אַלע איינצעלהייטען פון די לעצטע טעג און האָט זיך געכאַפּט, אז די גאַנצע צייט איז זי טאַקע געווען געגען איליג׳ס ליעבע, נור פון דעסט־וועגען האָט איהר געצויגען צו געהן זיך ערקלעהרען מיט איהם; נאָך מעהר, ווען ער האָט זיך געוואָרפען צו איהרע פיס, האָט זי געפיהלט אַן אונגעוועהנליכען געגוס. זי האָט זיך דערמאָנט אָן אַלעס, אַלעס, זיך גאָר נישט געשאַנעוועט און האָט זיך איצט געשטיקט פאַר שאַנדע און געפיהלט, ווי אויסצופּאַטשען זיך אליין.

—אָרימער אַנדרעי — האָט זי געטראַכט און זיך דערביי גע־סטאַרעט צו צוגעבען איהר פּנים א זעהר צערטליכען אויסדרוק: — וואַריא, אָרים מיידעלע מיינע, זי וויים נישט, וואָס פאַר א מאַמא זי האָט! פאַרגיט מיר, טהייערינקע! איך האָב אייך ליעב, זעהר... זעהר! —

און וועלענדיג זיך אליין בעווייזען, אז זי איז נאָך א גוטע פרוי, און מאַמע, אז די פּערדאָרבענקייט האָט נאָך גיט אָנגעריהרט די דאָזי־גע „גרונד־פּרינציפּען" איהרע, וועגען וועלכע זי האָט גערעדט מיט איליג׳ען, איז סאָפיא פּעטראָווגא אַוועקגעלאָפען אין קיך און זיך דאָרט צושריען אויף דער קעכין דערפאַר, וואָס יענע האָט נאָך גיט געגרייט דעם טיש פאַר אַנדרעי איליטש׳ען. זי האָט זיך געסטאַ־רעט פאַרצושטעלען, דעם מאַן א מיעדען, א הונגעריגען, האָט איהם הויך אויפ׳ן קול בעדויערט און אַליין צוגעקליבען פאַר איהם דעם טיש, וואָס זי האָט פריהער קיין מאָל גיט געטהאָן. דערנאָך איז זי אוועק צו איהר טאָכטער וואַריא, האָט זי געכאַפּט אויף די הענד און צערטליך ארומגענומען; דאָס מיידעלע האָט זיך איהר אויסגע־וויזען צו שווער און קאַלט, זי האָט דאָס אָבער זיך אליין גיט געוואָלט צוגעבען און געגומען איהר ערקלעהרען, ווי ליעב, עהרליך און גוט איהר פּאַפּאַ איז.

דערפאַר, ווען אין גיכען איז געקומען אַנדרעי איליטש, האָט זי

זיך קוים געגריסט מיט איהם. דער שטראָם פון געמאַכטע געפיהלען איז שוין געוועזט אריבער איהר און גאַרנישט ניט איבערצייגענדיג. פּארקעהרט, די פאַלשקייט און געצוואונגענקייט האָט זי נור אויפגערעגט און בייז געמאַכט.

זי איז געזעסען ביים פענסטער, האט געליטען און איז בייז געוועזן. נור אין אַ מינוט פון אונגליק קענען מענשען פערשטעהן, ווי שווער עס איז צו זיין דער בעל הבית איבער זייערע אייגענע געדאנקען און געפיהלען. סאָפיא פעטראָוונא האט שפּעטער דערצעהלט, אז אין איהר איז פאָרגעקומען אזא מישענינע פון געפיהלען, וועלכע עס איז געווען שווערער צו פערשטעהן, ווי אָבצוצעהלען שנעל־פליהענדע וואָראָביטשיקעס.

פון דעם למשל, וואָס זי האָט זיך ניט דערפרעהט מיט איהר מאַן'ס קומען, וואס איהר איז נישט געפעלען, ווי ער זיצט ביים טיש, האט זי פּלוצים גענומען ציהען שלוסען, אז אין איהר ערוועקט זיך אַ האַס צום מאַן.

אנדרעי איליטש, אַ פערשמאַכטער פון הונגער און מיעדקייט, איז געזעסען ביים טיש און געוואַרט, מען זאָל איהם דערלאַנגען סופּ, דערווייל האָט ער זיך אַ נעהם געטהאָן צו די וואורשט און עס גע־שלונגען מיט אימפּעט, קייענדיג אין דער הויך און באַוועגענדיג מיט די שלייפען.

— מיין גאָט — האָט געטראַכט סאָפיא פעטראָוונא: — איך ליעב און רעספּעקטיר איהם, אָבער... צו־וואָס קייט ער אזוי העס־ליך?

אין איהרע געדאנקען איז פאָרגעקומען ניט קיין קלענערע מי־שעניגע ווי אין איהרע געפיהלען. ווי אַלע אונערפאַהרענע מענשען, וואָס פיהרען אַ קאַמפּף מיט אונאַנגענעהמע געדאנקען, האט אויך פּרוי לוביאַנצעוו מיט אַלע קרעפטען זיך געסטאַרעט ניט צו טראַכטען וועגען איהר צרה און וואָס מעהר זי האָט זיך געסטאַרעט, אַלץ העל־לער און קלאָהרער איז אין איהרע געדאנקען ארויסגעטראָטען איליו, דער זאַמד אויף זיינע קניע, די געדיכטע וואָלקענס, דער צוג...

— און צו־וואָס בין איך, נאַר; היינט געגאַנגען? — האָט זי זיך געמאַטערט — און שוין־זשע בין איך אזא, וואָס קען פאַר זיך נישט ערב זיין?

דער שרעק האָט גרויסע אויגען. ווען אנדרעי איליטש האָט אויפ־געגעסען זיין לעצטען געריכט, האָט זי שוין געפאסט א פעסטען בעשלוס: דערצעהלען דעם מאַן אַלעס און אַנטלויפען פון געפאהר!

—אנדרעי, איך האָב מיט דיר צו ריידע וועגען עטוואָס זעהר ערנסטעס — האָט זי אָנגעהויבען נאָך מיטאָג, ווען איהר מאַן האָט אויסגעטהאָן דעם רעקעל מיט די שטיוועל, אום זיך צו לייגען אָב־רוהען.

— נו

— לאָמיר אוועקפאָהרען פון דאַנען!

— הם... וואָהין? אין שטאָדט איז נאָך צו פריה.

— ניין, ניט אין שטאָדט, לאָמיר מאַכען א רייזע אָדער עטוואָס עהנליכעס...

— מאַכען א רייזע... — האָט געמורמעלט דער נאָטאַריוס, זיך ציהענדיג — איך אַליין טרוים אויך דערפון. אָבער וואו נעהמט מען געלד און אויף ועמען לאָזט מען דעם קאַנטאָר?

און געטראַכט א ווייל, האָט ער צוגעזעצט:

— ווירקליך, דיר איז לאַנגווייליג. פאָהר אַליין, אויב דו ווילסט!

סאָפיא פעטראָוונא האָט אויף דעם איינגעשטימט, נור באַלד האָט זי זיך געכאַפט, אַז איליין וועט זיך דערפרעהען מיט אזא גליק־ליכען צופאַל און וועט פאָהרען מיט איהר אין איין צוג, אין איין וואַ־גאָן... זי האָט געטראַכט און געקוקט אויף איהר מאַן, וועלכער איז שוין אַצינד געוועזען זאַט, אָבער נאָך אַלץ מיעד. איהר בליק האָט זיך צוליעב עפּעס אָבגעשטעלט אויף זיינע פיס, קליינצינקע, כמעט ווייבערשע, אָנגעטהאָן אין סקאַרפעטקעס מיט פאסען; אויף די עקען פון ביידע פינגער־שפּיצען זיינען געהאַנגען פעדעמלאַך...

הינטער דער אַראָבגעצויגענער שטאָרע האָט געקלאַפּט אין שויב און געזשומעט א גרויסע פליג. סאָפיא פעטראָוונא האָט געקוקט אויף די פעדימלאַך, געהערט דאָס זשומען און זיך פאַרגעשטעלט, ווי זי פאָהרט... איהר אַנטקעגען, ווי־זאָ־ווי זיצט איליין, א בייזער איבער זיין מאַכטלאָזיגקייט, א בלאַסער פון גייסטיגע ליידען און נעהמט פון איהר די אויגען נישט אַראָב... ער רופט זיך אַליין, אויסגעלאַסענער אינגעל, זידעלט זיך, רייסט זיך די האָאַר אויפ׳ן קאָפּ, אָבער דערוואַרט זיך, עס זאָל פינסטער ווערען, און געכאַפּט א צייט, ווען די פאסאַ־

זשירען שלאָפען איין, אדער געהען ארוים אויף דער סטאנציאָן, װארפט ער זיך פאר איהר אויף די קניע און דריקט איהר צוזאמען די פיס, ווי דעמאָלט אויף דער באנק...

זי האָט זיך געכאפט, אז זי חלום'ט...

— הער אוים, אליין װעל איך נישט פאָהרען! — האָט זי גע־זאָגט — דו מוזט פאָהרען מיט מיר!

— דאָס איז א פאנטאזיע, סאָפאָטשקא! — האָט א זיפץ גע־טהאָן לוביאנצעוו — מען דארף זיין ערנסט און פערלאנגען נור דאָס וואָס איז מעגליך.

— װעסט שוין פאָהרען, װען דו װעסט זיך דערװיסען! — האָט געטראכט סאָפיא פעטראָװנא.

און אָפגעמאכט ביי זיך צו פאָהרען אונטער אלע אומשטענדען, האָט זי זיך דערפיהלט אויסער געפאהר; איהרע געדאנקען האָבען זיך ביסלעכווייז בערוהיגט, זי איז פרעהליכער געוואָרען און האָט זיך ער־לויבט צו טראכטען װעגען אלעם: טראכט אהער טראכט אהין, חלום אזוי צו אזוי, פאָהרען װעט זי אלץ איינס!

בשעת דער מאן איז געשלאָפען, איז ביסלעכווייז נאכט געוואָ־רען... זי איז געזעסען אין גאסט־צימער און געשפּיעלט אויף דער פּיא־נאָ. די ביינאכטיגע לעבעדיגקייט הינטער די פענסטער, די טענער פון מוזיק און הויפּטזעכליך דער געדאנק, אז זי איז א חכמה, איז ארוים־געקראָכען פון א צרה, האָבען זי אין גאנצען מיט פרייד אָנגעפילט. אנדערע פרויען — האָט צו איהר געֿרעדט דער רוהיגער געוויסען: — וואָלטען אין איהר לאגע געוויס ניט אויסגעהאלטען אזא נסיון, וואָל־טען אוועק א קאראהאָד... און זי איז שיער ניט פארברענט געוואָרען פון שאנד, האָט געליטען, און אצינד אנטלויפט זי פון געפאהר, וועלכע קען זיין, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ! זי האט אזוי אָנגעקוואָלען פון איהר טוגענד און ענטשלאָסענקייט, אז זי האָט אודאי א מאָל דריי א קוק געטהאָן אויף זיך אין שפּיגעל.

ווען עס איז פינסטער געוואָרען, זיינען געקומען געסט. די מענער האָבען זיך געזעצט אין עס־צימער שפּיעלען אין קאָרטען, די פרויען האָבען פארנומען דעם גאסט־צימער און דעם באלקאָן. שפּע־טער פון אלעמען איז געקומען אילין. ער איז געווען אומעדיג,

פינסטער און עפּעס אזוי ווי קראנק. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן ברעג פון דער זאָפע און האָט זיך נישט אויפגעהויבען דעם גאנצען אבענד. שטענדיג אזא פרעהליכער, א רעדעוודיגער, האָט ער היינ־טיגס מאָל די גאנצע צייט געשוויגען, האָט זיך געבלאָזען און זיך גע־ריבען ארום די אויגען. איז איהם אויסגעקומען צו ענטפערן אויף עמעצענס א פראגע, האָט ער איבערגעוואלד געשמייכעלט נור מיט דער אויבערשטער ליפּ און געענטפערט פארביסען, מיט געהאקטע ווערטער. א מאָל פינף האָט ער זיך געוויצעלט, אָבער זיינע וויצען זיי־נען ארויסגעקומען הארט און פרעך. סאָפיא פּעטראָוונא'ן האָט זיך געדאכט, אז אָט, אָט ברעכט ער אויס אין א היסטעריקע. איצט ערשט, זיצענדיג ביי דער פּיאנאָ, איז איהר קלאָהר געוואָרען, אז דיעזען אונ־גליקליכען מענשען איז איצט ניט צום מוטה דאָס וויצלען זיך, אז זיין נשמה איז איהם קראנק און צוריסען און ער קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. צוליעב איהר פערליערט ער די בעסטע טעג פון זיין יוגענד און קאריערע, פארשווענדעט זיין לעצט געלד אויף א זומער־וואוינונג, האָט געלאָזען אויף הפקר זיין מאמא און שוועסטערס און די, הויפּט זאך — ער געהט אויס אין דעם שרעקליכען קאמפף מיט זיך אליין.... פון איינפאכער, געוועהנליכער מענשען־ליעבע וועגען האָט מען זיך צו איהם געמוזט פערהאַלטען ערנסט...

מיט וועהטאָג אין הארצען האָט זי דאָס אלעס קלאָהר פערשטאַ־נען און ווען זי וואָלט אין דיעזער צייט צוגעגאנגען צו איליז'ען און געזאָגט „ניין!" וואָלט אין איהר שטימע געקלונגען אזא קראפט, וועלכער עס וואָלט שווער געווען ניט צו פאָלגען.

זי איז אָבער ניט צוגעגאנגען און ניט געזאָגט, און האָט איבער־הויפּט וועגען דעם נישט געטראכט... די קליינליכקייט און עגאָ־איזם פון א יונגער נאטור האָט זיך נאָך קיין מאָל דאכט זיך ניט ארויסגעוויזען אין איהר אזוי שטארק, ווי היינטיגען אבענד. פאר איהר איז קלאָהר געווען, אז איליז איז אונגליקלאך און זיצט אויף דער זאָפע, ווי אויף הייסע קוילען, איהר האָט וועה געטהאָן פאר איהם, נור אין דערזעלבער צייט האָט די געגענווארט פון דעם דאָזיגען מענ־שען, וועלכער ליעבט זי ביז משוגעת, אנגעפילט איהר נשמה מיט נצחון, מיט'ן בעוואוסטזיין פון איהר קראפט. זי האָט געפיהלט איהר יוגענד, איהר שעהנהייט, איהר זיכערקייט און — סיי־ווי האָט זי

דאָך בעשלאָסען אוועקצופאָהרען! — היינטיגען אבענד וויל זי זיין פריי, אין גאַנצען פריי.

זי האָט קאָקעטירט, אָהן אויפהער געלאַכט, געזונגען מיט גאָר א בעזונדערען געפיהל און בעגייסטערונג. אלעס האָט איהר פערגעניגען פערשאַפט, און פון אלעס האָט זי געלאַכט. שטארק קאָמיש איז איהר איצט פאָרגעקומען די עראינערונג וועגען דער פאַסירונג אויף דער באַנק און וועגען וועכטער, וועלכער האָט געקוקט אויף זיי. קאָמיש זיי־נען איהר אויסגעקומען די געסט, איליג'ס פרעכע וויצען, די שפּילקע אין זיין האלז־טוך, וועלכע זי האָט פריהער גאָר נישט באַמערקט. די דאָזיגע שפּילקע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א קליין שלאַנגעלע מיט דימענטענע אויגען; און אזוי קאָמיש האָט זיך איהר אויסגעוויזען דאָס דאָזיגע שלענגעלע, אז זי וואָלט זי צוקושט, ווען זי וואָלט געקאָנט.

געזונגען האָט סאָפיא פּעטראָוונא נערוועז מיט א האלב שיכור'ען צול־כעים און עפּעס אזוי ווי קראַצענדיג א פרעמדע וואונד האָט זי אויסגעקליבען אלץ אומעדיגע, מעלאַנכאָלישע ראָמאַנסען, אין וועלכע עס האָט זיך גערעדט פון פערלאָרענע האָפנונגען, פון דער פערגאַנ־גענהייט און דעם עלטער... „און דאָס עלטער קומט אלץ נעהענטער און נעהענטער"... — האָט זי געזונגען. און וואָס פאַר א שייכות האָט זי געהאַט מיט דעם עלטער?

— דאַכט זיך, אז מיט מיר איז עפּעס ניט גלאַט... — האָט זי צייטענווייז געטראַכט צווישען געלעכטער און געזאַנג.

ארום צוועלף אזייגער זיינען זיך די געסט צוגאַנגען. איליין איז אוועק דער לעצטער. ביי סאָפיא פּעטראָוונא'ן האָט נאָך געכאַפּט דרייסטקייט איהם צו בעגלייטען ביז דעם אונטערשטען טרעפּעל פון באַלקאָן. איהר האָט זיך געוואָלט איהם ערקלעהרען, אז זי פאָהרט אוועק מיט'ן מאַן און זעהן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וועט אויף איהם מאַכען דאָס דאָזיגע שטיקעל נייעס.

די לבנה האָט זיך בעהאַלטען הינטער די וואָלקענס, אָבער עס איז געווען אויף אזוי פיעל ליכטיג, אז סאָפיא פּעטראָוונא האָט געזעהן, ווי דער ווינד האָט זיך געשפּיעלט מיט די פּאָלעס פון זיין ראָק און די פאָרהאַנגען פון באַלקאָן. עס איז אויך געווען קענטיג, אז איליין איז זעהר בלאַס און, ווי זיך מאַטערנדיג צו שמייכלען, האָט ער נעקרימט מיט דער אויבערשטער ליפּ...

— סאָניא, סאָניעטשקאַ... טהייערע ווייבעלע מיינע! — האָט ער גענומען שטאַמלען, ניט לאָזענדיג זי אויסריידען: — ליעבע מיינע, גוטינקע!

אין אַ שטראָם פון צערטליכקייט, מיט טרעהרען אין שטימע, האָט ער פאר איהר אויסגעגאָסען לאַסטענדיגע ווערטער, איינס צערטליכער פון'ם אנדערען, און האָט שוין געזאָגט צו איהר „דו", ווי צו אַ ווייב אָדער געליעבטער. גאַנץ אונערוואַרטעט, האָט ער זי פּלוצים ארומגענומען מיט איין האנד ביי דער טאַליע, און מיט דער אנדערער האָט ער זי אָנגענומען פאר'ן עלענבויגען.

— טהייערינקע, פּרעכטיגע מיינע... — האָט ער געשעפּצעט, קושענדיג איהר אין האַלז נעבען פּאַטילניצע: — זיי אַ מענש, קום גלייך צו מיר!

זי האָט זיך ארויסגעגליטשט פון זיינע אומאַרמונגען און האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אום אויפצוברויזען מיט ענטריסטונג און כעס, עס איז אָבער גאָר נישט ארויסגעקומען און איהר גאַנצע בעריהמטע טוגענד און אונשולד האָט נור געכאַפּט אזוי ווייט, אַז זי האָט געזאָגט אַ פראַזע, וועלכע עס זאָגען געוועהנליך אַלע פרויען אונטער די זעלבע אומשטענדען:

— איהר זייט משוגע געוואָרען!

— ווירקליך, לאָמיר געהן! — האָט ווייטער געריעדט איליין — נור וואָס, און דאָרט, פריהער נעבען דער באנק אויך, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איהר סאָניא, זייט פּונקט אזוי מאַכטלאָז, ווי איך... איהר וועט שוין אויך נישט אָבשניידען טרוקען! איהר ליעבט מיך און אומזיסט דינגט איהר זיך אַצינד מיט אייער געוויסען...

און דערזעהן, אַז זי געהט אוועק פון איהם, האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר דעם שפּיצענעם מאַנזשעט און האָט שנעל דערגעדט:

— ניט היינט איז מאָרגען, אָבער נאָכגעבען וועט איהר אַלץ איינס מוזען! היינט צו וואָס זשע טויג דאָס אָבציהען? מיין טהייערע, ליעבע סאָניא, דער אורטהייל איבער אונז איז שוין ארויסגעזאָגט געוואָרען, נאָך וואָס זאָלען מיר אָבלייגען זיין פערווירקליכונג? צו וואָס זאָלען מיר זיך אַליין בעטריגען?

סאָפיא פּעטראָוונאַ האָט זיך פון איהם ארויסגעריסען און איז פארשוואונדען אין טהיר.

אומגעקעהרט זיך אין גאַסט־צימער, האָט זי מעכאַניש פער־מאַכט די פּיאַנאָ, האָט לאַנג געקוקט אויף דער שאַפּקע מיט נאָטען און זיך געזעצט. זי איז ניט אימשטאַנד געווען ניט צו שטעהן און ניט צו טראַכטען... פאַר אויפרעגונג און צולהכעיס איז אין איהר פערבליעבען נור איין שרעקליכע שוואַכקייט צוזאַמען מיט אַ פויל־קייט און לאַנגוויילינקייט. דער געוויסען האָט איהר געשעפּצעט, אַז זי האָט זיך דעם גאַנצען אָבענד אויפגעפיהרט שלעכט, נאַריש, ווי אַ פערריקט יונג מיידעל, אַז נור וואָס האָט זי זיך אויף דעם באַלקאָן אַרומגענומען מיט אַ פרעמדען מאַן און אַז נאָך אפילו איצט פיהלט זי אַרום טאַליע און עלענבויגען עפּעס אַ מאָדנעם געפיהל.

אין גאַסט־צימער איז ניט געווען קיין לעבעדיגער מענש, נור איין ליכט האָט געברענט. די פרוי לוביאַנצעוו איז געזעסען אויף דעם רונ־דען שטול ביים פּיאַנאָ, האָט זיך ניט גערירט, אַזוי ווי וואַרטענדיג אויף עפּעס.

און עפּעס אַזוי ווי זיך בענוצענדיג מיט איהר שרעקליכער אויסגע־מאַטערטקייט און פינסטערניש, האָט זי גענומען באַהערשען אַ שווער־ער אונבעזיגבאַרער פערלאַנג... ווי אַ שלאַנג האָט דער דאָזיגער פערלאַנג צוגעשמידט איהר נשמה, איהרע גלידער, איז געוואַקסען מיט יעדען אויגענבליק און האָט שוין ניט געסטראַשעט, ווי פריהער, נור איז גע־שטאַנען פאַר איהר אַ קלאָהרער, אַ פערשטענדליכער, אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט.

אַ האַלב שעה איז זי אַזוי אָבגעזעסען, האָט זיך נישט געריהרט און געטראַכט וועגען איליןע'ן; דערנאָך האָט זי זיך פויל אויפגעהויבען און זיך אַוועקגעשלעפּט אין שלאָף־צימער. אַנדרעי איליטש איז שוין געווען אין בעט. זי האָט זיך געזעצט ביים אָפענעם פענסטער און זיך אין גאַנצען אריינגעטהאָן אין איהר פערלאַנג. אין קאָפּ איז שוין מעהר נישט געווען קיין מישעניגע, אַלע געדאַנקען און געפיהלען האָבען זיך פעראייניגט, געדרעהט אַרום איין קלאָהרען צוועק. זי האָט פּרובירט קעמפּפען, האָט אָבער גלייך אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד... זי האָט אַצינד ערשט פערשטאַנען, ווי שטאַרק און גרויזאַם דער שונא איז. אום מיט איהם צו קעמפּפען, איז נויטיג קראַפט און פעסטקייט, און איהר געבורט, די ערציהונג און דאָס לעבען האָבען איהר נישט

נעגעבען קיין זאַך, אַן וואָס זי זאָל זיך קענען אָנשפּאַרען, אָנהאַלטען זיך...

— אונמאָראַלישע! פערדאָרבענע! האָט זי זיך געגריזשעט פאַר איהר אייגענער קראַפטלאָזיגקייט — אַט אַזאַ פּרוי ביזטו גאָר?

פון דער דאָזיגער קראַפטלאָזיגקייט איז די אָנשטענדיגקייט אין איהר געוואָרען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז זי האָט זיך געזידעלט מיט די ערגסטע שימפּ־ווערטער, וועלכע זי האָט נור געוואוסט, און האָט זיך געזאָגט אַ סך אמת'ן, וואָס האָבען זי אַי בעליידיגט, אַי ערנידע־ריגט. אויף אַזאַ אופן האָט זי זיך געזאָגט, אַז זי איז קיין מאָל ניט געווען מאָראַליש, זי איז פריהער נישט געפאַלען נור דערפאַר, ווייל עס האָט זיך ניט געמאַכט, עס איז ניט געווען קיין מעגליכקייט, און דעם קאַמפף, וואָס זי האָט בלומרשט געפיהרט מיט זיך היינט אַ גאַנצען טאָג, איז געווען ניט מעהר ווי אַ שפּיעלכעל, אַ קאָמעדיע...

— לאָמיר אפילו צוגעבען, אַז איך האָב יאָ געקעמפפט — האָט זי געטראַכט — אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ קאַמפף! אפילו די פער־קויפטע פרויען קעמפפען אויך אַפריהער איידער זיי פערקויפען זיך, און דאָך פערקויפען זיי זיך פאָרט. אַ שעהנען קאַמפף: ווי מילך, בין איך קאַליע געוואָרען אין איין טאָג! אין איין טאָג!

זי האָט זיך אויך בעשולדיגט אין דעם, אַז ניט קיין טיעפער געפיהל שלעפּט זי פון שטוב, ניט איליג'ס פערזענליכקייט, נור די עמפפינדונגען, די איינדריקע, וואָס ערוואַרטען זי...

אַן איינפאַכע לוסטיגע דאַמע. אַ סך אַזעלכע געפינען זיך זומער אויף די זומער־פלעצער!

„ווי מען האָט די מוטער דער'הרג'עט פון דעם קליינטשינקען פיי־געלע" — האָט עמעצער אויסגעזונגען הינטערן פענסטער מיט אַ הייזעריגער טענאָר־שטימע.

— אויב געהן, איז שוין צייט — האָט אַ טראַכט געטהאָן סאָ־פיאַ פעטראָוונאַ. דאָס האַרץ איהרס האָט פּלוצים גענומען קלאַפּען מיט אַ שרעקליכער קראַפט.

— אַנדרעי! — האָט זי כמעט אַ געשריי געטהאָן — הער אויס, מיר... מיר פאָהרען? אַ־יאָ?

— יאָ... איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט: פאָהר אליין!

— אָבער הער דאָך... — האָט זי ארויסגערעדט — אויב דו פאָהרסט נישט מיט מיר, דאן שטעהט דיר אין קאָן מיך צו פערליע־רען אין גאַנצען! איך בין, דאַכט זיך, שוין... פערליעבט!

— אין וועמען? — האָט געפרעגט אַנדרעי איליטש.

— פאַר דיר דארף זיין אַלץ איינס אין וועמען! — האָט אַ געשריי געטהאָן סאָפיא פעטראָוונאַ.

אַנדרעי איליטש האָט זיך אויפגעהויבען, האָט אַראָבגעלאָזען די פיס פון בעט און האָט מיט פערוואונדערונג אַ קוק געטהאָן אויף דער דונקעלער פיגור פון זיין ווייב.

— ס׳איז אַ פאַנטאַזיע! — האָט ער אַ געגעץ געטהאָן.

איהם האָט זיך דאָס נישט געגלויבט, נור פון דעסטוועגען האָט ער זיך דערשראָקען. אַ טראַכט געטהאָן און געשטעלט דער פרוי עטליכע ניט וויכטיגע פראַגען, האָט ער ארויסגעזאָגט זיין בליק אויף דאָס פאַמיליע־לעבען, אויף אונטרייהייט... האָט אָבגערעדט אַזוי פערשלאָפען נאָך אַ מינוט צעהן און זיך ווידער געלייגט.

זיינע רייד האָבען נישט געהאַט קיין ערפאָלג. אַ סך פערשיעדענע שטאַנדפונקטען זיינען דאָ אויף דער וועלט, און אַ גוטע העלפט פון זיי געהערט צו מענשען, וועלכע האָבען זיך קיין מאָל ניט געפונען אין אַ צרה!

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איז שוין געווען שפּעט, האָבען זיך הינטער די פענסטער נאָך באַוועגט זומער געסט. סאָפיא פעט־ראָוונאַ האָט אויף זיך ארויפגעוואָרפען אַ לייכטע דאַלמע, איז גע־שטאַנען אַ ווייַלע און געטראַכט...

ביי איהר האָט נאָך געכאַפּט ענטשלאָסענהייט צו זאָגען צום פערשלאָפענעם מאַן:

— דו שלאָפסט? איך וועל זיך דורכגעהן... ווילסטו געהן מיט מיר?

דאָס איז געווען איהר לעצטע האָפנונג. ניט קריגענדיג קיין ענטפער, איז זי ארויסגעגאַנגען. עס איז געווען ווינטיג און פריש.

זי האָט ניט געפיהלט ניט דעם ווינד, ניט די פינסטערניש, און איז געגאַנגען און געגאַנגען... אַ אונבעזיגבאַרע קראַפט האָט זי גע־

יאָגט, און עס האָט זיך געדאכט, אז ווען זי זאָל זיך אָבשטעלען, וואָלט מען איהר אַ שטויס געטהאָן אין רוקען.

— אונאנשטענדיגע! — האָט זי מעכאניש געמורמעלט — העסליכע!

עס האָט איהר פערכאַפּט דער אָטהעם, זי האָט זיך געשטיקט, געברענט פאַר שאַנד, האָט נישט געפיהלט קיין פיס אונטער זיך, אָבער דאָס, וואָס האָט זי געשטופּט פאָראויס, איז געווען שטארקער אי פון איהר שאַנד, אי פונ׳ם פערשטאַנד, אי פון דער־מורא...



די ארומשפּרינגערקע

1.

ביי אָלגאַ איוואַנאָוונאַ'ן אויף דער חתונה זיינען געווען אַלע איהרע פריינד און גוטע בעקאַנטע.

— קוקט איהם נור אָן: איאַ, אין איהם איז דאָ עפּעס אונגעוועהנליכעס? — האָט זי גערעדט צו איהרע פריינד, אָנווייזענדיג אויף איהר מאַן און אַזוי ווי וועלענדיג זיך פערענטפערען פאַר זיי, פאַרוואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ גאַנץ געוועהנליכען, איינפאַכען מענשען, וואָס צייכענט זיך מיט גאָר נישט ניט אויס.

איהר מאַן, אָסיפּ סטעפּאַניטש דימאָוו, איז געווען אַ דאָקטאָר און האָט געהאַט אַ ראַנג פון אַ טיטולאַר־ראַטה. געדיענט האָט ער אין צוויי שפּיטאָלען.

יעדען טאָג פון ניין אין דער־פריה ביז האַלבען טאָג האָט ער צוגענומען קראַנקע און איז פערנומען געווען אין איין שפּיטאָל אין זיין אָבטהיילונג, און נאָך האַלבען טאָג איז ער מיט'ן טראַמוואַי געפאָהרען אין צווייטען שפּיטאָל, וואו ער פלעגט פּאַלמעסען די געשטאָרבענע פּאַציענטען. זיין פּריוואַט פּראַקטיקע איז געווען גאָר אַ קליינע, אין גאַנצען אויף אַ רובעל פינף הונדערט אַ יאָהר. און דאָס אַלעס. וואָס נאָך האָט מען געקענט זאָגען וועגען איהם? אַ גאַנץ אַנדערע געשיכטע איז אָבער געווען מיט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ'ן, מיט איהרע פריינד און גוטע בעקאַנטע. זיי אַלע האָבען זיך מיט וואָס עס איז אויסגעצייכענט, יעדער פון זיי האָט שוין געהאַט אַ שטיקעל נאָמען, איז געווען מעהר אָדער וועניגער בעוואוסט, אין האָט זיך גערעכענט פאַר אַ בעריהמטהייט, אָדער, אויב ער איז נאָך ביז איצט ניט געווען בעריהמט, האָט מען אויף איהם געלעגט גרויסע האָפנונגען אויף שפּעטער.

צווישען זיי האָט זיך געפונען אַן ארטיסט פון דראמאטישען טהעאטער, א גרויסער, לאַנג אנערקענטער טאלענט, א שעהנער קלוגער, איינפאכער מענש און אַן אויסגעצייכענטער פאַרלעזער, וועלכער האָט געלערענט אָלגאַ איוואנאָווגאַ'ן לעזען; א אָפּערא־זינגער, א גוטמוטהיגער דיקער מאַן, וועלכער פלעגט מיט א זיפץ פערזיכערען אָלגאַ איוואנאָווגאַ'ן, אַז זי הרג'עט זיך אוועק: אַז ווען זי וואָלט זיך ניט געפוילט און זיך געוואָלט סטארען, וואָלט פון איהר ארויסגעקומען א גרויסע זינגערין; אויסער די זיינען צווישען איהרע פריינד און גוטע בעקאַנטע נאָך געוועזען עטליכע מאהלער, דער בעריהמטעסטער צווישען זיי הערר ריאבאָווסקי, א מאהלער פון נאַטור־בילדער, פון חיות און פייזאזשען, זעהר א שעהנער בלאָנדער יונגער מאַן, א יאָהר 25 אַלט, וועלכער האָט ערפאָלג געהאט אויף די אויסשטעלונגען און וועלכער האָט זיין לעצטעס בילד פערקויפט פאר פינף הונדערט רובעל.

דער דאָזיגער ריאבאָווסקי פלעגט פעריכטען אָלגאַ איוואנאָוונאַ'ן איהרע עטיודען און איהר זאָגען, אַז פון איהר וועט אפשר אַמאָל עפּעס ארויסקומען.

דאַן איז געווען איינער א וויאָלאָנטשעל־שפּיעלער, ביי וועמען דער אינסטרומענט פלעגט וויינען, און וועלכער האָט זיך אָפען מודה געוועזען, אַז פון אלע זיינע בעקאַנטע פרויען קען איהם ריכטיג אַקאָמפּאַנירען נור איין אָלגאַ איוואנאָוונאַ. און א ליטעראט נאָך, נאָך גאָר א יונגער מאַן, אָבער שוין מיט א נאָמען, וואָס האָט געשריעבען נאָוועלען, דראמען און סקיצען. ווער נאָך? נו, יאָ, וואסילי וואסיליטש נאָך, א פריץ, א גוטס־בעזיצער, א דילעטאנט־אילוסטראטאָר, וועלכער האָט געהאט א טיעפען געפיהל פאר דעם אַלטען רוסישען סטיל, פאר'ן רוסישען אַלטערטהום און עפּאָס; אויף פּאַפּיר, אויף פּאָרצעליי און אויף פעררויכערטע טעלער האָט ער ממש וואונדער געוויזען.

אָט צווישען דער דאָזיגער פרייער און צובאַלעוועטער, הגם עדעלער און איינפאכער חברה ארטיסטען, האָט דימאָוו אויסגעזעהן א פרעמדער, אַן איבריגער און א קליינצינקער, כאָטש ער איז געווען א הויכער מאַן מיט ברייטע שולטערען. ער האָט פאר זיי גאָר אין גאַנצען ניט עקזיסטירט. דער נאָמען דימאָוו האָט זיי אַזוי ווייניג אינטערעסירט, ווי דער נאָמען פון עפּעס סתם א סידאָראָוו, אָדער סתם

א טאראסאָוו. דער ראָק, וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגען, האָט זיך זיי אויסגעדאכט העננט אויף איהם ווי א פראָמדער, און דאָס בערדעל זייגס איז ווי ביי א פריקאָשציק. אגב, וואָלט ער געווען א ליטעראט אָדער א מאהלער, וואָלטען זיי געזאָגט, אז מיט זיין בערדעל איז ער עהנליך צו עמיל זאָלא'ן.

דער ארטיסט האָט געזאָגט אָלגא איוואנאָוונא'ן אז מיט איהרע פלאָקסענע האָאר און חופה־קלייד איז זי זעהר עהנליך צו א שלאנקען קאָרשען־בוים אין פריהלינג, ווען ער איז אין גאנצען בעדעקט מיט צאַרטע ווייסע בליטהען.

— ניין, איהר הערט נור — האָט גערעדט אָלגא איוואנאָוונא, אָנכאָפענדיג איהם פאר א האנד: — ווי אזוי דאָס האָט פלוצים אזוי פאסירט?... הערט, הערט נור... איהר דארפט וויסען, אז מיין פאָטער האָט צוזאמען מיט דימאָוו'ן געדיענט אין איין שפּיטאָל. ווען מיין אָרעמער פאָטער איז קראנק געוואָרען, איז דימאָוו טאָג און נאכט געזעסען נעבען זיין בעט. אזוי פיעל איבערגעגעבען זיך! הערט, הערט, ריאבאָווסקי... און איהר, שריפטשטעלער אויך, דאָס איז זעהר אינטערעסאנט. רוקט זיך צו אביסעלע נעהענטער. אזוי פיעל איבערגעגעבען זיך, אזא אויפריכטיגע פריינדשאפט, אזא אויפאָפּפערען זיך! איך האָב די נעכט אויך פערבראכט נעבען דעם קראנקען פאָטער, און מיט אמאָל — מזל טוב, איך האָב געוואונען דאָס הארץ פון א יונגען מאן! דימאָוו האָט זיך פערכליאָפּעט אין מיר ביז איבער די אויערען. ווירקליך, דער שיקזאל איז אמאָל זעהר מערקווירדיג. אז מיין פאָטער איז געשטאָרבען, איז דימאָוו אמאָל געקומען צו מיר און אמאָל האָבען מיר זיך אין גאס געטראָפען. און איינמאָל אין א שעהנעם אבענד — באַץ! האָט מיר א פאָרשלאָג געמאכט... גאָר אונגעריכטערהייט, ווי שנעע אויפ'ן קאָפּ... א גאנצע נאכט האָב איך דעמאָלט אָפּגעוויינט און האָב זיך אליין אין איהם משוגע פערליעבט. און אזוי, ווי איהר זעהט, האָב איך חתונה געהאט. איאָ, ניט אמת, ער האָט עפּעס אין זיך שטארקעס, מעכטיגעס, עפּעס פון א בער? איצט איז זיין פנים צו אונז געווענדעט ניט אין גאנצען, נור דריי פערטעל פון איהם קענען מיר זעהן, און ער איז שלעכט בעלייכטעט, אָבער ווען ער ווענט זיך א קעהר טהאָן צו אונז אין גאנצען, איהר טהוט נור א בליק אויף זיין שטערן. ריאבאָווסקי, וואָס זאָגט איהר עפּעס

וועגען אַזאַ שטערן? דימאָוו, מיר ריידען דאָס פון דיר! — האָט זי אַ געשריי געשריי געטהאָן צו איהר מאַן — קום אהער. דערלאַנג דיין עהרליכע האַנד ריבאָווסקי'ן. אָט אַזוי. זייט פריינד.

דימאָוו האָט מיט אַ גוטמוטהיגען און נאַאיווען שמייכעל דער־לאַנגט ריאַבאָווסקי'ן אַ האַנד און געזאָגט:

— עס פרעהט מיך. צוזאַמען מיט מיר האָט געענדיגט דעם אוניווערסיטעט אויך איינער אַ ריאַבאָווסקי. איז ער אפשר אייערער אַ קרוב?

2.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז אַלט געווען 22 יאָהר, דימאָוו 31. נאָך דער חתונה האָבען זיי געלעבט גאַנץ גליקלאַך. אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט די וועגד פון איהר גאַסט־צימער אין גאַנצען בעהאַנגען מיט איהרע און פרעמדע עטיודען אין ראַהמען און אָהן ראַהמען, און נעבען דער פּיאַנאָ און מעבעל האָט זיך איינגעריכטעט אַ בעזונדער שעהן ווינקעלע אוים מאַלבערטען, כינעזישע שירמס פערשיעדען־קאָלירטע שטיקלאַך וואַרע־געצייג, קינזשאַלען פיגורען און פאָטאָגראַפיעס... דאָס עס־צימער האָט זי איינגעריכטעט אין דעם רוסישען געשמאַק און אום איהר שלאָף־צימער זאָל אויסזעהן, ווי אַ הייהל, האָט זי דעם סופיט דאָרט און די וועגד פערהאַנגען מיט שוואַרצען געוואַנד, האָט אויפגעהאַנגען איבער דער בעט אַ ווענעציאַנישע לאַנטערנע און בייִם אריינגאַנג אַוועקגעשטעלט אַ פיגור מיט אַ העלעבאַרדע. אַלע האָבען גערעדט, אַז ביי דעם יונג פּאָאָר פאָלק איז אַ רייצענד הײם.

אויפגעשטאַנען פון בעט יעדען טאָג אַזייגער עלף, האָט זי אויף דער פּיאַנאָ געשפּיעלט, אָדער, ווען די זון האָט געשיינט, געמאָהלען עפּעס מיט אויל־פאַרבען. דערנאָך אַ זייגער איינס איז זי געפאָהרען צו איהר שניידערין. און אַזוי ווי ביי איהר און דימאָוו'ן איז געלד געווען ניט פיעל, אמאָל טאַקי גאַנץ קנאַפּ, האָט זי, אום צו ווייזען זיך אָפט אין נייע קליידער און איבערראַשען מיט איהרע אנצוגען, די וועלט געגאַרט, נאַטירליך מיט דער הילף פון איהר שניידערין. גאַנץ

אַפּט איז ביי איהר פון איהרען אַן אַלטען, איבערגעפּאַרבטען קלייד, פון בילינע שטיקלאך טויל, שפּיצען, פּלוש און זייד ארויסגעקומען עטוואָס אַזוינס, וואָס איז גאָר געווען אַ וואונדער, עטוואָס רייצענדעס, ניט קיין קלייד, נור אַ רייצענדער טרוים. פון דער שניידערין איז זי געוועהנליך געפאָהרען צו איינער פון איהרע בעקאַנטע אַקטריסעס, אום צו הערען נייעס פון דער טהעאַטער וועלט און אַגב צו פערזאָרגען זיך מיט אַ בילעט צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פון אַ נייער פּיעסע אָדער צו אַ בענעפיס.

פון דער אַקטריסע האָט מען געדאַרפט פאָהרען ערגעץ אין אַ שטודיא פון אַ מאַהלער, אָדער אויף אַ בילדער אויסשטעלונג, דערנאָך צו וועמען עס איז פון די בעריהמטהייטען — איינלאַדען צו זיך, אָדער אָפּמאַכען אַ וויזיט, אָדער סתם אַביסעל פּלוידערען. און אומעדום האָט מען זי אויפגענומען גערן, פריינדליך און פרעהלאך, און אומעדום האָט מען איהר געזאָגט, אַז זי איז אַ זעלטען־שעהנע, אַ זעלטען־ליעבע פרוי...

יענע, וועלכע זי האָט געהאַלטען פיר בעריהמטע און גרויסע, האָבען זי אויפגענומען, ווי זייער גלייכען, און זיי אַלע אין איין קול האָבען איהר פּערצייכענט, אַז מיט איהרע טאַלענטען, געשמאַק און שכל וועט אַמאָל פון איהר ארויסקומען עטוואָס גאָר גרויסעס, אויב נור זי וועט זיך ניט צופיעל צו־וואַרפען אויף קלייניגקייטען. זי האָט געזונגען, געשפּיעלט אויף דער פּיאַנאָ, געמאָהלען, געגאָסען און געמאָדעלירט פיגורען, האָט אַנטהייל גענומען אין פאָרשטעלונגען פון ליעבהאָבער און דאָס אַלעס ניט אַבי ווי, נור מיט טאַלענט. האָט זי געמאַכט לאַנטערנעס פאַר אילומינאַציאָן, צו זי האָט זיך אָנגעטאָן, צו זי האָט עמיצען דעם האַלז־טוך פערבונדען, אַלעס איז ביי איהר ארויסגעקומען אונגעוועהנליך אַרטיסטיש, גראַציעז און חן'עוודיג.

אָבער אין גאָר נישט האָט זיך איהר טאַלענט ניט ארויסגעוויזען אַזוי שטאַרק, ווי אין איהר בריה'שקייט שנעל צו בעקענען זיך און בעפריינדען זיך נאָהענט מיט בעריהמטע לייט. האָט נור עמיצער געדאַרפט עטוואָס בעקאַנט ווערען דורך וואָס ניט איז אַזוי, אַז מען זאָל פון איהם נעהמען ריידען, האָט זי זיך שוין מיט איהם בעקאַנט און באַלד, אין דעם זעלבען טאָג נאָך, מיט איהם זיך בעפריינדעט און איינגעלאַדען צו זיך.

יעדע נייע בעקאַנטשאַפט איז פאַר איהר געווען אַן אמת'ער יום טוב. זי האָט פערגעטערט בעריהמטע ליִיט, האָט שטאָלצירט מיט זיי און יעדע נאַכט האָט זי זיי אין חלום געזעהן. זי האָט געפיהלט אַ דורשט נאָך זיי און קיינמאָל האָט זי ניט געקענט לעשען איהר דורשט. די אַלטע זיינען אוועק און זיינען פערגעסען געוואָרען, אַנ־שטאָדט זיי זיינען נייע געקומען, נור צו די האָט זי זיך גיך צוגעוועהנט אָדער איז ענטוישט געוואָרען אין זיי און האָט ווידער גענומען זוכען מיט אַ ברען נייע און ווידער נייע גרויסע מענשען, האָט זיי געפונען און ווידער געזוכט. צו־וואָס?

פינף אוהר האָט זי געגעסען מיטאָג אין דער־היים מיט'ן מאַן. זיין איינפאַכקייט, געזונדער פערשטאַנד און גוטמוטהיגקייט האָבען זי בעגייסטערט, פון די כּלים ארויסגעבראַכט. נאָכאַנאַנד איז זי אויפגע־שפּרונגען, האָט היטציג זיין קאָפּ ארומגעכאַפּט און איהם געקושט און געקושט, און געקושט.

— דו, דימאָוו, ביזט אַ קלוגער און עדעלער מענש — האָט זי גערעדט — נור דו האָסט איין וויכטיגען פעהלער. דו אינטערעסירסט זיך גאָר ניט מיט קונסט. דו לייקענסט אָפּ אי מוזיק, אי מאַהלעריי.

— איך פערשטעה דאָס ניט — האָט ער געענטפערט איינפאַך — מיין גאַנץ לעבען לאַנג האָב איך זיך נור אינטערעסירט מיט נאַטור־וויסענשאַפט און מעדיצין, און איך האָב קיין צייט ניט געהאַט צו אינטערעסירען זיך מיט קונסט.

— אָבער דאָס איז דאָך שרעקליך, דימאָוו!

— וואָרום עפּעס שרעקליך? דיינע בעקאַנטע וויסען ניט קיין נאַטור וויסענשאַפט און מעדיצין, פונדעסטוועגען פאַלט דיר ניט איין זיי צו בעשולדיגען דערפאַר. יעדער האָט זיך זיינס. איך אַליין פער־שטעה ניט קיין פּייזאַזשען און אָפּעראַס, דאָך דענק איך אַזוי: אויב געוויסע קלוגע מענשען גיבען אָפּ אויף דעם זייער גאַנץ לעבען און אַנדערע קלוגע מענשען צאָהלען פאַר דעם גרויסע פערמעגענס, מסתמא איז עס נויטיג. איך פערשטעה ניט קיין קונסט, אָבער ניט פערשטעהן הייסט ניט אָפּלייקענען.

— גיעב, איך וועל אַ דריק טהאָן דיין עהרליכע האַנד!

נאָך מיטאָג איז אָלגאַ איוואַנאָוונאַ געפאָהרען צו בעקאַנטע,

דערנאָך אין טהעאַטער אָדער אויף אַ קאָנצערט און האָט זיך צוריק־געקעהרט אהיים נאָך האלבע נאַכט. אזוי יעדען טאָג.

יעדען מיטוואָך זיינען ביי איהר אין דער־היים געוועזען אבענד־אונטערהאלטונגען. אויף די דאָזיגע אונטערהאלטונגען האָט זי און איהרע געסט ניט געשפּיעלט אין קאָרטען און ניט געטאַנצט, נור האָ־בען זיך אַמוזירט מיט קונסט און נור מיט קונסט. דער אַקטיאָר פון דעם דראַמאַטישען טהעאַטער האָט געלעזען, דער אָפּערא־זינגער האָט געזונגען, די מאהלערס האָבען געמאָהלען אין די אַלבאָמען, וועלכע אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט געהאַט אַ היבשע ביסעל, דער וויאָלענטשעלּ־ליסט האָט געשפּיעלט און די ווירטהין אליין האָט אויך געמאָהלען, געקנאָטען און געמאָדעלירט, געזונגען און אַקאָמפּאַנירט. ביי די אונ־טערברעכונגען, צווישען לעזען, זינגען און שפּיעלען, האָט מען גערעדט און דעבאַטירט איבער ליטעראַטור, טהעאַטער און מאהלעריי. קיין דאַמען זיינען אויף די דאָזיגע אונטערהאלטונגען ניט געוועזען, וואָרום אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט אלע דאַמען, אויסער די אַקטריסעס און איהר שניידערין, געהאַלטען פאַר נישטיגע און לאַנגווייליגע נפשות. נאָך קיין איין אונטערהאלטונג איז ניט פערבייגעגאַנגען, אז אָלגאַ איוואַ־נאָוונאַ זאָל ביי יעדען קלונג פון טהיר־גלעקער ניט אַ ציטער טהאָן און ניט זאָגען מיט אַ שטאָלצער מינע אויפ'ן פּנים: „דאָס איז ער!" מיינענדיג אונטער דאָס וואָרט „ער" עפּעס אַ נייע איינגעלאַדענע בעריהמטהייט.

דימאָוו איז אין גאַסט־צימער ניט געוועזען און קיינער האָט זיך אויף איהם ניט נאָכגעפרעגט אויך. נור פּונקט אום האלב נאָך צוועלף האָט זיך די טהיר געעפענט, וואָס האָט געפיהרט אין עס־צימער, און דימאָוו האָט זיך בעוויזען מיט זיין גוטמוטהיגען, פריינדליכען שמיי־כעל און געזאָגט, רייבענדיג זיך די הענד:

— מיינע הערען, ביטע, איבערבייסען.

אלע זיינען געגאַנגען אין עס־צימער און אימער האָבען זיי געזעהן אויפ'ן טיש די זעלביגע מאכלים: אויסטרעס, אַ שטיקעל שעפּסען פלייש אָדער קאַלב פלייש, סערדינס, קעז, רויגען, שוועמלאָך, שנאַפּס און צוויי פלעשער מיט וויין.

— מיין ליעבער מעטר־ד'אָטעל — האָט געזאָגט אָלגאַ איוואַ־נאָוונאַ, אַ פּאַטש טהאָנדיג אין די הענד פאַר התפעלות: — דו ביזט

איינפאך רייצענד! מיינע העררן, טהוט נור א בליק אויף זיין שטערן! דימאָוו, טהו זיך אָקאָרשט א קעהר מיט'ן פראָפיל. מיינע העררן, זעהט נור: דער פּנים איז פון א בענגאלישען טיגער און דער אויסדרוק אזא גוטער און ליעבער, ווי ביי א הירש. אוי ליעב־בער!

די געסט האָבען געגעסען און, קוקענדיג אויף דימאָוו'ן, האָבען זיי געטראַכט: „ווירקליך, א גאנץ וואוילער מענש", אָבער באלד האָבען זיי אָן איהם ווידער פערגעסען און ווייטער גערעדט פון טהעאטער, מוזיק און מאהלעריי.

דאָס יונג פּאָאָרל איז געווען גליקלאך און זייער לעבען האָט גע־פלאָסען גלאט און צופריעדען. די דריטע וואָך נור פון זייער האָניג־מאָנאט האָבען זיי דורכגעלעבט ניט גאנץ גליקלאך, כמעט טרויעריג. דימאָוו האָט זיך אָנגעשטעקט אין שפּיטאָל מיט א רויז, איז געלעגען צו בעט זעקס טעג און האָט געמוזט אָפּשערען אין גאנצען ביז'ן סאַמע שיידעל זיינע שעהנע שווארצע האָאָר.

אָלגא איוואַנאָוונא איז געזעסען נעבען איהם און האָט ביטער געוויינט, אָבער ווען איהם איז לייכטער געוואָרען, האָט זי ארומגע־וויקעלט זיין אָפּגעשאָרענעם קאָפּ מיט א וויים טיכעל און גענומען מאָהלען פון איהם א בעדואין. און ביידען איז געווען פרעהלאך.

אז ער איז געזונד געוואָרען און גענומען ווידער געהן אין שפּי־טאָל, האָט אין דריי טעג שפּעטער מיט איהם ווידער עפּעס פּאסירט.

— מיר געהט ניט, מאמא! — האָט ער איינמאָל צו איהר גע־זאָגט ביים מיטאָג־עסען — היינט האָב איך געפּאלמעסט פיער לייכעס און זיך איינגעשניטען צוויי פינגער אויף איינמאָל. אין דער־היים ערשט האָב איך עס בעמערקט.

אָלגא איוואַנאָוונא האָט זיך דערשראָקען. ער האָט א שמייכעל געטהאָן און געזאָגט, אז זי דאַרף זיך ניט שרעקען, דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל; בעת'ן פּאלמעסען פּאסירט גאנץ אָפט, אז מען שניידט זיך איין די הענד.

— איך רייס זיך הין, מאמא, און פערטראַכט זיך.

אָלגא איוואַנאָוונא האָט אנגסט געקראָגען, טאָמער שטעקט ער זיך אָן פון א לייכע און אין די נעכט האָט זי גאָט געבעטען פאר איהם, נור אלעס איז אריבער כשורה. און ווידער איז ביי זיי אוועקגעפלאָסען א רוהיג און גליקלאך לעבען אָהן דאגות און זאָרג. די געגענווארט איז

געוועזן שעהן און דער פריהלינג האָט זיך אויך דערנעהנטערט, ער האָט שוין געשמייכעלט פון וויטען און פערשפּראָכען טויזענדער פריידען. צו דעם גליק וועט דאָמאָלט גאָר קיין שיעור ניט זיין! אין די חדשים אַפּריל, מאַי און יון, די זומער־וואוינונג וויט פון דער שטאָדט, שפּאַצירען, עטיודען, פיש־פאַנגען, נאַכטיגאַלען, און דערנאָך, פון יולי ביז העט אין הערבסט, אַ רייזע פון די מאַהלערס איבער'ן טייך וואָלגא און אין דער דאָזיגער רייזע וועט אויך אַנטהייל נעהמען זי, אָלגא איוואַנאָוונא.

זי האָט זיך שוין אויפגענייהט צוויי רייזע־קאָסטיומען פון לייװענד, האָט זיך שוין געקויפט פאַר דער רייזע פאַרבען, פּינזלען, לייװענד און נייע פּאַליטרע.

כמעט יעדען טאָג איז צו איהר געקומען ריאַבאָווסקי, אום צו זעהן, ווי געהט ביי איהר דאָס מאַהלעריי. אַז זי האָט איהם געוויזען איהר אַרבייט, האָט ער טיעף פערזונקט די הענד אין די קעשענעס, שטייף צונויפגעדריקט די ליפּען, האָט געסאָפּעט און געזאָגט:

— אַזוי... דיעזער וואָלקען שרייט ביי אייך: ער איז בעלייכטעט גאָר ניט ווי פאַרנאַכט. דער פאָדער־גרונד איז עפּעס צוקייט און עפּעס, פערשטעהט איהר מיך, ניט דאָס... און דאָס הייזעל אייערס האָט זיך מיט עפּעס דערוואָרגען און קוויטשעט רחמנות'דיג... דיעזען ווינקעל האָט מען געדאַרפט דונקעלער מאַכען... אין גאַנצען גענומען ניט שלעכט... איהר האָט מיין אַנערקענונג...

און וואָס אונפערשטענדליכער ער האָט גערעדט, אַלץ לייכטער האָט איהם אָלגא איוואַנאָוונא פערשטאַנען.

3.

דעם צווייטען טאָג פון דעם יום טוב טראָיצא נאָך מיטאָג האָט דימאָוו איינגעקויפט עסענוואַרג און קאָנפעקטען און איז אַוועקגעפאָהרען צו זיין ווייב אויף דער זומער־וואוינונג. ער האָט זי שוין צוויי וואָכען ניט געזעהן און שטאַרק געבענקט נאָך איהר.

זיצענדיג אין וואַגאָן און שפּעטער זוכענדיג צווישען געדיכטע בוימער זיין זומער־וואוינונג, האָט ער זיך די גאַנצע צייט געפיהלט הונגעריג, מיעד און געטרוימט וועגען דעם, ווי ער וועט אונטער'ן פרייען הימעל אָפּעסען מיט זיין פרוי און דערנאָך זיך גוט אויסשלאָ־פען. און מיט פערגעניגען האָט ער געקוקט אויף זיין פּעקעל, וואו עס זיינען פערפּאַקט געווען רויגען, קעז און וויים־פיש.

אז ער האָט אויפגעזוכט זיין זומער־וואוינונג און זי דערקענט, איז די זון שוין געהאַט פערגאַנגען.

די אַלטע דיענסט האָט געזאָגט, אז די פריצטע איז ניטאָ אין דער־היים, נור זיי וועלען מסתמא באַלד קומען.

די זומער־וואוינונג איז בעשטאַנען פון דריי צימערן מיט ניעדרי־גע סופיטען, וואָס זיינען אויסגעקלעבט געווען מיט שרייב־פּאַפּיר, און מיט ניט גלייכע פּאָדלאָגעס, פול מיט שפּאַלטען.

אין איין צימער איז געשטאַנען א בעט, אין דעם צווייטען האָבען זיך געוואַלגערט אויף די שטוהלען און פענסטער לייווענד, פּינזלען, פערמאַזשעטע מיט אויל פּאַפּיר און מענערשע רעק און היט, און אין דעם דריטען צימער האָט דימאָוו געטראָפען עפּעס דריי אונבעקאַנטע מענער. צוויי פון זיי זיינען געווען ברונעטען מיט בערד און דער דריטער איז געווען אין גאַנצען א געגאָלטער און א דיקער, הפּנים, אַן אַקטיאָר. אויפ'ן טיש האָט געזאָדען א סאַמאָוואַר.

— וועמען דאַרפט איהר? — האָט דער אַקטיאָר געפרעגט מיט א באַס־שטימע, אָנקוקענדיג פרעמד דימאָוו'ן: — איהר דאַרפט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ'ן? וואַרט, זי וועט באַלד קומען.

דימאָוו האָט זיך אַנידערגעזעצט און גענומען וואַרטען. איינער פון די ברונעטען האָט א קוק געטהאָן אויף איהם פוי́ל, פערשלאָפען, אָנגעגאָסען זיך טהעע און געפרעגט:

— אפשר ווילט איהר טהעע?

דימאָוו האָט געוואָלט אי טרינקען, אי עסען, האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון טהעע, ווייל ער האָט ניט געוואָלט איבערפיהרען זיין אַפּעטיט.

באַלד האָבען זיך דערהערט טריט און א בעקאַנטער געלעכטער; די טהיר האָט א קלאַפּ געטהאָן, און אין צימער איז אַריינגעפלויגען אָלגאַ איוואַנאָווגאַ מיט א ברייט־קאַנטיגער הוט און מיט א קעסטעל

אין די הענד, גלייך נאָך איהר איז אריינגעקומען מיט א גרויסען שירם און צונויפגעלייגטען שטוהל דער מאָהלער ריבאקאָווסקי, א פרעהליכער און מיט רויטע באַקען.

— דימאָוו! — האָט אויסגעשריען אָלגא איוואנאָוונא און איז רויט געוואָרען פאר פרייד — דימאָוו! — האָט זי איבער'גע'חזר'ט, א וואָרף טהאָנדיג זיך אויף זיין ברוסט מיט'ן קאָפּ און מיטביידע הענד: — דו ביזט עס, דו! פאַרוואָס ביזטו אזוי לאנג ניט געקומען צופאָהרען? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

— ווען האָב איך צייט געהאַט, מאמא? איך בין שטענדיג פערנומען, און בין איך שוין אמאָל יאָ פריי, קומט אזוי אויס, אז גראָד דעמאָלט געהט ניט קיין צוג אהער.

— ווי גליקליך איך בין, וואָס איך זעה דיך! די גאַנצע, גאַנצע נאַכט האָב איך דיך אין חלום געזעהן און איך האָב אזוי מורא געהאַט, טאָמער ביזטו דאָרט קראַנק געוואָרען. אָך, ווען דו וואָלסט געוואוסט, ווי ליעב דו ביזט, ווי איך דאַרף דיך איצט האָבען. פּונקט אין דער ריכטיגער צייט געקומען! דו וועסט מיך פּשוט ראַטעווען. נור דו אליין קענסט זיין מיין רעטער! מאָרגען איז דאָ אַן אָריגינעלע חתונה — האָט זי גערעדט ווייטער, לאַכענדיג און איבערבינדענדיג איהם דעם האלז־טוך: — א יונגער טעלעגראַפיסט געהט דאָ חתונה האָבען, א גאַנץ שעהנער יונגער מאַן, און אין זיין פּנים איז עטוואָס דאָ, ווייסט, שטאַרקעס, עטוואָס פון א בער... מען קען פון איהם מאָהלען א בילד. מיר אַלע זומער־געסט, אינטערעסירען זיך מיט איהם און האָבען איהם אונזער עהרענוואָרט געגעבען, אז מיר וועלען זיין ביי איהם אויף דער חתונה... א אָרימער מענש, א עלענדער, א שעה־מעוודיגער, עס וואָלט געוועזן אַן אונרעכט, ווען מיר זאָלען איהם ניט ארויסווייזען אונזער מיטגעפיהל. שטעל זיך נור פאָר, באלד נאָכ'ן גאָטעס־דיענסט אין זייער טרויאונג, דערנאָך געהען אלע צופוס פון קלויסטער ביז דער כלה'ס וואוינונג... דו פערשטעהסט, וואלד, גע־זאַנג פון פייגעלאָך, זונען־פלעקען איבער די גראָז און מיר אלע ווי פערשיעדענע־קאָלירטע פלעקען אויף דעם העל־גרינעם פאָן — זעהר אָריגינעל, ווי נאָכ'ן געשמאַק נאָך פון די פראנצויזישע עקספּרעסיאָניס־טען. אָבער, דימאָוו — טהייערינקער, אין וואָס וועל איך געהן אין קלויסטער? — האָט זי פּלוצים אומגעביטען איהר טאָן און געמאַכט

אַ ווייַנענדיגע מינע: — ביי זיך האָב איך גאָר נישט, בוכשטעבליך גאָר נישט! נישט קיין קליידער, נישט קיין בלומען, נישט קיין האַנד־שוה... דו מוזט מיך ראַטעווען. אַז דו ביזט געקומען, איז אַ סימן, אַז דער שיקזאַל אַליין בעפעהלט דיר, צו ראַטעווען מיך. נעהם, מיין טהייערער, די שליסלען, פאָהר אהיים און נעהם דאָרט אין גאַרדע־ראָבע מיין ראָז קלייד. דו ווייסט דאָך, עס הענגט דאָרט פון אויבען אויף... דערנאָך אין קלייטעל אויף דער רעכטער האַנד וועסטו זעהן צוויי קעסטלאַך. אַז דו וועסט עפענען דאָס אויבערשטע, וועסטו דאָרט זעהן אַלץ טויל, טויל, טויל און פערשיעדענע שטיקלאַך וואַרע־געצייג און אונטער דעם בלומען. די בלומען נעהם אַלע ארויס, אָבער פאָר־זיכטיג, נשמה מיינע, גיעב אכטונג, דו זאָלסט זיי נישט צוקנייטשען, נישט צורייבען, פון זיי וועל איך דערנאָך זיך אָפּקלייבען... און האַנד־שוה קויף מיר.

— גוט — האָט געזאָגט דימאָוו — איך וועל מאָרגען פאָהרען און וועל דיר גלייך ארויסשיקען.

— ווען מאָרגען? — האָט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ געפרעגט און איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט: — ווען וועט עס ארויסקומען מאָרגען? דער ערשטער צוג געהט אָפּ מאָרגען פון דאַנען אַם ניין און די חתונה איז פונקט עלף. ניין, ליעבינקער, מען דאַרף היינט, אונבעדינגט היינט! אויב דו וועסט מאָרגען אַליין נישט קענען קומען, שיק דאָס צו מיט עמיצען אַנדערש. נו געה־זשע... באַלד קומט אָן אַ פּאַסאַזשירען־צוג. זעה, נשמה מיינע, זאָלסט איהם נישט פערשפּעטיגען.

— גוט.

— אַך, ווי מיר טהוט לייד, וואָס דו דאַרפסט איצט פאָהרען — האָט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט און איהרע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרעהרען: — און וואָרום האָב איך, נאַך, געגעבען מיין עהרענ־וואָרט דעם טעלעגראַפיסט?

דימאָוו האָט שנעל אויסגעטרונקען אַגלאָז טהעע, האָט גענומען אַ בויגעל און שמייכלענדיג מיט זיין גוטמוטהיגען, רוהיגען שמייכעל, איז ער אוועק צו דער סטאַנציאָן.

און די רויגען, קעז און וויים־פיש האָבען אויפגעגעסען די ביידע ברונעטען און דער דיקער אַקטיאָר.

.4

אין אַ שטילער לבנה־נאַכט, אין מאָנאַט יולי איז אָלגאַ איוואַנאָווגאַ געשטאַנען אויפ'ן דעק פון אַ סטים־שיף, וואָס האָט זיך געטראָגען איבער דער וואָלגאַ, און האָט געקוקט דאָ אויפ'ן וואַסער און דאָ אויף די שעהנע ברעגעס. נעבען איהר איז געשטאַנען ריאַבאָווסקי, און האָט איהר ערקלעהרט, אַז די שוואַרצע שאָטענס אויפ'ן וואַסער זיינען קיין שאָטענס נישט, נור עפּעס אַ חלום, אַז צוליעב דאָס פאַר'כישופ'טע וואַסער מיט זיין פאַנטאַסטישען גלאַנץ, צוליעב דעם ענדלאָזען הימעל און די אומעדיגע, פערטראַכטע ברעגעס, וועלכע דערצעהלען פון דער פוסטקייט פון אונזער לעבען און דער עקזיסטענץ פון עטוואָס העכערעס, אייביגעס, גליקזעליגעס, וואָלט כדאי געווען זיך אָן אַלעס צו פאַרגעסען, שטאַרבען און ווערען אַן עראינערונג. די פערגאַנגענהייט איז וואָכעדיג און ניט אינטערעסאַנט, די צוקונפט איז אונבעדייטענד און דיעזע וואונדערבאַרע נאַכט, אפשר די איינציגע אין אַ גאַנץ לעבען, וועט זיך באַלד ענדיגען, וועט זיך צונויפגיסען מיט דער אייביגקייט... הײנט צו וואָס זאָל מען לעבען ?...

און אָלגאַ איוואַנאָווגאַ האָט זיך צוגעהערט דאָ צו ריאַבאָווסקי'ס קול און דאָ צו דער שטילקייט פון דער נאַכט און האָט געטראַכט וועגען דעם, אַז זי איז אונשטערבליך און וועט קיין מאָל ניט שטאַרבען. דער ים־גרינער קאָליר פון דעם וואַסער, וועלכען זי האָט ביז אהער נאָך קיינמאָל נישט געזעהן, דער הימעל, די ברעגעס, די שוואַרצע שאָטענס, די גרויסע פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט איהר גאַנץ וועזען, האָבען צו איהר גערעדט, אַז פון איהר וועט אַרויסקומען אַ גרויסע מאַהלערין און אַז דאָרט ערגעץ, הינטער דער ווייטקייט, הינטער דער לבנה נאַכט, אין דעם ענדלאָזען רוים, ערוואַרטען זי ערפאָלג, אַ בעריהמטער נאָמען, די ליעבע פון פאָלק... ווען זי האָט מיט אונבעוועגליכע, פערטראַכטע אויגען לאַנג געקוקט אין דער ווייטקייט, האָט זיך איהר אויסגעגעבען, אַז זי זעהט מאַסען מענשען, פייערן, פייערליכע טענער פון מוזיק, בעגייסטערטע געשרייען און זיך אליין אין אַ ווייסען קלייד מיט בלומען, וועלכע שיטען זיך אויף איהר פון אַלע זייטען... זי האָט אויך געטראַכט וועגען דעם, אַז זייט ביי זייט, נעבען איהר,

אַנגעשפּאַרט אָן באָרט פון דער שיף, שטעהט אַן אמת גרויסער מאַן, א זשעני, אַן אויסערוועהלטער פון גאָט...

אַלעס, וואָס ער האָט געשאַפען ביז אַהער, איז געווען שעהן, ניי און אונגעוועהנליך און דאָס, וואָס ער וועט נאָך בעשאַפען מיט דער צייט, ווען מיט די יאָהרען וועט אויך פערשטאַרקט ווערען זיין זעלטענער טאַלענט, וועט אודאי זיין מערקווירדיג, אָהן א מאָס הויך און גרויס. און דאָס זעהט זיך שוין איצט ארויס אויף זיין פנים, פון דער אַרט און ווייזע ווי ער דריקט זיך אויס און פון זיינע בעציהונ־גען צו דער נאַטור. וועגען שאָטענס, ביינאַכטיגע טענער, וועגען דעם גלאַנץ פון דער לבנה רעדט ער עפּעס גאָר אַנדערש, ווי אַנדערע; ער רעדט מיט זיין בעזונדערער שפּראַך, אזוי אַז גאָרנישט ווילענדיג פיהלט זיך דער צויבער פון זיין מאַכט איבער דער נאַטור. אליין איז ער זעהן שעהן און אָריגינעל. א לעבען לעבט ער אַן אונאַבהענגיגען, א פרייען, ווייט פון די אַלטעגליכע קליינליכקייטען, ווי דאָס לעבען פון א פויגעל.

עס ווערט לופטיג — האָט געזאָגט אָלגא איוואַנאָווּנאַ און זיך א טרייסעל געטהאָן.

ריאַבאָווסקי האָט זי איינגעוויקעלט אין זיין מאַנטעל און אומע־דיג ארויסגערעדט:

— איך פיהל זיך אין גאַנצען אין אייער מאַכט. איך בין א שקלאַף. פאַרוואָס זייט איהר היינט אזוי בעצויבערענד?

ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף איהר, ניט געקענט אָבריי־סען פון איהר זיינע אויגען, וועלכע זיינען געווען עפּעס אזוי שרעקליך און זי האָט מורא געהאַט אויף איהם א קוק צו טהאָן.

— איך האָב אייך משוגע ליעב... — האָט ער געשעפּצעט, אָטהעמענדיג איהר אויפ'ן באַק — זאָגט מיר איין וואָרט און איך וועל מעהר נישט לעבען, וועל וואַרפען די קונסט... איהר נור ליעבט מיך, ליעבט... — האָט ער געמורמעלט שטאַרק אויפגערעגט.

— רעדט נישט אזוי — האָט געזאָגט אָלגא איוואַנאָווּנאַ, פאַר־מאַכענדיג די אויגען — דאָס איז שרעקליך. און דימאָוו?...

— וואָס דימאָוו? ווען דימאָוו? וואָס געהט מיך אָן עפּעס א דימאָוו? פאַר מיר עקזיסטירט נור דער טייך וואָלגא, די לבנה, שעהנ־

קייט, מיין ליעבע, מיין בעגייסטערונג, אָבער עפּעס אַ דימאָוו, אַזאַ איז אויף דער וועלט נישטאָ... אַך, איך וויים גאָר נישט... וואָס טויג מיר די פערגאַנגענהייט, מיר גיט איין אויגענבליק... איין רגע!

ביי אָלגאַ איוואַנאָוונאַ'ן האָט גענומען קלאַפּען דאָס הארץ. זי האָט געוואָלט טראַכטען וועגען מאַן, אָבער איהר גאַנצע פערגאַנגענ־הייט, איהר הייראַטהען מיט דימאָוו'ן און די אבענד אונטערהאַלטונ־גען האָבען איהר איצט אויסגעוויזען אַזוי קליין, אַזוי אונבעדייטענד, בלאָס, איבריג און ווייט־ווייט... און אין דער אמת'ן: וואָס דימאָוו? ווען דימאָוו? וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי מיט דימאָוו'ן? און צו עקזיסטירט ער איבערהויפּט אין דער ווירקליבקייט און צו איז ער נישט גאָר אין גאַנצען אַ חלום?

— פאַר איהם, אַן איינפאַכען, געוועהנליכען מענשען, איז גע־נוג דאָס גליק, וואָס ער האָט שוין פון מיר געקראָגען — האָט זי גע־טראַכט, פערדעקענדיג דעם פנים מיט די הענד: — זאָלען זיי דאָרט מיך בעשולדיגען, פאַרשילטען און איך נעהם, זיי אַלע אויף צו להכעיס, און געה צו גרונד, אָט נעהם איך און ווער רואינירט... מען דאַרף אַלעס אין לעבען פּראָבירען. גאָט מיינער, ווי מורא'דיג און ווי גוט!..

— נו, וואָס? וואָס? — האָט געמורמעלט דער מאַהלער, האָט זי ארומגענומען און געקושט איהרע הענד, מיט וועלכע זי האָט זיך שוואַך געוועהרט געגען איהם: — דו ליעבסט מיך? יאָ? יאָ? יאָ אָה, וואָס פאַר אַ נאַכט! וואָס פאַר אַ כישוף־נאַכט!

— יאָ, אַ שעהנע נאַכט! — האָט זי ארויסגעשעפּצעט, קוקענ־דיג איהם אין די אויגען, אין וועלכע עס האָבען געבלישצעט טרעה־רען. דערנאָך האָט זי זיך פלינק ארומגעקוקט, איהם ארומגענומען און שטאַרק אַ קוש געטהאָן אויף די ליפּען.

— מיר קומען צו צו קינעשמאַ! — האָט געזאָגט עמעצער אויף דער אנדערער זייט פון דעק.

עס האָבען זיך דערהערט שווערע טריט. דאָס איז פאַרבייגעגאַנ־גען אַ בעדיענטער פון בופעט.

— הערט אוים — האָט צו איהם געזאָגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ, לאַכענדיג און וויינענדיג פון גליק: — ברענגט אונז וויין.

דער מאַהלער, אַ בלאַסער פאַר אויפרעגונג, האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק, האָט אַ קוק געטהאָן אויף אָלגאַ איוואַנאָוונאַ מיט אַ

פערליעבטען, דאנקבארען בליק, דערנאָך האָט ער צוגעמאַכט די אויגען און מיט אַ פערשמאַכטען שמייכעל געזאָגט:

— איך בין מיעד!

און האָט זיך אָנגעשפארט מיט'ן קאָפּ צום באָרט פון שיף.

5.

דעם צווייטען סעפטעמבער איז געווען אַ שטילער, ווארעמער, אָבער פערכמארעטער טאָג. באלד פון גאַנץ פריה האָט איבער דער וואָלגא געבלאָנדזשעט אַ לייכטער נעבעל און נאָך ניין אַ זייגער האָט גענומען טריפען אַ רעגען. און עס איז ניט געווען קיין שום האָפנונג, אַז דער הימעל זאָל זיך אויסלייטערען.

ביים טהעע האָט ריאַבאָווסקי דערצעהלט אָלגא איוואַנאָוונא'ן, אַז מאהלעריי איז די אונדאַנקבארסטע און לאַנגווייליגסטע קונסט, אַז ער איז נישט קיין מאהלער, אַז נור נאַראָנים דענקען, אַז ער האָט טאַלענט און פּלוצים, פון העלער הויט, האָט ער געכאַפּט אַ מעסער און צודראַפּעט זיין סאַמע בעסטען עטיוד. אַ פינסטערער איז ער געזעסען נאָך'ן טהעע ביים פענסטער און האָט געקוקט אויף דער וואָלגא.

און די וואָלגא איז שוין אַצינד געווען אומעדיג, בלאַס, אָהן אַ שום גלאַנץ און האָט אויסגעזעהן קאַלט. אַלעס האָט דערמאָנט, אַז דער אומעטיגער, פערכמארעטער יעסען קומט אָן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די רייכע, גרינע טעפּיכער אויף די ברעגעס, דאָס אָבשפּיגלען פון די גליטצערענדע שטראַהלען, די דורכזיכטיגע, בלויע ווייטקייט און אַלעס שעהנעס און יום טוב'דיגעס האָט די נאַטור אַצינד אַראָבגענומען פון דער וואָלגא און עס פערפּאַקט אין איהרע קופערטען ביז דעם צוקינפטיגען פריהלינג. און די קראָען זיינען געפלויגען איבער דער וואָלגא און האָבען זיך גערייצט מיט איהר: „נאַקעטע! נאַקעטע!"

ריאַבאָווסקי האָט זיך צוגעהערט צו זייער קראַקען און געטראַכט וועגען דעם, אַז ער איז שוין אויסגעוועבט און האָט פערלאָרען דעם

טאַלענט, אַז אַלעס אויף דיזער וועלט איז וואַכעדיג, ניט אינטערע־סאַנט און נאַריש און אַז ער האָט זיך נישט געדאַרפט פאַרבינדען מיט דער דאָזיגער פרוי... מיט איין וואָרט, ער איז געווען שלעכט אויפגעלעגט און זיך געבלאָזען.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז געזעסען הינטער'ן ווענטעל, אויף דער בעט און, איבערקלייבענדיג מיט די פינגער איהרע שעהנע פלאַקסענע האָאָר, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי געפינט זיך דאָ אין גאַסט־צימער, באַלד אין שלאָף־צימער און באַלד ביי איהר מאַן אין קאַבינעט. די פאַנטאַזיע האָט זי אַוועקגעטראָגען אין טעאַטער, צו דער שניי־דערין און צו די בעריהמטע פריינד. וואָס אַזוינס טהוען זיי אַצינד? דערמאָנען זיי זיך אָן איהר? דער סעזאָן האָט זיך שוין אָנגעהויבען און עס איז צייט אַ טראַכט צו טהאָן וועגען די אָבענד אונטערהאַל־טונגען. און דימאָוו? ליעבענקער דימאָוו! ווי צאַרט און קינדעריש־רחמנות'דיג ער בעט זיך ביי איהר אין זיינע בריעף צו קומען וואָס גיכער אַהיים! יעדען מאָנאַט האָט ער איהר ארויסגעשיקט 75 רובעל, און ווען זי האָט איהם געשריעבען, אַז זי האָט אַנטליהען ביי די מאַהלערס הונדערט רובעל, האָט ער איהר דאָס אויך ארויסגעשיקט. וואָס פאַר אַ גוטער, גרויסאַרטיגער מענש!

די רייזע האָט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ'ן מיעד געמאַכט, איהר איז גע־ווען לאַנגווייליג און עס האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַנטלויפען פון די פויערים, דער ארומיגער פייכטקייט, און אָראָבוואַרפען פון זיך דעם געפיהל פון פיזישען שמוץ, וואָס זי האָט געשפירט די גאַנצע צייט, וואַוינענדיג אין די פויערשע הייזלאַך און וואַנדערענדיג פון איין דאָרף אין אַנדערן. ווען ריאַבאָווסקי וואָלט ניט געווען געגעבען די מאַהלערס זיין עהרען־וואָרט, אַז ער וועט פערברענגען מיט זיי ביז דעם צוואַנציגסטען סעפטעמבער, וואָלט מען נאָך היינט געקענט אוועקפאָהרען. אַך, ווי גוט עס וואָלט דאָן געווען!

— מיין גאָט! — האָט אויסגעקרעכצט ריאַבאָווסקי — ווען וועט שוין אַמאָל ארויסקוקען די זונן? איך קען דאָך נישט פאָרט־זעצען צו מאָהלען אַ זוניגען פייזאַש אָהן זונן!..

— ביי דיר געפינט זיך אָן עטיוד מיט אַ פערוואָלקענטען הימעל — האָט געזאָגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ, ארויסקומענדיג פון הינטער דער ווענטעל — דו געדענקסט, אויפ'ן רעכטען פלאַן איז וואַלד, און אויפ'ן

לינקען — א טשערעדע קיה און גענז? אצינד האָסטו עס געקענט ענ־דיגען.

— עט!.. — האט זיך א קרים געטהאָן דער מאהלער — ענ־דיגען! שוין־זשע דענקט איהר, אז איך אליין בין אזוי נאריש, אז אליין ווייס איך נישט, וואס איך האב צו טהאָן!

— ווי דו האָסט זיך צו מיר אומגעביטען! — האט א זיפץ גע־טהאָן אָלגא איוואנאָוונא.

— איז ווייטער שלעכט!

ביי אָלגא איוואנאָוונא האט א ציטער געטהאָן דאס פּנים, זי האט אָבגעטראָטען צו דער אייווען און גענומען וויינען.

— נו, יאָ, עס האט שוין מעהר גאָרנישט געפעהלט, ווי טרע־רען! הערט אויף! איך האב טויזענדער אורזאכען צו וויינען, פון דעסטוועגען ווין איך נישט.

— טויזענדער אורזאכען! — האט א כליפּע געטהאָן אָלגא אי־וואנאָוונא — די הויפּט אורזאכע איז, וואס איך פאַל אייך צו לאַסט. יאָ! — האט זי געזאָגט און זיך צעוויינט — איך ווייס, אז איהר שעהמט זיך מיט אונזער ליעבע. איהר סטאַרעט זיך אַלץ, אז די מאהלער זאָלען עס נישט בעמערקען, כאָטש מען קען עס נישט בע־האַלטען און זיי ווייסען שוין לאַנג אַלעס.

— אָלגא, איך בעט אייך נור איין זאַך — האט געזאָגט דער מאהלער מיט געבעטען און צוגעדריקט א האנד צום הארצען — נור איין זאַך: מוטשעט מיך נים! מעהר פערלאַנג איך פון אייך גאָר־נישט.

— נו, טאָ שווערט, אז איהר האט מיך נאָך ליעב!

— עס איז נישט אויסצוהאַלטען! — האט ארויסגעברומט צווישען די צייהן דער מאהלער, און איז אויפגעשפּרונגען — עס וועט זיך ענדיגען דערמיט, וואס איך וועל זיך ארייננוואַרפען אין דער וואָל־גאַ, אדער איך'ל משוגע ווערען! לאָזט מיך צופריעדען!

— נו, דער'הרג'עט, דער'הרג'עט מיך! — האט א געשריי גע־טהאָן אָלגא איוואנאָוונא — דער'הרג'עט!

זי האט זיך ווידער צוימערט און איז אוועק הינטער דער וועני־טעל. אויף דעם שטרויענעם דאַך פון הייזעל האט גענומען רוישען דער רעגען.

ריאַבאָווסקי האט זיך אָנגעכאַפּט פאר'ן קאָפּ, איז זיך דורכגע־גאַנגען פון איין ווינקעל אין אַנדערן און דערנאָך האט ער מיט אַן ענטשלאָסענעם פּנים, אזוי ווי וועלענדיג עמיצען עפּעס בעווייזען, אָנגעטהאָן זיין הוטעל, אריבערגעוואָרפען דעם ביקס איבער'ן אַקסעל און איז ארויס פון שטוב.

נאָך זיין אוועקגעהן איז אָלגאַ איוואַנאָוונאַ לאַנג געלעגען אויף דער בעט און געוויינט. פריהער האט זי געטראַכט דערפון, אז עס וואָלט גוט געווען זיך צו פער'סמ'ען, אום אז ריאַבאָווסקי, בעת ער וועט צוריקקומען אהיים, זאָל זי געפינען אטויטע... דערנאָך האט זי זיך אין די געדאַנקען אוועקגעטראָגען אין איהר גאַסט־צימער, אין מאַן'ס קאַבינעט, און האט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי זיצט דאָרט נעבען דימאָוו'ן און האט הנאה פון דעם פיזישען פרידען, דער ריינקייט, און ווי זי זיצט אבענד אין טעאַטער און הערט מאַזיני'ן.

און א בענקעניש נאָך דער ציוויליזאציאָן, נאָך דעם שטאָדטי־שען טומעל און בעריהמטע מענשען האט איהר פארקוועטשט דאס הארץ.

אין שטוב איז אריין א פרוי, און לאַנגזאם גענומען מאַכען די אייוועז, אום צו קאָכען מיטאָג. עס האט אָנגעהויבען שמעקען מיט שמאַלינעס, און די לופט איז געוואָרען שוואַרץ פון רויך.

עס זיינען געקומען די מאהלער אין הויכע, שמוציגע שטיוועל און מיט פּנים'ער נאַסע פון רעגען. זיי האבען גערעדט צווישען זיך און זיך געטריישט, אז די וואָלגאַ האט כלומרשט אין די שלעכטע ווע־טערן אויך איהרע בעזונדערע שעהנקייטען. און דער ביליגער זייגער אויף דער וואַנטעל קלאַפּט: טיק־טיק־טיק...

די פארפראָרענע פליגען האבען זיך צוזאַמענגעשטופּט אין פאָ־דערשטען ווינקעל נעבען די הייליגע בילדער און הוזשען, און עס הערט זיך, ווי אונטער די בענק, איבער דאס גראָבע פּאַפּיר, קריכען ארום פרייסען...

ריאַבאָווסקי איז געקומען אהיים, ווען די זונן איז אונטערגעג־גאַנגען. ער האט א וואַרף געטהאָן זיין הוטעל אויפ'ן טיש און א בלאַסער, א פערמאטערטער, אין שמוציגע שטיוועל, האט ער זיך אראָבגעלאָזען אויף דער באַנק און צוגעמאַכט די אויגען.

—איך בין מיעד... — האט ער געזאָגט און גענומען בעוועג־

נען מיט די ברעמען, מאטערענדיג זיך אויפצועפענען די אויגען־לעדלאַך.

אום זיך אונטער צו לאַסטשען און צו ווייזען איהם, אז זי איז ניט אין כעס, איז אָלגאַ איוואַנאָוונאַ צוגעגאַנגען צו איהם, האט שווייגענדיג איהם א קוש געטהאָן, און גענומען פיהרען מיט א קע־מעלע איבער זיינע בלאָנדע האָאר. איהר האט זיך פארוואָלט איהם פערקאַמען.

— וואס איז דאס? — האט ער געפרעגט און א ציטער געטהאָן, אזוי ווי מען וואָלט זיך צו איהם צוגעריהרט מיט עפּעס קאַלטעס, און ער האט געעפענט די אויגען — וואס איז דאס? לאָזט מיך צו־פריעדען, איך בעט אייך!

ער האט זי אָפּגעשטופּט פון זיך מיט די הענד און איז אַליין אָבגעטראָטען, און איהר האט זיך אויסגעוויזען, אז זיין פּנים דריקט אויס עקעל און פערדרוס.

אין דערזעלבער צייט האט די פרוי פּאָרזיכטיג מיטביידע הענד געטראָגען פאר איהם א טעלער מיט ראָסעל און אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האט געזעהן, ווי זי האט אין דעם דאָזיגען ראָסעל אָבגעשווענקט איהרע גרויסע פינגער.

און די שמוציגע פרוי, מיט דעם פארבונדענעם בויך, די ראָסעל, צו וועלכע ריאַבאָווסקי האט זיך צוגעכאַפּט מיט אזא גרויסען אַפּע־טיט, די שטוב און דאס גאַנצע לעבען, וועלכעס זי האט פון אָנהויב אזוי ליעב געהאַט פאר זיין איינפאכקייט און קינסטלערישער אונ־אָרדנונג, האט זיך איהר אצינד אויסגעוויזען שרעקליך, אונערטרעג־ליך. זי האט זיך פּלוצים דערפיהלט בעליידיגט און זיך אָנגערופען קאַלט:

— מיר מוזען זיך צושיידען אויף א געוויסע צייט, אז ניט וועלען מיר פון לאַנגווייליגקייט זיך ערנסט צוקריעגען. מיר האט עס דער־עסען. איך פאָהר נאָך היינט אוועק.

— אויף וואס פאָהרט איהר? אויף א שטעקעל רייטענדיג?

— היינט איז דאָנערשטאָג, אום האַלב צעהן, הייסט עס, קומט אָן א סטים־שיף.

— אזוי? אמת טאַקע, אמת... נו מילא, פאָהר זיך... — האט געזאָגט ריאַבאָווסקי פריינדליך, זיך אָבווישענדיג מיט א האַנדטוך

אנשטאט א סאַלפעטקע — מען קען זיך נישט העלפען, דיר איז דאָ לאַנגווייליג און מען דארף זיין א גרויסער עגאָאיסט, אום דיך אָבצו־האַלטען. פאָהר, און נאָך דעם צוואַנציגסטען וועלען מיר זיך זעהן.

א פרעהליכע האט זיך אָלגא איוואַנאָוונאַ איינגעפאַקט, אזש די באַקען האבען זיך ביי איהר צוברענט פאר פערגעניגען. שוין־זשע איז דאס אמת — האט זי געפרעגט ביי זיך אליין — אז אין גיכען וועט זי קענען מאָהלען ביי זיך אין גאסט־צימער, שלאָפען אין שלאָף־צימער און עסען ביי א טיש מיט א טישטוך?

איהר איז גרינגער געוואָרען אויפ'ן הארצען און זי איז שוין מעהר נישט אין כעס געווען אויף דעם מאהלער.

— די פארב און פינזלען וועל איך דיר איבערלאָזען, ריאבושאַ — האט זי געזאָגט — וואס עס וועט איבערבלייבען, וועסטו מיט־ברענגען... גיעב אכטונג, אָהן מיר זאָלסטו זיך דאָ ניט פוילען, ניט מאַכען זיך משוגע, נור זאָלסט ארבייטען. דו ביזט ביי מיר א וואוילער יונג, ריאבושאַ!!

א זייגער צעהן האט ריאבאָווסקי צום אָבשייד איהר א קוש גע־טהאָן און זי האט געטראכט, אז ער טהוט עס, אום איהר ניט צו קושען ביי דער שיף אין דער געגענוואַרט פון די איבעריגע מאהלער. ער האט זי בעגלייט צום האפען. עס איז אָנגעקומען די שיף און האט זי אוועקגעפיהרט.

אהיים איז זי געקומען צופאָהרען אין צוויי און א האלב מעת־לעת.

ניט אויסטהאָנדיג פון זיך די הוט, דעם רעגען מאַנטעל, אָטהע־מענדיג שווער פאר אויפרעגונג, איז זי דורכגעגאַנגען דעם גאסט־צימער און פון דאָרט איז זי אריין אין עס־צימער. דימאָוו איז געזעסען ביים טיש אָהן א רעקעל, אין א פענאַנדערגעשפּילעטער וועסט און האט געשליפען א מעסער אָן א גאָפּעל; פאר איהם אויף א טעלער איז גע־לעגען א ריאבטשיק.

ווען אָלגא איוואַנאָוונאַ איז אריין אין הויז, איז זי געווען אי־בערצייגט, אז מען מוז בעהאַלטען פון מאַן אַלעס, וואס האט פאסירט און אז ביי איהר וועט זיך געפינען גענוג אי שכל, אי קרעפטען אזוי צו טהאָן... איצט אבער, ווען זי האט דערזעהן דעם ברייטען, ליעבען, גליקליכען שמייכעל און די בלישצענדע אויגען, פול פרייד, האט זי

דערפיהלט, אז בעהאַלטען עפּעס פון דעם דאָזיגען מענשען איז פּונקט אזוי געמיין, העסליך און גראָב, אזוי אונמעגליך און ניט פאַר איהרע קרעפטען, ווי בעריידען, בע'גנב'ענען אדער דער'הרג'ענען, און אין איין אויגענבליק האט זי בעשלאָסען איהם אַלעס, אַלעס צו דער־צעהלען.

און געלאָזט איהם זיך ארומנעהמען און א קוש טהאָן, האט זי זיך אראָבגעלאָזען פאַר איהם אויף די קניע און פארשטעלט דעם פּנים מיט די הענד.

— וואס איז? וואס, מאַמאַ? — האט ער געפרעגט צערטליך— האָסט זיך פערבענקט?

זי האט אויפגעהויבען איהר פּנים, וואס האט געפלאַמט פון שאַנד און א קוק געטהאָן אויף איהם מיט שולדיגע און בעטענדיגע אויגען, אבער דאס שרעק און די שאַנד האבען איהר געשטערט צו זאָגען דעם אמת.

— ס'איז גאָרנישט... — האט זי ארויסגעשטאַמעלט — דאס האב איך נור אזוי...

— לאָמיר זיך זעצען — האט ער געזאָגט, האט זי אויפגעהויבען און אוועקגעזעצט ביים טיש — אַט אזוי... עס דעם ריאַבטשיק. דו האָסט זיך אודאי אויסגעהונגערט, מיין אָרעם טייבעלע...

זי האט מיט פערגעניגען ווידער איינגעאָטהעמט די היימישע לופט און געגעסען דעם ריאַבטשיק, און ער האט געקוקט אויף איהר מיט בעגייסטערונג און ליעבע און האט געלאַכט פאַר פרייד.

6.

ארום מיטען ווינטער האט זיך דימאָוו הפּנים גענומען אָנשטוי־סען, אז מען בעטריגט איהם. ער האט גישט געקענט קוקען דער ווייב גלייך אין די אויגען אריין, עפּעס אזוי ווי דאס געוויסען וואָלט ביי איהם ניט ריין געווען. ביים טרעפען זיך מיט איהר, האט ער שוין מעהר ניט געשמייכעלט פרעהליך און, אום וואס ווייניגער צו בלייבען

מיט איהר אליין, האט ער אָפט געבראכט צו זיך אויף מיטאָג זיין חבר קאַראַסטעלאָוו, א קליין, געשאַרען מענשעל, מיט א צוקנייטשט פּנים, וועלכער, ווען ער האט גערעדט מיט אָלגא איוואנאָוונא, פלעגט ווערען אזוי צומישט, אז ער פלעגט אָבשפּיעלען אלע קנעפּלאך פון זיין רעקעל, זיי ווידער צו פערשפּיעלען און דערנאָך פלעגט ער זיך נעהמען מיט דער לינקער האנד ציהען פאר דער רעכטער וואָנצע.

ביים מיטאָג האבעןביידע דאָקטוירים גערעדט פון קראנקע און מעדיצין. און עס האט זיך גדאכט, אז זיי ביידע פיהרען דעם דאָזיגען מעדיצינישען געשפּרעך, נור אום צו געבען אָלגא איוואנאָוונא'ן א מעגליכקייט צו שווייגען, ס'הייסט, ניט צו לייגען. נאָך מיטאָג האט זיך קאַראַסטעלאָוו געזעצט צו דער פּיאנאָ, און דימאָוו האט גע־זיפצט און צו איהם געזאָגט:

— עך, ברודער! נו, וואס מאכט עס אוים! שפּיעל גאָר עפּעס אומעדיגעס...

אויפגעהויבען די אקסלען און ברייט פונאנדערגעשפּרייט די פינ־גער, האט קאַראַסטעלאָוו גענומען עטליכע אקאָרדען און אָנגעהויבען זינגען מיט א טענאָר שטימע: „ווייז אזא אָרט, וואו דער רוסישער פויער זאָל נישט קרעכצען," און דימאָוו האט ווידער געזיפצט, האט אונטערגעשפּארט דעם קאָפּ מיט'ן פויסט און זיך פערטראכט.

די לעצטע צייט האט אָלגא איוואנאָוונא זיך געהאלטען זעהר אונפאָרזיכטיג. יעדען פריה־מאָרגען פלעגט זי זיך אויפכאפּען אין זעהר א שלעכטען מוטה און מיט דעם גדאנק, אז ריאבאָווסקי'ן ליעבט זי שוין ניט מעהר און אז אלעס איז, גאָט צו דאנקען, געענדיגט. אבער זיך אָנגעטרונקען מיט קאפע, האט זי גענומען טראכטען, אז ריאבאָווסקי האט ביי איהר צוגענומען דעם מאן און איצט איז זי געבליבען אָהן מאן און אָהן ריאבאָווסקי'ן; דערנאָך האט זי זיך דער־מאָנט אויף די געשפּרעכען פון איהרע בעקאנטע וועגען דעם, אז ריאבאָווסקי פערפערטיגט צו דער אויסשטעלונג א מערקווירדיגעס בילד און אז אלע, ווער עס קומט נור צו איהם אין סטודיאָ, זיינען איינפאך ענטציקט פון זיין ארבייט.

אבער דאס דאָזיגע בילד, האט זי געטראכט, האט ער דאָך בע־שאפען אונטער איהר איינפלוס און איבערהויפּט איז ער, א דאנק איהר איינפלוס, געוואָרען מעהר מענש. און דער דאָזיגער איינפלוס

ווירקט אויף איהם אזוי וואונדערבאר, אז ווען זי זאָל איהם אצינד פערלאָזען, קען ער אפשר גאָר פערלאָרען געהן.

זי האט זיך אויך דערמאָנט, אז דעם לעצטען מאָל איז ער צו איהר געקומען אין עפעס א גרויען רעקעל מיט פּינטלאַך און אין א נייעם האַלזטוך און האט געפרעגט: „בין איך שעהן?" און אין דער דער אמת'ן, איז ער אַן עלעגאַנטער, מיט זיינע לאַנגע לאָקען און בלויע אויגען, געווען זעהר שעהן (אדער, אפשר האט עס זיך איהר נור אזוי אויסגעוויזען) יענעם מאָל איז ער געווען זעהר פריינדליך צו איהר.

און דערמאָנט זיך אַן דאס אַלעס, האט זי זיך א כאַפּ געטהאָן, אויסגעפּוצט זיך און אַן אויפגערעגטע אוועקגעפאָהרען צו ריאַבאָוו־סקי'ן אין שטודיאָ. זי האט איהם געטראָפען א פרעהליכען, א בעגייסטערטען פון זיין בילד, וואס איז טאַקע אין דער אמת'ן געווען גרויסאַרטיג; ער איז געשפּרונגען, זיך נאַריש געמאַכט און אויף אַלע ערענסטע פראַגען געענטפערט מיט גלייכווערטלאַך.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז געווען אייפערזיכטיג אויף ריאַבאָווסקי'ן, האט געהאַסט זיין בילד, נור פון העפליכקייט וועגען פלעגט זי שוויי־גענדיג אָפּשטעהן פאר איהם א מינוט פינף און א זיפץ טהאָנדיג, ווי מען זיפצט פאר עטוואס הייליגעס, האט זי שטיל געזאָגט:

— יאָ, דו האָסט נאָך קיין מאָל נישט געמאָהלען עטוואס עהנלי־כעס. ווייסט, ס'איז זאָגאַר מורא'דיג.

דערנאָך פלעגט זי איהם נעהמען בעטען, ער זאָל זי ליעבען, זאָל זי ניט ווארפען, זאָל רחמנות האבען איבער איהר, די אָרימע און אונגליקליכע. זי האט געוויינט, געקושט איהם די הענד, געפאָדערט, ער זאָל זיך שווערען איהר אין ליעבע און האט גע'טענה'ט צו איהם; אז אָהן איהר גוטען איינפלוס אויף איהם וועט ער אראָב פון וועג און וועט פערלאָרען געהן.

און איבערגעפיהרט איהם זיין גוטען מוטה און פיהלענדיג זיך אליין ערנידעריגט, איז זי דערנאָך געפאָהרען צו דער שניידערין, אדער צו א בעקאַנטער אַקטריסע בעזאָרגען זיך מיט א בילעט.

איז ער אבער אין שטודיאָ ניט געווען, האט זי איבערגעלאָזען פאר איהם א בריעף, אין וועלכען זי האט זיך געשוואָרען, אז אויב ער קומט הייגט נישט צו איהר, וועט זי זיך אונבעדינגט פער'סם'ען.

ער פלעגט זיך דערשרעקען, פלעגט קומען צו איהר, און בלייבען צו מיטאָג.

ניט שעהמענדיג זיך פאר איהר מאַן, האט ער אין זיין געגענ־וואַרט גערעדט צו איהר גראָב און פרעך, זי האט איהם געענטפערט אויף דעם זעלבען שטייגער. ביידע האבען געפיהלט, אז זיי מאַכען זיך ענג איינער דעם אַנדערן, אז זיי זיינען דעספּאָטען און האַסען זיך, ווי שונאים. זיי האבען זיך געבייזערט און פאר כעס האבען זיי נישט באַמערקט, אז זיי פיהרען זיך אונאַנשטענדיג און אז אפילו דער געשאָרענער קאָראָסטעלאָוו פערשטעהט אויך אלעס. נאָך מיטאָג האט ריאבאָווסקי זיך געאיילט צו זעגענען און אוועקגעהן.

— וואוהין געהט איהר? — פלעגט איהם פרעגען אָלגאַ איוואַ־נאָוונא אין פירהויז, קוקענדיג אויף איהם מיט האַס.

ער, קרימענדיג זיך און זשמורענדיג די אויגען, פלעגט אָנרו־פען עפּעס א בעקאַנטע דאַמע, און ס'איז קענטיג געווען, אז ער לאַכט אָב פון איהר אייפערזוכט און וויל איהר טהאָן צו להכעים. זי איז גע־גאַנגען צו זיך אין שלאָף־צימער און זיך געלייגט אין בעט; פאר אייפערזוכט און פערדרוס, פאר ערנידעריגונג און שאַנד האט זי גע־ביסען די קישען און געוויינט הויך אויף א קול. דימאָוו פלעגט אי־בערלאָזען קאָראָסטעלאָוו'ן אין גאַסט־צימער, אריינגעהן צו איהר אין שלאָף־צימער און א פארשעהמטער און צומישטער פלעגט ער זאָגען שטיל:

— ניט וויין הויך, מאַמאַ... צו וואָס? מען דאַרף וועגען דעם שווייגען... מען טאָר נישט ארויסווייזען... ווייסטו, וואָס איז איין מאָל געשעהן, איז פאַרפאַלען, מען קען עס שוין ניט איבער־מאַכען...

נישט וויסענדיג, ווי צו דערשטיקען אין זיך די משוגענע איי־פערזוכט, פון וועלכער עס האט איהר געשטאָכען אין די שלייפען און דענקענדיג, אז מען קען נאָך אלעס פאַרריכטען, האט זי זיך ארומ־געוואַשען, האט געפּודערט איהר פערוויינטען פּנים און איז געפלוי־גען צו דער בעקאַנטער דאַמע. ניט געטראָפען דאָרט ריאבאָווסקי'ן, איז זי געפאָהרען צו דער צווייטער, דערנאָך צו דער דריטער... די ערשטע צייט האט זי זיך געשעהמט אזוי צו פאָהרען, דערנאָך איז זי צוגעוועהנט געוואָרען און עס האט פּאַסירט, אז אין איין אָבענד האט

זי בעזוכט אַלע איהרע בעקאַנטע פרויען, אום אויפצוזוכען ריאַבאָװ־סקי׳ן, און אַלע האבען עס פערשטאַנען...

איין מאָל האט זי געזאָגט צו ריאַבאָװסקי׳ן װעגען איהר מאַן:

— דיעזער מענש צודריקט מיך מיט זיין גרויסמוטיגקייט!

די דאָזיגע פראַזע איז איהר אזוי געפעלען געװאָרען, אז טרע־פענדיג זיך מיט די מאהלער, װעלכע האבען געװאוסט פון איהר ראָ־מאַן מיט ריאַבאָװסקי׳ן, האט זי יעדעס מאָל געזאָגט װעגען איהר מאַן, מאַכענדיג דערביי אַן ענערגישע באַװעגונג:

— דיעזער מענש צודריקט מיך מיט זיין גרויסמוטיגקייט!

זאָנסט איז זיך דאס לעבען געגאַנגען פונקט אזוי, װי פאר א יאָהרען. מיטװאָך זיינען געװען אבענד אונטערהאַלטונגען. דער אר־טיסט האט געלעזען, די מאהלער האבען געמאהלען, דער װיאָלענטשע־ליסט האט געשפיעלט, דער זינגער האט געזונגען, און פונקט האלב צװעלף האט זיך די טהיר, װאס פיהרט אין עס־צימער, געעפענט און דימאָװ האט מיט א שמייכעל געזאָגט:

— מיינע הערען, ביטע צובייסען!

אזוי װי פריהער, האט אָלגא איװאַנאָװנא געזוכט גרויסע מענ־שען, האט זיי געפונען און זיך ניט בעפריעדיגט און װייטער געזוכט. אזוי װי פריהער, האט זי יעדען טאָג זיך אומגעקעהרט אהיים שפעט ביינאַכט, אבער דימאָװ איז שוין נישט געשלאָפען, װי פאר א יאָהרען, נור איז געזעסען ביי זיך אין קאַבינעט און האט עפּעס געארבייט. געלעגט האט ער זיך א זייגער דריי און אויפגעשטאַנען אם אכט.

איין מאָל אין אבענד, בעת זי האט זיך געקליבען אין טעאַטער און איז געשטאַנען פאר׳ן שפּיעגעל אין שלאָף־צימער, איז אהין אריין דימאָװ אין א פראַק און א װייסען האַלזטוך. ער האט זאַנפט געשמיי־כעלט און אזוי װי פריהער, האט ער מיט פרייד געקוקט דער װייב גלייך אין די אויגען. זיין פּנים האט געשיינט.

— איך האב נור װאס פארטהיידיגט מיין דיסערטאַציאָן — האט ער געזאָגט, זעצענדיג זיך און גלעטענדיג די קניע.

— נו, װי? האָסט עפּעס גוט פארטהיידיגט? — האט געפרעגט אָלגא איװאַנאָװנא.

— אָהאָ! — האט ער זיך צולאַכט און אויסגעצויגען די האַלז, אום צו זעהן אין שפּיעגעל דער װייב׳ס פּנים, װעלכע איז נאָך אַלץ גע־

שטאַנען צו איהם מיט'ן רוקען און זיך פערריכט איהר פריזור — אָהאָ! — האט ער איבערגע'חזר'ט — ווייסטו, עס קען זיין, אז מען זאָל מיר פאָרשלאָגען א שטעלע פון א פריוואט־דאָצענט איבער דער אלגעמיינער פאטאלאָגיע. אָט מיט וואס דאס שמעקט.

אויף זיין בעגייסטערטען און שיינענדיגען פנים האט מען גע־קענט זעהן, אז ווען אָלגא איוואנאָוונא זאָל מיטפיהלען מיט איהם זיין פרייד און נצחון, וואָלט ער איהר אַלעס פארגעבען, אי דאס איצ־טיגע, אי דאס שפעטערדיגע, און וואָלט אַלעס, אלעס פארגעסען. זי אבער האט נישט פארשטאנען, וואס עס מיינט פריוואט־דאָצענט און אלגעמיינע פאטאלאָגיע, דערצו האט זי מורא געהאט, טאָמער פערשפעטיגט זי אין טעאטער און זי האט גאָרנישטש געענטפערט.

ער איז געזעסען נאָך א פאָאר מינוט, האט א שמייכעל געטהאָן, ווי ער וואָלט אין עפעס געווען שולדיג, און איז ארויס.

7.

דאס איז געווען א זעהר אונרוהיגער טאָג.

דימאָוו'ן האט שטארק וועה געטהאָן דער קאָפּ; ער האט אין דער פריה ניט געטרונקען קיין טהעע, איז ניט אוועק אין שפּיטאָל און איז די גאנצע צייט געלעגען ביי זיך אין קאבינעט אויף א טער־קישער זאָפע.

אָלגא איוואנאָוונא איז, ווי געוועהנליך, ארום איינס א זייגער אוועק צו ריאבאָווסקי'ן, ווייזען איהרען אַן עטיוד פון נאטור און אין איין וועג איהם פרעגען, פארוואס ער איז נעכטען ניט געווען ביי איהר. דער עטיוד, האט זיך איהר אויסגעוויזען, איז גאָרנישט ווערטה און געמאָהלען האט זי איהם אויך נור דערפאר, אום צו האבען א תירוץ צו קומען אַן איבעריגען מאָל צום מאהלער.

זי איז אריין צו איהם ניט אָנקלינגענדיג, און בעת זי האָט אין פירהויז אויסגעטהאָן איהרע קאלאָשען, האט זי דערהערט, ווי אין שטודיאָ איז עמיצער שטיל פארבייגעלאָפען, רוישענדיג ווי א פרוי

מיט די קליידער. זי האט שנעל ארייגעקוקט אין ארבייטס־צימער, זי האט אבער נור געזעהן א שטיקעל פון א ברוין קלייד, וואס האט זיך א מיניע געטהאָן אויף איין אויגענבליק פאר די אויגען און איז גלייך פערשוואונדען הינטער'ן בילד, וועלכער איז צוזאמען מיט'ן מאָלבערט פערהאנגען געווען ביז צו דער ערד מיט א שווארצען לייווענד.

עס איז ביי איהר קיין שום ספק ניט געווען, אז דאס האט זיך דאָרט בעהאַלטען א פרוי. ווי אָפט האט אָלגא איוואנאָוונא אליין גע־זוכט שוץ הינטער דעם זעלבען בילד!

ריאבאָווסקי, קענטיג א צוטומעלטער, האט זיך עפּעס אזוי ווי פערוואונדערט פון איהר קומען, האט צו איהר אויסגעשטרעקט ביידע הענד און געזאָגט מיט א געמאכטען שמייכעל:

— דאס זייט איהר! עס פרעהט מיך זעהר אייך צו זעהן. וואס וועט איהר עפּעס דערצעהלען גוטס?

אָלגא איוואנאָוונא'ס אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרערען. איהר איז געווען אי ביטער, אי א חרפה, און זי וואָלט פאר א גאנצען מיליאָן אפילו ניט מרוצה געוואָרען צו ריידען אין דער געגענווארט פון א פרעמדער פרוי, א קאָנקורענטקע, א ליגנערקע, וועלכע איז איצט געשטאנען הינטער'ן בילד און האט מסתמא געלאכט פון איהר קאָפּ.

— איך האב אייך געבראכט אן עטיוד... — האט זי געזאָגט ניט דרייסט, מיט א דינעם קול, און איהרע ליפּען האבען א ציטער געטהאָן — א נאטור עטיוד.

— א־א... אן עטיוד?

דער מאהלער האט גענומען דעם עטיוד אין די הענד און, בע־טראכטענדיג איהם, איז ער אזוי ווי מעכאניש אריין אין צווייטען צימער.

אָלגא איוואנאָוונא איז מיט אן אונטערוואָרפענער מינע אוועק נאָך איהם.

— דער עטיוד איז... פון ערשטען סאָרט — האט ער געמור־מעלט, זוכענדיג א גראַם — קוראָרט... טאָרט... פּאָרט...

פון דער שטודיאָ האבען זיך דערהערט שנעלע טריט און דאס רוישען פון א קלייד. זי איז אוועק, הייסט עס. אָלגא איוואנאָוונא'ן האט זיך געוואָלט נעהמען שרייען, געבען דעם מאהלער מיט עפּעס איבער'ן קאָפּ און אוועקגעהן. זי האט אבער גאָרנישט געזעהן דורך

די טרערען, איז געווען צודריקט פון שאַנד און האט זיך אַצינד ניט געפיהלט אַלס אָלגאַ איוואַנאָוונאַ, אלס קינסטלערין, נור אַלס אַ קליין, מיאוס בעשעפעניש.

— איך בין מיעד — האט געזאָגט דער מאהלער, קוקענדיג אויפ׳ן עטיוד און טרייסלענדיג מיט׳ן קאָפּ, אום צו פערטרייבען די שלעפּע־ריגקייט — דאס איז ליעב, געוויס, אבער אי היינט איז אַ עטיוד, אי פאר אַ יאָהרען איז געווען אַ עטיוד, און אין אַ מאָנאַט ארום וועט זיין אַ עטיוד... ווי דערעסט עס אייך ניט? איך אויף אייער אָרט וואָלט געוואָרפען די מאהלעריי און זיך ערנסט פערנומען מיט מוזיק אָדער מיט עפּעס אנדערש. איהר זייט דאָך נישט קיין מאהלערין, נור אַ מוזיקאַנטשע. אוי, בין איך מיעד! איך וועל באַלד הייסען געבען טהעע... אַ, יאָ?

ער איז ארויס פון צימער און אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האט געהערט ווי ער האט זיין לאַקעי עפּעס בעפוילען.

אום זי זאָל זיך נישט דאַרפען זעגענען, ערקלערען זיך, און, די הויפּטזאַך, זי זאָל זיך נישט צוּוויינען, איז זי וואס שנעלער ארויס־געלאָפען אין פירהויז און נאָך איידער ריאַבאָווסקי האט זיך אומגע־קעהרט, האט זי אָנגעטהאָן די קאַלאָשען און איז ארויס אויף דער גאַס.

איצט ערשט האט זי פריי אָבגעאָטהעמט און זיך דערפיהלט אויף אייביג פריי אי פון ריאַבאָווסקי׳ן, אי פון דער מאהלעריי און אי פון דער גרויסער שאַנד, וואס האט זי אזוי געדריקט אין שטודיאָ! איצט איז אַ סוף! אַלעס געענדיגט!

זי איז אוועקגעפאָהרען צו דער שניידערין, דערנאָך צו באַרנאַי, וועלכער איז ערשט נעכטען געקומען, פון באַרנאַיען אין מאַגאַזין פון נאָטען. און די גאַנצע צייט האט זי נור געטראַכט וועגען דעם, ווי זי וועט אָנשרייבען ריאַבאָווסקי׳ן אַ קאַלטען, האַרטען, שטאָלצען בריעף, און ווי אין פריהלינג, אדער זומער, וועט זי מיט דימאָוו׳ן אוועקפאָהרען אין קרים, וועט זיך דאָרט אין גאַנצען בעפרייען פון דער פערגאַנגענהייט און וועט אָנפאַנגען אַ נייַ לעבען.

געקומען אהיים שפּעט ביינאַכט און זיך אפילו ניט איבערגע־טהאָן, האט זי זיך געזעצט אין גאַסט־צימער פערפאַסען דעם דאָזיגען בריעף. ריאַבאָווסקי האט איהר געזאָגט, אז זי איז נישט קיין מאהלע־

רין און זי מוז זיך דערפאר מיט איהם אָברעכענען. זי וועט איהם שרייבען, אז יעדען יאָהר מאָהלט ער אַלץ די זעלבע זאַך, פונקט אזוי ווי יעדען טאָג רעדט ער נור איינס און דאס זעלבע. אז ער שטעהט אויף איין אָרט, און מעהר ווי דאס, וואס איז פון איהם ארויסגעקומען ביז איצט, קען מען פון איהם ניט ערווארטען. עס האט זיך איהר אויך געוואָלט שרייבען, אז פיעלעס האט ער צו פערדאַנקען איהר גוטען איינפלוס, און אויב ער באגעהט זיך שלעכט און מאכט פעהלערן, איז דאס נור דערפאר, וואס אויסער איהר ווירקען אויף איהם נאָך אַנדערע צווייפעלהאפטע פערזאָנען, ווי, למשל, די, וואס האט זיך היינט בע־האַלטען הינטער דעם בילד...

— מאַמאַ! — האט א רוף געטהאָן פון קאבינעט דימאָוו, ניט עפענענדיג די טהיר — מאַמאַ!

— וואס ווילסטו?

— מאַמאַ, געה דו ניט אריין צו מיר, קום נור צו צו דער טהיר. אָט וואס... פאַרגעסטערן האב איך אין שפּיטאָל זיך אַנגעשטעקט מיט דיפטעריע און אצינד... איז מיר שלעכט.. שיק גלייך נאָך קאָ־ראָסטעלאָוו'ן.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט שטענדיג גערופען דעם מאָן, ווי אַלע איהרע בעקאַנטע מענער, ניט מיט דעם ערשטען נאָמען, נור מיט דער פאַמיליע; דעם מאַנ'ס נאָמען אָסיפּ איז איהר נישט געפעלען געווען נאָר מחמת דעם, ווייל עס האט איהר שטענדיג דערמאָנט אָן א גע־וויסען גלייכוועדטעל פון גאָגאָל'ס א העלד, וואו ער לאכט אָפּ פון א געוויסען אָסיפּ. איצט אָבער האָט זי א געשריי געטהאָן:

— אָסיפּ, דאָס קען נישט זיין!

— שיק נאָך איהם! מיר איז נישט גוט!... — האָט געזאָגט דימאָוו הינטער דער טהיר, און עס האָט זיך געהערט ווי ער איז צו צו דער זאָפע און האָט זיך אוועקגעלייגט: — שיק גלייך! — האָט זיך דומפּף געהערט זיין קול.

— וואָס איז דאָס אזוינס? — האָט א טראַכט געטהאָן אָלגאַ איוואַנאָוונאַ, און עס איז איהר קאַלט געוואָרען פאר שרעק: — דאָס איז דאָך געפעהרליך!

נאָך אָהן א פּארוואָס האָט זי גענומען א ליכט און איז אוועק צו זיך אין שלאָף צימער און דאָ, טראַכטענדיג, וואָס זי זאָל איצט טהאָן,

האָט זי ניט ווילענדיג אַ קוק געטהאָן אויף זיך אין שפּיגעל. מיט דעם בלאַסען, צושראָקענעם פּנים, אין מאַנטעל מיט הויכע ארבעל, מיט די געלע פעדערבאַלס אויף דער ברוסט און דעם עפּעס מאָדנע־געפאַל־דעוועטען קלייד האָט זי זיך אויסגעוויזען שרעקליך, העסליך. איהר האָט פּלוצים געגומען שטארק וועה טהאָן דאָס הארץ פאַר דימאָוו׳ן, פאַר זיין אונבעגרענעצטע ליעבע צו איהר, פאַר זיין יונג לעבען און אפילו פאַר זיין פער׳יתום׳טע בעט, אויף וועלכער ער האָט שוין לאַנג, לאַנג נישט געשלאָפען און זי האָט זיך דערמאָנט אָן זיין געוועהנליכען זאַנפטען, איבערגעבענעם שמייכעל.

זי האָט זיך ביטער צו־וויינט און אָנגעשריעבען קאראסטעלאָוו׳ן אַ בריעף פול מיט געבעט.

עס איז שוין געווען צוויי אזייגער ביינאכט.

8.

אַ זייגער אכט אין דער־פריה איז אָלגאַ איוואַנאָוונאַ אויפגעשטאַנען מיט אַ שווערען קאָפּ פון ניט שלאָפען, און ווען זי איז אַ ניט־פערקאַמטע, אַ מיאוסע, מיט אַ שולדיגען אויסדרוק אויפ׳ן פּנים, ארויס פון שלאָף־צימער, איז פאַרביי איהר אין פיהר־הויז פאַרבייגעגאַנגען עפּעס אַ הערר מיט אַ שווארצער באָרד, קענטיג, אַ דאָקטאָר. עס האָט געשמעקט מיט רעצעפּטען. נעבען דער טהיר אין קאַבינעט איז גע־שטאַנען קאָראָסטעלאָוו און מיט דער רעכטער האַנד האָט ער גע־דרעהט די לינקע וואָנצע.

— ענטשולדיגט, צו איהם וועל איך אייך נישט אריינלאָזען — האָט ער געזאָגט, אָנגעכמורעט, צו אָלגאַ איוואַנאָוונאַ: — מען קען זיך אָנשטעקען. און סיי־ווי־סיי האָט איהר דאָרט נישט וואָס צו טהאָן. ער ליגט אין היטץ.

— איז ביי איהם טאַקע דיפטעריע? — האָט שטיל געפרעגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ.

— די וואָס קריכען אין פייער, האָט מען אייגענטליך געדאַרפט

משפּט'ן, ווי פערברעכער — האָט געבורטשעט קאַראָסטעלאָוו, ניט ענטפערענדיג אויף איהר פראגע: — ווייסט איהר, פון וואָס ער האָט זיך אָנגעשטעקט? דינסטאָג האָט ער ביי אַ אינגעל דורך אַ קליין רערעל אויסגעצויגען די דיפטערישע הייטלאך. און צו־וואָס האָט ער עס געדאַרפט? נאַריש... גלאַט אַזוי, דיר נישט, מיר נישט...

— איז דאָס געפעהרליך? זעהר? — האָט געפרעגט אָלגא איוואַנאָוונאַ.

— יאָ, מען זאָגט, אז די פאָרמע איז זעהר אַ שווערע. אייגענטליך האָט מען געדאַרפט שיקען נאָך שרעדער'ן.

עס איז געקומען נאָך אַ הערר, אַ קלייגינקער, אַ געלער, מיט אַ לאַנגער נאָז און אַן אידישען אַקצענט, דערנאָך אַ הויכער, איינגע־הויקערטער, פערוואַקסענער, ענהליך צו אַ דיאַקאָן! און נאָך אַ יונגער מאַן, זעהר אַ פולער מיט אַ רויטען פּנים און אין ברילען.

דאָס זיינען די דאָקטוירים געקומען האַלטען וואַך נעבען זייער קראַנקען חבר.

אַז קאַראָסטעלאָוו איז אָבגעזעסען זיין צייט נעבען קראַנקען, איז ער נישט אַוועק אַהיים. ער איז געבליבען דאָ און ווי אַ שאָטען ארומגע־וואַנדערט איבער אַלע צימערען.

די דינסט האָט דערלאַנגט די דאָקטוירים טהעע און איז אָפט געלאָפען אין אַפּטהעק און עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל אויפראַ־מען אין הויז.

עס איז געווען שטיל און אומעדיג.

אָלגא איוואַנאָוונאַ איז געזעסען ביי זיך אין שלאָף־צימער און געטראַכט, אַז דאָס בעשטראָפט איהר גאָט דערפאַר, וואָס זי האָט בע־טראָגען דעם מאַן.

און ער, דער מאַן, אַ שטילער, אַ פערליטענער, אַ שוואַכער און כאַראַקטערלאָזער, צוליעב זיין צופיעל גוטסקייט, איז געלעגען ערגעץ וואו ביי זיך אויף דער זאָפע, האָט געשטיקט אין זיך זיינע יסורים און זיך נישט בעקלאָגט.

און ווען ער זאָל זיך האָבען בעקלאָגט, אפילו פון היץ, דאַן וואָל־טען די דאָקטוירים, וואָס האָבען ארום איהם געוואַכט, זיך דערוואוסט, אַז שולדיג איז דאָ ניט די דיפטעריע אַליין... קאַראסטעלאָוו וואָלט זיי געקענט דערצעהלען, ער ווייס אַלעס און נישט אומזיסט קוקט

ער אויף זיין פריינד'ס ווייב מיט אַזעלכע אויגען, אַזוי ווי זי וואָלט געווען דער אמת'ער מלאך המות און די דיפטעריע וואָלט נור געווען איהר מיטשולדיגע.

זי האָט שוין אַצינד מעהר נישט געטראַכט וועגען דער שעהנער לבנה אויף דער וואָלגאַ, וועגען די ערקלעהרונגען אין ליעבע און נים וועגען דאָס פּאָעטישע לעבען אין דעם פויערשען שטיבעל, איינס נור האָט זי געדענקט און וועגען דעם האָט זי געטראַכט: אַז צוליעב אַ פּוסטען קאַפּריז, צוליעב איהר נאַרישער נאַכגעגעבענקייט, האָט זי אין גאַנצען מיט הענד און פיס זיך אויסגעשמירט און עפּעס שמוציגעס, קלעפּעדיגעס, פון וואָס זי וועט זיך שוין קיין מאָל אין לעבען נים אָבוואַשען...

— אַך, ווי שרעקליך איך האָב איהם בעטראָגען! — האָט זי געטראַכט, זיך דערמאָנענדיג אָן דער אונרוהיגער ליעבע וואָס זי האָט געפיהרט מיט ריאַבאָווסקי'ן — פאַרשאָלטען זאָל דאָס אַלעס ווערען!...

פיער אַזייגער האָט זי זיך געזעצט עסען מיטאָג צוזאַמען מיט קאַראָסטעלאָוו'ן. ער האָט גאָרנישט געגעסען, האָט נור געטרונקען רויטען וויין און זיך געבלאָזען. זי האָט אויך גאָרנישט געגעסען. דאָ האָט זי אין געדאַנקען גאָט געבעטען, געשוואָרען זיך און אַ נדר געגעבען, אַז אויב דימאָוו וועט געזונד ווערען, וועט זי איהם ווידער נעהמען ליעבען און וועט זיין אַ געטריייע ווייב. און דאָ, זיך אויף אַ ווייל אָן אַלעם פאַרגעסען, האָט זי געקוקט אויף קאָראָסטעלאָוו'ן און געטראַכט: „שוין־זשע איז נים לאַנגווייליג צו זיין אַ איינפאַכער, אונבעוואוסטער, אונגעוועהנליכער מענש און נאָך מיט אַזאַ צוקנייטשטען פּנים און שלעכטע מאַניערען"? דאָ האָט זיך איהר געדאַכט, אַז באַלד גלייך אויפ'ן שטעל, וועט איהר גאָט דער'הרג'ענען דערפאַר, וואָס אוים מורא זיך אָנצושטעקען איז זי נאָך אפילו קיין איין מאָל נים געווען ביים מאַן אין קאַבינעט. און אין אַלגעמיין האָט זי געדריקט עפּעס אַ מין טעמפּער און אומעדיגער געפיהל און אַ געדאַנק, אַז דאָס לעבען איז איבערגעפיהרט און מען קען עס שוין בשום אופן נישט פאַרריכטען...

נאָך מיטאָג איז דונקעל געוואָרען. ווען אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז ארויס אין גאַסט־צימער, האָט זי דאָרט געטראָפען קאָראָסטעלאָוו'ן.

ער איז געשלאָפען אויף א זאָפע מיט א זיידען קישעלע צו קאָפּענס, וואָס איז געשטיקט געווען מיט גאָלד. „קבי־פּוא — האָט ער געבראָ־פּעט: — קבי־פּוא."

און די דאָקטוירים, וועלכע זיינען געקומען וואכען און זיינען דערנאָך ווידער אוועק, האָבען נישט באַמערקט די אונאָרדנונג. דאָס, וואָס א פרעמדער מענש איז געלעגען אין גאַסט־צימער און געבראָ־פּעט, די סטודענטען אויף די ווענט און דאָס, וואָס די בעל'הבית'טע איז נישט פארקאַמט און נישט אָנגעטהאָן, ווי געהעריג איז, האָט זיי אַלע־מען, קענטיג, ניט אָנגעהויבען צו אינטערעסירען. איינער פון די דאָקטוירים האָט זיך אונערוואַרטעט צולאַכט פון עפּעס, און דער דאָ־זיגער געלעכטער האָט אָבגעקלונגען איבער'ן הויז אַזוי מאָדנע, אַזוי ניט אין פּלאַץ, אז עס איז מורא'דיג געוואָרען...

ווען אָלגא איוואַנאָוונא איז אויפ'ן צווייטען טאָג ארויס אין גאַסט־צימער, איז קאָראָסטעלאָוו שוין נישט געשלאָפען, ער איז גע־זעסען און געדרויכערט.

— די דיפטעריע האָט זיך ביי איהם אריינגעכאַפּט אין די נאָז־לעכער — האָט ער שטיל געזאָגט — דאָס האַרץ זיינס ארבייט שוין שוואַך אין אַלגעמיין איז שלעכט...

— שיקט נאָך שרעק'ן — האָט געזאָגט אָלגא איוואַנאָוונא.

— ער איז שוין געווען. ער איז דאָס געווען יענער, וואָס האָט באַמערקט, אַז די דיפטעריע איז איהם אריין אין נאָז. און וואָס איז מיר שרעק! וואָס וועט איהם שרעק העלפען. אין דער אמת'ן איז עס גאָרנישט. זיין נאָמען איז שרעק און מיינער איז קאָראָסטעלאָוו — און העלפען קענען מירביידע נישט!

די צייט האָט זיך געצויגען שרעקליך לאַנג. אָלגא איוואַנאָוונא איז געלעגען אַן אָנגעטהאָנענע אין א ניט צוגעקליבענער בעט און האָט געדרעמעלט. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע הויז פון פּאָד־לאָגע ביז'ן באַלקען איז פארלייגט מיט עפּעס א גרויסען שטיק איי־זען און עס איז נור נויטיג ארויסצו־וואַרפען דאָס דאָזיגע אייזען, און אַלעמען וועט גלייך ווערען פרעהלאַך און גרינג אויף'ן הארצען. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז דאָס, וואָס דריקט אַלעמען אַזוי שטאַרק איז נישט קיין אייזען, נור דימאָוו'ס קראַנק־הייט.

— קורארט, פארט... — האט זיך געדרעהט ביי איהר אין קאפ א גראם, ווען זי האט ווידער איינגעדרעמעלט — ספארט... קור־ראָרט... און ווי איז שרעק? שרעק, גרעק, קרעק... וורעק... און וואו זיינען עס אצינד מיינע פריינד? צו וויסען זיי וואס פאר אן אונגליק אונז האט געטראפען? גאט אין הימעל, ראטעווע... העלף. שרעק... גרעק...

און ווידער דאס שטיק אייזען, ווידער און ווידער... די צייט האט זיך געצויגען לאנג, לאנג און דער זייגער אין דעם אונטערשטען עטאזש האט געשלאגען אזוי אפט. און אלע ווייל האט זיך געהערט דאס קלינגען פון גלאק; דאס זיינען געקומען דאקטוירים...

עס איז אריין די דיענסט מיט א ליידיגער גלאז אויף א טאץ און געפרעגט:

— מאדאם, זאל איך אייך אויסבעטען די בעט?

און ניט קריגענדיג קיין ענטפער איז זי צוריק ארוים.

אונטען האט געשלאגען דער זייגער, איהר האט זיך גע'חלום'ט, אז עס רעגענט אויף דער וואלגא, און ווידער איז עמעצער אריין אין שלאף־צימער, דאכט זיך, א פרעמדער. אלגא איוואנאוונא איז אויפ־געשפרונגען און דערקענט קאראסטעלאוו'ן.

— וויפיעל איז דער זייגער? — האט זי געפרעגט.

— ארום דריי.

— נו, וואס הערט זיך?

— וואס זאל זיך הערען? איך בין געקומען אייך זאגען: ער געהט אוים...

ער האט א כליפע געטהאן, זיך געזעצט אויף דער בעט נעבען איהר און אפגעווישט די טרעהרען מיט'ן ארבעל.

זי האט נישט גלייך פערשטאנען; א פראסט איז איהר אריבער איבער אלע גליעדער און זי האט זיך לאנגזאם גענומען צלם'ען.

ער ער גוסס'ט... — האט ער איבערגע'חזר'ט מיט א דין קול־כעל, און ווידער א כליפע געטהאן: — ער שטארבט, ווייל ער האט זיך אויפגעאפפערט... וואס פאר א גרויסער פערלוסט פאר דער ווי־סענשאפט! — האט ער גערעדט מיט ביטערקייט — אין פערגלייך

מיט אונז אַלעמען, איז ער געווען אַ גרויסער, אַ אונגעוועהנליכער מענש! ווי בעגאַבט ער איז געווען! וואָס פאַר גרויסע האָפנונגען מיר האָבען אַלע אויף איהם געלעגט! — האָט ווייטער גערעדט קאָראָסטעלאָוו, ברעכענדיג די הענד: — גאָט מיינער, דאָס איז דאָך געווען אַזאַ וויסענשאַפטס־מאַן, וואָס איז צו זוכען אין אַ וועלט! אָסיפקע דימאָוו, אָסיפקע דימאָוו, וואָס האָסטו אָנגעמאַכט! אוי, וועה איז מיר. גאָטוניו גוטער!

אין פערצווייפלונג האָט קאָראָסטעלאָוו צוגעדעקט דעם פּנים מיט ביידע הענד און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און וואָס פאַר אַ גייסטיגע קראַפט דער מענש האָט געהאַט! — האָט ער ווייטער גערעדט בייז, מיט רוג'זע, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט אויף עמעצען שטאַרק אין כעס געווען: — אַ גוטע, ריינע, ליעבענדע נשמה — נישט קיין מענש, נור גלאָז! האָט געדיענט דער וויסענשאַפט און איז געשטאָרבען פאַר דער וויסענשאַפט. און געאַרבייט האָט ער, ווי אַן אָקס, טאָג און נאַכט, קיינער האָט איהם ניט געשאָנעוועט... און דער יונגער געלעהרטער, דער צוקינפטיגער בעריהמטער פּראָפעסאָר, האָט זיך געמוזט זוכען פּראַקטיקע, איז געצוואונגען געווען אָבצוזיצען גאַנצענע נעכט איבער איבערזעצונגען, אום צו קענען בעצאָהלען פאַר אָט די... לומפּיגע שמאַטעס!

קאָראָסטעלאָוו האָט מיט האַס אַ קוק געטהאָן אויף אָלגאַ איוואַנאָוונאַ'ן, האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד פאַר'ן ליילאַך און האָט מיט כעס אַ ריס געטהאָן, עפּעס אַזוי ווי דער ליילאַך וואָלט שולדיג געווען.

— ער אַליין האָט זיך ניט געשאָנעוועט און קיינער האָט איהם ניט געשאָנעוועט. עט, וואָס איז דאָ צו ריידען!

— יאָ, אַ זעלטענער מענש! — האָט עמעצער געזאָגט אין גאַסטצימער מיט אַ באַס־שטים.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך דערמאָנט אָן איהר גאַנצען לעבען מיט איהם פון אָנהויב ביז'ן סוף, אויף אַלע איינצעלהייטען און איהר איז פּלוצים קלאָהר געוואָרען, אַז ער איז ווירקליך געווען אַן אונגעוועהנליכער, אַ זעלטענער און אין פערגלייך מיט איהרע פריינד, אַ

גרויסער מענש. און דערמאָנט זיך, ווי איהר זעליגער פאָטער און אַלע דאָקטוירים האָבען זיך צו איהם פערהאַלטען, האָט זי פערשטאַנען, אז זיי אַלע האָבען אין איהם געזעהן אַ צוקינפטיגע גרויסע בעריהמט־הייט...

די ווענט, דער סופעט, דער לאָמפּ און דער טעפּיך אויף דער פּאָדלאָגע, האָבען גענומען ווינקען צו איהר מיט אַ געלעכטער; אַזוי ווי זיי וואָלטען וועלען זאָגען: „האָסט פארזעהן! האָסט פארזעהן!"

מיט אַ געוויין האָט זי זיך אַ וואָרף געטהאָן פון שלאָף־צימער, האָט זיך דורכגעטראָגען אין גאַסט־צימער פארביי עפּעס אַן אונבעקאַנטען מענשען און איז ארייגעלאָפען צום מאַן אין קאַבינעט.

ער איז געלעגען אונבעוועגליך אויף אַ טערקישער זאָפע, צוגעדעקט ביז'ן גארטעל מיט אַ קאָלדרע. זיין פּנים האָט זיך שרעקליך אויסגע־צויגען, איז געוואָרען אָבגעצעהרט און האָט געקראָגען אַ גרוי־געל קאָליר, וועלכען מען זעהט קיין מאָל ניט ביי לעבעדיגע מענשען; און נור נאָכ'ן שטערן, נאָך די שוואַרצע ברעמען און דעם בעקאַנטען שמייכעל האָט מען געקענט דערקענען, אַז דאָס איז דימאָוו.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האָט פיבעריש גענומען טאַפּען זיין ברוסט, דעם שטערן און די הענד. זיין ברוסט איז נאָך געווען וואַרעם, נור דער שטערן און די הענד זיינען געווען אונאַנגענעהם קאַלט. און די האַלב אָפענע אויגען האָבען געקוקט נישט אויף אָלגאַ איוואַנאָוונאַ'ן, נור אויף דער קאָלדרע.

— דימאָוו! — האָט זי איהם גענומען רופען, הויך אויפ'ן קול — דימאָוו!

זי האָט איהם געוואָלט ערקלעהרען, אַז עס איז געווען אַ טעות, אַז נאָך נישט אַלעס איז פערלאָרען, אַז דאָס לעבען קען נאָך ווערען שעהן און גליקלאָך, אַז ער איז אַ זעלטענער, אַ אונגעוועהנליכער, אַ גרויסער מענש, און אַז זי וועט איהר גאַנץ לעבען לאַנג איהם פער־עהרען, וועט איהם פארגעטערען, וועט פיהלען אין זיין געגענוואַרט אַ הייליגען שוידער.

— דימאָוו! — האָט זי איהם גערופען און געטרייסעלט פאַר

די אַקסלען, ניט גלויבענדיג, אַז ער וועט זיך שוין קיין מאָל, קיין מאָל ניט אויפכאַפּען: — דימאָוו, דימאָוו, הער דאָך!

און אין גאַסט־צימער האָט קאראסטעלאָוו גערעדט צו דער דיענסט:

— נו, יאָ, וואָס טויגען די שאלות? איהר געהט אַריבער צום וועכטער פון קלויסטער און פרעגט דאָרט, וואו וואוינען די פרומע שוועסטער. זיי וועלען איהם שוין אָבוואַשען, וועלען איהם טהאָן זיין רעכט — און וועלען בעזאָרגען אַלץ וואָס מען דאַרף.

אריאַדנאַ

אויף דעם דעק פון דאמפפער, וועלכער איז געגאַנגען פון אָדעס קיין סעוואַסטאָפּאָל, איז צו מיר צוגעקומען עפּעס אַ הערר, אַ גאַנץ שעהנער מיט אַ רונד בערדעל, האָט ביי מיר גענומען פייער און געזאָגט:

— בעטראַכט נור די דייטשען, וועלכע זיצען דאָרט נעבען די שפּענער. ווען עס קומען זיך צוזאַמען דייטשען אָדער ענגלענדער, ריידען זיי וועגען פּרייזען אויף וואָל, וועגען גערעטעניש אויף די פּעלדער, וועגען זייערע פּערזענליכע זאַכען; ווען אָבער מיר, רוסישע, קומען זיך צוזאַמען, ריידען מיר שטענדיג נור וועגען פרויען אָדער גאָר הויכע זאַכען. מעהרסטענטהיילס אָבער — וועגען פרויען.

דער פּנים פון דעם דאָזיגען העררן איז מיר שוין געוועזן בעקאַנט. נעכטען האָבען מיר זיך צוזאַמען צוריקגעקעהרט אין איין צוג פון אויסלאַנד, און אין וואָלאָטשיסק האָב איך איהם געזעהן אין צאָהל־הויז אין דער צייט, ווען מען בעקוקט דעם באַגאַזש. ער איז געשטאַנען מיט אַ דאַמע, זיין מיט־רייזענדע. נעבען אַ גאַנצען באַרג קופּער־טען און קערב אָנגעפּילט מיט דאַמען־קליידער און איז געוועזן זעהר צומישט און דערשלאָגען, ווען איהם איז אויסגעקומען צו בעצאָהלען שטייערען פאַר עפּעס אַ זיידענע שטיקעל שמאַטע, און זיין בעגליי־טערין האָט פּראָטעסטירט און געסטראַשעט, אַז זי וועט זיך פאַר עפּעס עמעצען בעקלאָגען; דערנאָך אויפ'ן וועג קיין אָדעס, האָב איך געזעהן, ווי ער האָט אַלע ווייל־ע געטראָגען אין דער פרויען־אָבטהיי־לונג דאָ פּערשיעדענע געבעקס און דאָ פּאָמעראַנצען.

עס איז געוועזן עטוואָס פייכט, האָט אַביסעל געטרייסעלט און די דאַמען זיינען אַוועק צו זיך אין די קאַיוטעס. דער הערר מיט דעם רונד בערדעל האָט זיך געזעצט נעבען מיר און האָט ווייטער גע־רעדט:

—יאָ, ווען רוסישע קומען זיך צוזאמען, ריידען זיי נור וועגען הויכע זאכען און פרויען. מיר זיינען אזוי אינטעליגענט, אזוי וויכ־טיג, אז מיר קענען נור ריידען וועגען וואהרהייטען און פערענטפערען די העכסטע, וויכטיגסטע פראגען. א רוסישער אקטיאָר קען ניט שטיפען, אפילו אין א וואָדעוויל שפּיעלט ער אויך ערנסט און טיעפזיניג; אָט אזוי זיינען מיר: ווען אונז קומט אוים צו ריידען וועגען אונוויכטיגע קליינינקייטען, ריידען מיר וועגען זיי אויך פון א העכערען שטאנד־פּונקט. דאָס איז דערפאר, ווייל אונז פעהלט מוטה, אָפענהערציגקייט און איינפאכקייט. און וועגען פרויען, דאכט זיך מיר, ריידען מיר דער־פאר אזוי אָפט, ווייל מיר זיינען אונבעפרידיגט. מיר קוקען אויף די פרויען צו אידעאליסטיש און שטעלען זיי א סך גרעסערע פאָדערונגען, ווי זיי זיינען אין שטאנד אויסצופיהרען. מיר קריעגען נאָך לאנג ניט דאָס, וואָס מיר פערלאנגען פון זיי, און דער סוף איז: אונבעפרידיג־קייט, צושטערטע האָפנונגען, הארץ־וועהטאָג, און וואָס ביי איינעם טהוט וועה, וועגען דעם רעדט ער. איך איז נישט לאנגווייליג פאָרט־צוזעצען דעם געשפּרעך?

— ניין, ניין.

— אויב אזוי, דאן ערלויבט מיר זיך פאר איך פאָרצושטעלען — האָט געזאָגט דער הערר און האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען: — מיין נאָמען איז איוואן איליטש שאמאָכין, א מאָסקווער גוטס־בעזיצער געוויסער מאָסען..., און אייך קען איך גוט.

ער האָט זיך געזעצט און, אריינגעקוקט מיר פריינדליך און אָפענ־הערציג אין פּנים, האָט ער וויטער גענומען ריידען:

— א מיטלמעסיגער פילאָסאָף, ווי מאקס נאָרדאו, למשל, וואָלט אונזערע שטענדיגע געשפּרעכען איבער פרויען ערקלעהרט פאר א מין עראָטישע משוגעת, אָדער דערמיט, וואָס מיר זיינען שקלאָפען־טריי־בער און אזוי וויטער, איך אָבער קוק אויף דער זאך גאנץ אנדערש. איך זאָג נאָך אמאָל: מיר זיינען נישט בעפרידיגט דערפאר, ווייל מיר זיינען אידעאליסטען. מיר פערלאנגען, אז די בעשעפעניששען, וועלכע ברענגען אונז אויף דער וועלט און געבוירען אונזערע קינדער, זאָלען זיין העכער פון אונז, העכער פון אלעם אין דער וועלט. ווען מיר זיינען יונג, דאן פּאָעטיזירען און פארגעטערען מיר די יעניגע, אין וועלכע מיר פערליעבען זיך; גליק און ליעבע זיינען ביי אונז — איינס. א

שידוך ניט אוים ליעבע, ווערט ביי אונז אין רוסלאַנד פּעראַכטעט, די ליידענשאַפט איז לעכערליך און רופט ארוים אַן עקעל. דעם גרעס־טען ערפאָלג האָבען די דאָזיגע ראָמאַנען און ערצעהלונגען, אין וועלכע די פרויען זיינען שעהן, פּאָעטיש און ערהאַבען, און דערפאַר איז דער רוסישער מענש שוין פון לאַנג אָן בעגייסטערט פון ראַפאַעלס מא־דאָננא, דערפאַר דאגה'ט ער אַזוי שטאַרק וועגען דער פרויען־עמאַנסי־פּאַציאָן און דאָס אַלעס, איך פאַרזיכער אייך, איז ביי אונז ערנסט, ניט געמאַכט. די צרה אָבער בעשטעהט אָט אין דעם.

ווי נור מיר האָבען חתונה אָדער קומען זיך צוזאַמען מיט אַ פרוי געהט נישט אַוועק קיין צוויי־דריי יאָהר און מיר פיהלען זיך שוין אונבעפרידיגט, אָבגענאַרט; מיר קומען זיך צוזאַמען מיט אַנדע־רע און ווידער אונבעפרידיגקייט, ווידער צרות, און סוף כל סוף אי־בערצייגען מיר זיך, אַז די פרויען זיינען פאַלש, קליינליך, אונגערעכט, אונענטוויקעלט, הארט הערציג — מיט איין וואָרט, ניט נור זיינען זיי נישט העכער, נור זיי שטעהן גאָר אָהן אַ מאָס נידעריגער פון אונז, מענער. און אונז, אָבגענאַרטע, אונבעפרידיגטע בלייבט איבער נור איין זאַך, שטענדיג צו קלאָגען זיך און האַלטען אין איין ריידען נור דערפון, אין וואָס מיר האָבען זיך אַזוי ביטער גענאַרט.

בעת שאַמאַכין האָט גערעדט, האָב איך באַמערקט, אַז די רוסי־שע שפראַך און די רוסישע אומגעבונג האָבען איהם פערשאַפט גרויס פערגעניגען. דאָס איז מסתמא דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אין אויס־לאַנד שטאַרק פערבענקט נאָך דער היימאַטה. כאָטש ער האָט גע־לויבט די רוסען און האָט זיי צוגעשריעבען אַ זעלטענעם אידעאַליזם, האָט ער פונדעסטוועגען זיך נישט שלעכט אויסגעדריקט וועגען די אויסלענדער, און דאָס האָט ארויסגערופען סימפּאַטהיע צו איהם.

מען האָט אויך געקענט בעמערקען, אַז ביי איהם אויף דער נשמה איז עפּעס נישט גלאַט און עס ווילט זיך איהם ריידען מעהר וועגען זיך אליין, ווי וועגען די פרויען... איך האָב געזעהן, אַז איך וועל זיך דאָ שוין נישט ארויסדרעהען און וועל מוזען אויסהערען עפּעס אַ לאַנגע מעשה, עהנליך צו די, וועלכע עס דערצעהלען מענשען, ווען זיי זיינען זיך מתודה.

און אין אמת'ן, ווען מיר האָבען פערלאַנגט אַ פלאַש וויין און האָבען אויסגעטרונקען צו גלאָז, האָט ער אָנגעהויבען בזה הלשון:

— עס געדענקט זיך מיר, ווי אין אַ געוויסער ערצעהלונג פון וועלטמאַן׳ען זאָגט עמעצער: „אָט דאָס איז אַ געשיכטע״ און אַ צוויי־טער ענטפערט איהם: — „ניין, ניט דאָס איז די געשיכטע, דאָס איז נור אַן ערקלעהרונג פאַר דער געשיכטע״. אַזוי איז אויך דאָס, וואָס איך האָב ביז אַהער גערעדט, נור אַן ערקלעהרונג, אַ מין פאָרוואָרט, אין אמת׳ן אָבער ווילט זיך מיר אייך דערצעהלען מיין לעצטען ראָמאַן. ענטשולדיגט, איך׳ל פרעגען נאָך אַמאָל: אייך איז נישט לאַנגווייליג צו הערען?

— איך האָב געזאָגט, אַז מיר איז נישט לאַנגווייליג און ער האָט ווייטער גערעדט:

— די האַנדלונג קומט פאָר אין מאָסקווער גובערניע, אין איינעם פון די נאָרדליכע דיסטריקטען. די נאַטור, מוז איך אייך זאָגען, איז דאָ אַ וואונדערבאַרע. אונזער גוט געפינט זיך אויף אַ הויכען ברעג פון אַ שנעל פליסענדען טייכעל, אויף דעם אָרט, וואו דאָס וואַסער רוישט טאָג און נאַכט... שטעלט זיך פאָר אַ גרויסען, אַלטען סאָד, געמיטהליכע בלומען־בעעטען, אַ בינשטאָק, אַ גאָרטען... אונטען איז דער טייך מיט געפלאָכטענע וואַסער פלאַנצען. בעת עס פאַלט אַ סך טהוי, זעהט אוים דער טייך, מאַט, בלאַס, אַזוי ווי ער וואָלט גרוי ווערען, און אויף יענער זייט איז די לאָנקע, און הינטער דער לאָנקע, אויף דעם בערגעל, איז אַ מורא׳דיגער, דונקעלער וואַלד. אין דעם דאָזיגען וואַלד ווערען געבאָרען מאַסענווייז ריזשיקעם; און וואו דער וואַלד איז גאָר געדיכט, האַלטען זיך אויף ערלען־טהירע.

— איך וועל שטאַרבען, מען וועט מיך פאַרשיטען אינ׳ם קבר און מיר וועט זיך אַלץ, דאַכט זיך, חלומ׳ען יענע פריה־מאָרגענס, ווען די אויגען טהוען וועה פון דער זון, אָדער די וואונדערבאַרע פריהלינגס אבענדען, ווען אין סאָד און הינטער׳ן סאָד זינגען די נאַכטיגאַלען, און פון דאָרף דערטראָגען זיך טענער פון אַ האַרמאָניקע... אין הויז שפיעלט מען פיאַנאָ, דער טייך רוישט... מיט איין וואָרט, עס איז אַזאַ מוזיק, אַז עס ווילט זיך אי וויינען, אי הויך אויפ׳ן קול זינגען.

— אונזער אַקער־פעלד איז נישט קיין גרויסער, דערפאַר זיינען אָבער דאָ לאָנקעס און וואַלד, וועלכע ברייינגען יעדען יאָהר אַריין אַ רובעל צוויי טויזענד. איך בין אַן איין אייינציגער זוהן ביי מיין פאָטער

מירביידע זיינען גאַנץ בעשיידענע מענשען, און דיזעס געלד צוזאַמען מיט דעם פאָטער'ס פענסיע האָט אונז געסטאַיעט אויף אַלעס.

די ערשטע דריי יאָהר נאָכדעם, ווי איך האָב געענדיגט דעם אוני־ווערזיטעט, האָב איך אָבגעלעבט אין דאָרף, זיך פערנומען מיט דער בעל הבית'ישקייט און אַלץ געוואַרט אויף אַ שטעלע, הויפּטזעכליך אָבער בין איך געווען פערליעבט אין אַ אונגעוועהנליך שעהנער און רייצענדער מיידעל. זי איז געווען די שוועסטער פון מיין שכן, דעם גוטס־בעזיצער קאָטלאָוויטש, אַ געפּאַלענער פּריץ, ביי וועמען אויפ'ן גוט האָבען זיך געפונען אַנאַנסען, די פיינסטע פּערסיסקעס, בליצאָב־לייטערס, אַ פאָנטאַן אין מיטען און אין דערזועלבער צייט האָט ער נישט געהאַט אַ קאָפּיקע ביי דער נשמה. ער האָט גאָרנישט געטהאָן, גאָר נישט געקענט און איז אין גאַנצען געווען עפּעס אַ מאָדנער. ער האָט געהיילט די פּויערים מיט גאָמעאָפּאַטיע און זיך פערנומען מיט ספּיריטואַליזם. בכלל איז ער געווען אַ עדעלער מענש, אַ ווייכער און ניט קיין נאַרישער. נור מיר ציהט עפּעס נישט דאָס הארץ צו מענשען, וועלכע פערברענגען מיט גייסטער און היילען ווייבער מיט מאַגנעטען. ערשטענס, איז ביי מענשען, וועלכע זיינען גייסטיג ניט פריי, דער מוח אָביסעל צופלאָנטערט און, צווייטענס, האָבען זיי געוועהנליך קיינעם ניט ליעב, לעבען ניט מיט קיין פרויען און די דאָזיגע גע־היימניספולקייט ווירקט אויף איינדרוקספולע מענשען זעהר אונאָנ־גענעהם. זיין אויסזעהן איז מיר אויך נישט געפעלען געווען. ער איז געווען הויך, דיק, ווייס, מיט אַ קליינעם קאָפּ, קליינע, בילסטשענדיגע אויגען און ווייסע, ווייכע פינגער. ער האָט אייך נישט געדריקט די האַנד נור געקנייטשט און האָט זיך שטענדיג געהאַלטען אין איין ענט־שולדיגען. האָט ער ביי אייך עפּעס געבעטען, איז גלייך — ענטשול־דיגט, האָט ער אייך עפּעס געגעבען, איז ווידער אמאָל — ענטשול־דיגט.

— זיין שוועסטער איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער סאָרט מענש. איך מוז אייך באַמערקען, אין דער קינדהייט און יוגענד בין איך נישט בעקאַנט געווען מיט די קאָטלאָוויטשעס, ווייל מיין פאָטער איז געווען אַ פּראָפעסאָר אין נ..., און מיר האָבען אַ לאַנגע צייט געוואוינט אין דער פּראָווינץ. ווען איך בין מיט זיי בעקאַנט געוואָרען, איז דאָס מיידעל שוין אַלט געווען צוויי און צוואַנציג יאָהר, זי האָט שוין דאַן

לאַנג געהאַט געענדיגט דעם אינסטיטוט און האָט שוין געהאַט גע־וואוינט אַ צוויי־דריי יאָהר אין מאָסקווע ביי אַ רייכער מוהמען, וועל־כע האָט זי ארויסגעפיהרט אין געזעלשאַפט.

— ווען איך האָב זיך מיט איהר בעקאַנט און מיר איז צום ערשטען מאָל אויסגעקומען מיט איהר צו ריידען, האָט אויף מיר פריה־ער פון אַלץ געמאַכט אַן איינדרוק איהר זעלטענער און שעהנער נאָ־מער — אריאַדנאַ. דער דאָזיגער נאָמען האָט איהר אַזוי געקליידט! דאָס איז געווען אַ ברונעטקע, זעהר אַ מאָגערע, זעהר אַ דינע, אַ בוי־געדיגע, אַ גלייכע, אַ מערקווירדיג גראַציעזע, מיט וואונדער־שעהנע, עדעלע געזיכטס־ציגע. ביי איהר האָבען די אויגען אויך געבלישטשעט, אָבער ביי דעם ברודער איז דער גלאַנץ געווען אַ קאַלטער און אַ זיס־לאַכער, ווי אַן אייז־קיכעל, און אין איהר בליק האָט געשטראַהלט די יוגענד, אַ שעהנע און אַ שטאָלצע. זי האָט מיך בעזיגט נאָך אין ערש־טען טאָג פון אונזער בעקאַנטשאַפט... און עס האָט נישט געקענט זיין אַנדערש. די ערשטע איינדריקע זיינען אַזוי מעכטיג, אַז איך קען זיך נאָך ביז היינט נישט צושיידען מיט די איליוזיאָנען, און מיר דאַכט זיך נאָך אַלץ, אַז די נאַטור, בעשאַפענדיג דיעזע מיידעל, האָט געהאַט עפּעס גאַר אַ בעזונדערע, אַ מערקווירדיגע אַבזיכט.

— אריאַדנאַס קול, איהרע טריט, די הוט, און אפילו די שפּורען פון איהרע פּיסעלאַך אויפ'ן זאַמדיגען ברעג, וואו זי האָט פיש גע־כאַפּט, האָבען אין מיר ארויסגערופען פרייד און אַ ליידענשאַפטליכען דורשט נאָך דעם לעבען. נאָך איהר שעהנעם פּנים נאָך און די שעהנע פאָרמען האָב איך מיר צוזאַמענגעשטעלט אַ בעגריף וועגען איהר אין גאַנצען, און יעדעס וואָרט, יעדער שמייכעל פון אריאַדנאַס ליפּען האָבען מיך בעגייסטערט, מיך אָבגעקויפט און געצוואונגען פאָראויס־זעהן אין איהר אַ ערהאַבענע, עדלע נשמה. זי איז געווען פריינדליך, רעדעוודיג, פרעהלאַך און איינפאַך אין איהר האַלטונג. האָט פּאָעטיש אין גאָט געגלויבט, פּאָעטיש גערעדט וועגען טויט און איהר גייסטיגע וועלטעל איז געווען אַזוי פיעל־זייטיג און רייך, אַז אפילו די פעהלערען איהרע האָט זי געקענט צוגעבען עפּעס גאַר בעזונדערע, חן'עוודיגע איינענשאַפטען. עס האָט זיך איהר פאַרוואָלט, לאָמיר זאָגען, האָבען אַ נייעם פערד, און קיין געלד איז נישטאָ, איז אויך קיין אומגליק נים. מען קען עפּעס פערקויפען, אָדער פערזעצען און אויב דער פערוואַל־

טער שווערט זיך, אַז עס איז גאָר נישט נישטאָ, נישט צו פערקויפען און ניט צו פערזעצען, דאַן קען מען אראָבברייסען פון די געביידעס די אייזערנע דעכער און עס מאַכען צו געלד... אָדער אין גאָר דער הייסער צייט כאַפּען די ארבייטס־פערד, זיי ארויסטרייבען אויפ'ן מאַרק און דאָרט פערקויפען פאַר אַ גאָרנישט, פאַר אומזיסט...

די דאָזיגע ווילדע קאַפּריזען האָבען צייטענווייז אַלעמען אינ'ם גוט פערצווייפעלט געמאַכט, זי אָבער האָט עס אַלעס געטהאָן מיט אַזוי פיעל שעהנקייט, אַז סוף כל סוף האָט מען איהר אַלעס פאַרגעבען, אַלעס ערלויבט, ווי אַ געטין, אָדער ווי אַ קעניגין.

— מיין ליעבע צו איהר איז געווען זעהר ריהרענד און אַלע ארום האָבען עס גלייך באַמערקט: אי מיין פאָטער אי די שכנים, אי די פויערים. און אַלע האָבען מיט מיר מיטגעפיהלט.

און האָט זיך געטראָפען, אַז איך פלעג אַמאָל טראַקטירען די ארביי־טער מיט בראָנפען, האָבען זיי זיך גענייגט און מיר געוואונשען:

— זאָל אייך גאָט געבען, איהר זאָלט חתונה האָבען מיט דער קאָטלאָוויטשער פריילין.

און אריאַדנא אַליין האָט אויך געוואוסט, אַז איך ליעב זי. זי פלעגט אָפט קומען צו אונז רייטענדיג און מאַנכעס מאָל פערברייננגען גאַנצע טעג מיט מיר און מיט'ן פאָטער.

מיט מיין אַלטען פאָטער האָט זי זיך זעהר בעפריינדעט און ער האָט איהר אפילו אויסגעלערנט פאָהרען אויף אַ וועלאָסיפעד, — דאָס איז געווען זיין בעסטער צייט פערטרייב. איך געדענק, ווי איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט האָבען זיי זיך געקליעבען דורכצופאָהרען זיך און איך האָב זי ארויסגעזעצט אויף דעם וועלאָסיפעד. אין יענער צייט איז זי געווען אַזוי שעהן, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך פערברען זיך די הענד, צוריהרענדיג זיך צו איהר... איך האָב זיך געטרייסעלט פאַר ענטציקונג, און, ווען זיי ביידע, דער פאָטער און זי, שעהנע, גראַציעזע, האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן איבער'ן שאָסעי און דער וואָ־רנער פערדעל, אויף וועלכען עס איז געפאָהרען דער פערוואַלטער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אָן אַ זייט, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז דאָס פערד איז דערפאַר אַזוי אָבגעשפרונגען, ווייל ער איז אויך צומישט געוואָרען פון איהר שעהנהייט.

— מיין ליעבע און פערגעטערונג האָבען געריהרט אריאַדנאַ'ן,

האָבען ביי איהר ארויסגערופען מיטלייד און איהר האָט זיך זעהר געוואָלט מיר ענטפערען מיט ליעבע און אליין אויך זיין בעצויבערט, אזוי ווי איך. דאָס איז דאָך אזוי פּאָעטיש!

— אָבער ליעבען אויף אַן אמת׳ן, אזוי ווי איך, האָט זי נישט געקענט, ווייל זי איז געווען אַ קאַלטע נאַטור און אַ שעהן ביסעל פערדאָרבען. אין איהר איז שוין געזעסען דער טייפעל, וועלכער האָט איהר טאָג און נאַכט געשעפּצעט, אַז זי איז רייצענד, געטליך... און כאָטש זי האָט נאָך אויף קלאָהר נישט געוואוסט צו־וואָס אייגענטליך זי איז בעשאַפען געוואָרען און צו־וואָס זי לעבט, האָט זי זיך פון דעכטווענען פאָרגעשטעלט אין דער צוקונפט ניט אַנדערש, נור אלס רייכע, בעריהמטע דאַמע; איהר האָבען זיך גע׳חלום׳ט בעלער, רייסעס, אַ רייכער גאַסט־צימער, איהר אייגענער סאַלאָן, אַ מאַסע גראַפען, פירסטען, אָבגעאָרדנעטע, בעריהמטע מאַהלער און קינסטלער... און זיי אַלע פערגעטערען זי, בעגייסטערען זיך פאַר איהר שעהנהייט, איהרע טואַלעטען...

דער דאָזיגער דורשט נאָך מאַכט און פערזענליכע ערפאָלגען און דאָס שטענדיגע טראַכטען אין איין ריכטונג מאַכט מענשען קאַלט, און אריאדנא איז אויך געווען קאַלט: אי צו מיר, אי צו דער נאַטור, אי צו מוזיק. די צייט איז דערווייל געגאַנגען און קיין געזאַנדעטע האָבען זיך אַלץ נאָך נישט געוויזען. אריאדנא האָט נאָך געלעבט ביי איהר ברודער, דעם ספּיריטואַליסט, די געשעפטען זיינען געוואָרען אַלץ ערגער, אַזוי, אַז זי האָט פּשוט נישט געהאַט פאַרוואָס זיך צו קויפען אַ קלייד אָדער אַ הוט און מען האָט געדאַרפט כיטרעווען און זיך דרעהען אויף אַלע זייטען, אום צו בעהאַלטען די אָרימקייט.

אַזוי ווי אומיסטנע, האָט זיך צו איהר, ווען זי האָט געוואוינט אין מאָסקווע ביי דער טאַנטע, גע׳שדכנ׳ט אַ געוויסער פירסט מאַקטויעוו, אַ מענש אַ רייכער, אָבער אַ גאַנץ אונבעדייטענדער, זי האָט איהם גלייך ענטזאַגט. אַצינד אָבער האָט איהר צייטענווייז געטאָטשעט אַ וואָרעם פון חרטה: וואָרום האָט זי יענעם ענטזאַגט? און אזוי ווי דער רוסישער פּויער קרימט זיך מיט עקעל אויף דעם קוואַס מיט פּרייסען און טרינקט איהם פון דעסטוועגען פאָרט, אזוי האָט זי זיך אויך געקרימט מיט עקעל ביי דער עראינערונג וועגען פירסט און דאָך פלעגט זי מיר זאָגען:

— זאָגט זיך, וואָס איהר ווילט, אין אַ טיטול איז דאָ עטוואָס רייצענדעס, וואָס לאָזט זיך נישט ערקלעהרען....

זי האָט גע'חלום'ט וועגען אַ טיטול, וועגען גלאַנץ, נור אין דער־זעלבער צייט האָט זיך איהר מיך אויך נישט געוואָלט איינלאָזען. חלום היינט און חלום מאָרגען פון געזאַנדטע, דאָס האַרץ איז פאַרט נישט קיין שטיין און די אייגענע יוגענד איז אַ גרויסער שאָד. אַריאַדנא האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרליעבען, אָן אַנשטעל געמאַכט, אַז זי ליעבט און זיך אפילו מיר געשוואָרען אין ליעבע. נור איך בין אַ מענש, אַ נערוועזער, אַ צאַרטפיהלענדער; ווען מען ליעבט מיך, פיהל איך עס גלייך אָהן פערזיכערונגען און שבועות אויך... דאָ אָבער האָט אויף מיר געבלאָזען מיט קעלט, און ווען זי האָט צו מיר גערעדט פון ליעבע, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך הער דעם געזאַנג פון אַ מעטאַלענעם נאַכטיגאַל...

אַריאַדנא אליין האָט געפיהלט, אַז איהר פעהלט פייער, איהר האָט עס פערדראָסען און איך האָב נישט איין מאָל געזעהן ווי זי האָט גע־וויינט.

— און דאָ, שטעלט זיך פאָר, נעהמט זי מיך פּלוצים איינמאָל שטאַרק אַרום און טהוט מיך אַ קוש — דאָס האָט פּאַסירט אין אָבענד אויף דעם ברעג פונ'ם טייך — איך האָב געזעהן אין איהרע אויגען, אַז זי ליעבט מיך נישט, אַז זי האָט עס געטהאָן אויס נייגעריגקייט, אום זיך אליין אויסצופּרובירען: אַ שטייגער, ווי צו זעהן, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. און מיר איז געוואָרען מורא'דיג. איך האָב זי אָנ־גענומען פאַר די הענד און געזאָגט מיט פערצווייפלונג:

— דיעזע לאַסקעס אָהן ליעבע טהוען מיר וועה... זייט פערשאַ־פען מיר שמערצען!

— וואָס פאַר אַ מאָדנער איהר זייט! — האָט זי געזאָגט מיט פערדרוס און איז אָבגעטראָטען.

וואהרשיינליך וואָלט אַריבער נאָך אַ יאָהר־צוויי יאָהר איך וואָלט מיט איהר חתונה געהאַט און דערמיט וואָלט זיך געענדיגט דיעזע גע־שיכטע, אָבער דעם שיקזאַל האָט זיך געוואָלט מאַכען אונזער ראָמאַן גאָר אויף אַן אַנדער אופן.

עס האָט פּאַסירט אַזוי, אַז אויף אונזער האָריזאָנט האָט זיך בעוויזען אַ נייע פּאַרשוין. צו אַריאַדנא'ס ברודער איז געקומען צו

גאַסט זיינער אַ חבר נאָך פון אוניווערזיטעט, מיכאיל איוואַניטש לוב־
קאָוו, אַ וואוילער מענש, ווענען וועלכען די קוטשערס און לאַקעיען האָ־
בען גערעדט, אַז ער איז: „אַ קאָמישער הערר!״

ער איז געווען פון מיטעלוואוקס, אַ מאָגערינקער, אַ פליכעוואַ־
טער, דאָס פנים, ווי ביי אַ גוטען בורזשואַ, ניט קיין אינטערעסאַנטער,
נור אַן אַנשטענדיגער, בלייכער מיט הארטע געצערטעלטע וואָנצעס,
אויפ׳ן האַלז אַ גענזענע הויט מיט בלאַטערן, דער קאָפּ, ווי אַ עפּעל.
ער האָט געטראָגען פענסנע אויף אַ ברייטער שווארצער טאַשמע,
האָט גערעדט אַביסעל אונטער דער נאָז און האָט נישט אויסגערעדט
ניט דעם בוכשטאַב ר. ניט דעם — ל. ער איז שטענדיג געווען פרעה־
לאַך, אַלעס איז פאַר איהם געווען קאָמיש. חתונה געהאַט האָט ער
אונגעוועהנליך נאַריש, צו אַ יאָהר צוואַנציג. אַלס נדן האָט ער געקראָ־
גען צוויי הייזער אין מאָסקווע. ער האָט זיך פערנומען מיט פעררייכטען
און בויען בעדער און איז אין גאַנצען רואינירט געוואָרען. אַצינד
האָט זיין ווייב מיט פיער קינדער געוואוינט אין אַ ביליגען האָטעל,
האָבען געליטען נויטה און ער האָט זיי געדארפט אויסהאַלטען —
אָבער דאָס איז איהם אויך געווען קאָמיש און דערפון האָט ער אויך
געלאַכט.

ער איז אַלט געווען 36 יאָהר און זיין ווייב 42, — און דערפון
האָט ער אויך געלאַכט. זיין מוטער, אַ בעריהמערין, אַן אָנגעבלאָזענע
פרוי מיט פריצישע פרעטענזיעס, האָט פעראַכטעט זיין ווייב און גע־
לעבט בעזונדער מיט אַ גאַנצער באַנדע הינט און קעץ, און ער האָט
בעזונדער געמוזט צאָהלען 75 רובעל אַ חדש. אליין איז ער געווען
אַ מענש מיט אַ רייכען געשמאַק, האָט געליעבט צו עסען זיין פריהש־
טיק און מיטאָג אין ערמיטאַזש; געלד האָט ער בעדארפט אַ סך, נור
דער פעטער זיינער האָט איהם געגעבען בלויז צוויי טויזענד רובעל
אַ יאָהר, דאָס האָט נישט געסטאַיעט און ער פלעגט גאַנצענע טעג
אַרומלויפען איבער מאָסקווע מיט אַן ארויסגעשטעקטער צונג, זוכען
וואו צו כאַפּען עפּעס אַ גמילות חסד — דאָס איז איהם געווען קאָמיש.
און ער האָט דערפון אויך געלאַכט.

צו קאַטלאַוויטש׳ען איז ער געקומען, ווי ער האָט זיך אויסגע־
דריקט, אָבצורוהען זיך אויף דער נאַטורס שויס פון זיין פאַמיליען־
לעבען.

ביים מיטאָג, ביין אָבענד־עססען, אויף די שפּאַציר־גענג האָט ער אונז געהאַלטען אין איין דערצעהלען וועגען זיין ווייב, זיין מאַמען, די קרעדיטאָרען, דעם געריכטס אנוואַלט און האָט פון זיי אַלעמען געלאַכט. ער האָט אויך געלאַכט איבער זיך אליין און האָט אונז פערזיכערט, אז צוליעב זיין פעהיגקייט צו לייהען געלד, האָט ער זיך ערוואָרבען א סך אינטערעסאַנטע בעקאַנטשאַפטען.

ער האָט געלאַכט אָהן אויפהער און מיר האָבען אויך געלאַכט מיט איהם. מיט איהם האָבען מיר די צייט אויך גאָר אַנדערש גענומען פערברייגגען. איך בין געווען מעהר גענייגט צו שטילע, פּאָעטישע פערגעניגענס; איך האָב ליעב געהאַט כאַפּען פיש, פאַרנאַכטיגע שפּאַציר־גענג און געהן קלייבען שוועמלאַך; לובקאָוו, אָבער האָט פאָרגעצויגען פּיק־ניקס, פייערווערק און געהן אויף געיעג מיט יאַכט הינד. אמאָל דריי אין וואָך האָט ער געמאַכט פּיק־ניקס און אריאַדנא פלעגט מיט א ערנסטען און פייערליכען פּנים פערשרייבען אויף א שטיקעל פּאַפּיר אויסטער'ס, שאַמפּאַניער, קאָנפעקטען און פלעגט מיך שיקען נאָך די אַלע דאָזיגע זאַכען אין מאָסקווע, ניט פרעגענדיג ביי מיר, זעלבסט פערשטענדליך, צו האָב איך געלד, צו נישט.

און אויף די פּיק־ניקעס טאָסטען, געלעכטער און ווידער לעבעדיגע פרעהליכע מעשה'לאַך וועגען דעם, ווי אַלט זיין ווייב איז, וואָס פאַר א פעטע הינטלאָך זיין מאַמע האָט און וואָס פאַר א ליעבע מענשען די קרעדיטאָרען זיינען...

לובקאָוו האָט געליעבט די נאַטור, נור ער האָט געקוקט אויף איהר, ווי אויף עפּעס, וואָס איז שוין לאַנג בעוואוסט, און דערצו נאָך ווי אויף א זאַך, וואָס איז געשטאַנען אָהן מאָס נידעריגער פון איהם און איז בעשאַפען געוואָרען נור פון זיין פערגעניגען וועגען.

מאַנכעס מאָל פלעגט ער זיך אָבשטעלען פאַר א וואונדערשעהנעם נאַטור־בילד און פלעגט זאָגען: „אָט דאָ וואָלט ניט געשאַדט צו טרינקען טהעע!"

איין מאָל, דערזעהענדיג אריאַדנא'ן, וועלכע איז געגאַנגען פון וויטען מיט א שירעם, האָט ער אָנגעוויזען אויף איהר מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

— זי איז מאָגער, און דאָס געפעהלט מיר. איך האָב נישט ליעב קיין פעטע פרויען.

מיך האָט עס דורכגעשטאָכען. איך האָב איהם געבעטען, אז אין מיין געגענוואַרט זאָל ער זיך נישט אויסדריקען וועגען פרויען אין אזא טאָן. ער האָט אויף מיר פערוואונדערט א קוק געטהאָן און געזאָגט:

— וואָס אַזוינס קען זיין שלעכטעס אין דעם, וואָס איך ליעב מאָ־גערע און קען ניט ליידען קיין פעטע?

— איך האָב איהם גאָר נישט געענטפערט. דערנאָך זייענדיג עפּעס אמאָל זעהר גוט אויפגעלעגט און אביסעלע אָנגעסנאָסקעט, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב באַמערקט, אז איהר געפעהלט אריאדנא'ן. איך קוק אויף אייך און וואונדער זיך, פאַרוואָס שווייגט איהר, וואָס גענעצט איהר?

מיר איז פון זיינע ווערטער געוואָרען אונאַנגענעהם, און ווערענ־דיג צומישט, האָב איך איהם ערקלעהרט מיין בליק אויף ליעבע און די פרויען.

— איך וויים נישט — האָט ער א זיפץ געטהאָן — נאָך מיין מיינונג נאָך איז די פרוי א פרוי, און דער מאַן א מאַן. זאָל זיין, אז אריאַדנא גריגאָריעוונא איז, ווי איהר זאָגט, א פּאָעטישע, ערהאבענע פרוי, דאָס אָבער בעווייזט דאָך נישט, אז זי דאַרף שטעהן אויסער דעם געזעץ פון דער נאַטור. איהר זעהט דאָך, אז זי איז שוין אין אזא עלטער, ווען זי מוז האָבען א מאַן אָדער א געליעבטען... איך אַכטע די פרויען ניט וועניגער פון אייך, נור איך דענק, אז געוויסע פער־העלטניסע שליסען ניט אוים קיין פּאָעזיע. די פּאָעזיע איז איין זאַך, און א געליעבטער איז אַן אנדער זאַך. פונקט אזוי, ווי אין א דאָרפי־שער בעל הבית'ישקייט: די שעהנהייט פון דער נאַטור איז זיך איין זאַך, און דער איינקונפט פון די פעלדער און וועלדער איז ווידער אמאָל אַן אנדער זאַך.

ווען איך און אריאַדנא האָבען געכאַפּט פיש, איז לובקאָוו געלעגען דערביי אויף דעם זאַמד און האָט פון מיר חוזק געמאַכט, אָדער ער האָט מיך געלערנט, ווי צו לעבען.

— איך וואונדער זיך, ווי אַזוי איהר, מיין העדר, קענט לעבען אָהן א ראָמאַן! — האָט ער גערעדט — איהר זייט יונג, שעהן, אינ־טערעסאַנט, א מאַן פון מענער לאַגד, און לעבט, ווי אין א קלויסטער. אָך, האָב איך זיי ליעב, אָט די דאָזיגע אַלטע לייט צו 28 יאָהר!

איך בין כמעט מיט צעהן יאָהר עלטער פון איך, און ווער פון אונז איז אינגער? אריאדנא גריגאָריעוונא, ווער?

— געוויס איהר! — האָט איהם געענטפערט אריאדנא.

און ווען איהם האָט דערעסען אונזער שווייגען און די אויפמערק־זאמקייט, מיט וועלכער מיר האָבען געקוקט אויפ'ן וואסער, און ער איז אין הויז אוועק, האָט זי געזאָגט, קוקענדיג אויף מיר בייז:

— ווירקליך, איהר זייט גאָרנישט קיין מאַן נור עפּעס א מין צוקראָכענע בעשעפעניש, גאָט זאָל מיר מוחל זיין. א מאַן דארף זיך הינרייסען, אָבטהאָן משוגענע שטיק, מאכען טעות'ן, ליידען! א פרוי וועט אייך מוחל זיין א פרעכהייט, אי אונפערשעהמקייט, זי וועט אייך אָבער קיין מאָל ניט מוחל זיין פאר אייער אויסגערעכענטקייט.

זי איז ניט אויף קאַטאָוועס אין כעס געווען און האָט ווייטער גערעדט:

— אום צו האָבען ערפאָלג, דארף מען זיין מוטהיג און דרייסט. לובקאָוו איז נישט אזוי שעהן, ווי איהר, נור ער איז אינטערעסאנטער פון אייך און וועט אימער האָבען ערפאָלג ביי פרויען, ווייל ער איז נישט געראָטען אין אייך, ער איז א מאַן...

און עפּעס א מין פערביטערטקייט האָט זיך געהערט אין איהר קול.

איין מאָל ביים אבענד־עסען האָט זי, זיך ניט ווענדענדיג צו מיר, גענומען ריידען וועגען דעם, אז ווען זי זאָל זיין א מאַן, וואָלט זי ניט פערזויערט געוואָרען אין דארף, נור וואָלט אוועקרייזען, און ווינטער וואָלט זי געלעבט וואו־עס־איז אין אויסלאנד, אין איטאליע, למשל. אך, איטאַליען...

דאָ האָט מיין פאָטער ניט ווילענדיג צוגעגאָסען אויל אויף דעם פייער; ער האָט לאַנג דערצעהלט וועגען איטאליען, ווי גוט דאָרט איז, וואָס פאר וואונדערבארע נאַטור, וועלכע מוזעען! אין אריאדנא'ן האָט פּלוצים גענומען ברענען א פערלאַנג צו פאָהרען קיין איטאַליען...

—פאָהרען!—האָט זי א קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פויסט איבערן טיש און איהרע אויגען האָבען גענומען פלאַמען: פאָהרען!

און עס זיינען אוועק דערנאָך געשפּרעכען, ווי גוט עס וועט זיין אין איטאַליען — אך איטאַליען, אך און עך — און אזוי יעדען טאָג. און ווען אריאדנא האָט געקוקט איבער מיינע אקסלען, האָב איך נאָך

דעם קאַלטען איינגעשפּאַרטען אויסדרוק געזעהן, אַז אין איהרע חלומות האָט זי שוין בעהערשט איטאַליען מיט אַלע איהרע סאַלאָנען, מיט די בעריהמטע אויסלענדער און טוריסטען און אַז איינהאַלטען זי איז שוין אונמעגליך. איך האָב איהר געראַטען אָבצוּוואַרטען אַ ביסעל, אָבלייגען די רייזע אויף אַ יאָהר צוויי, זי האָט זיך נור געקרימט מיט עקעל און געזאָגט:

— איהר זייט אויסגערעכנט, ווי אַן אַלטע באָבע.

לובקאָוו איז גראַדע געווען פאַר דער רייזע. ער האָט געזאָגט, אַז עס וועט קאָסטען זעהר ביליג און אַז ער וועט אויך מיט פערגעניגען פאָהרען קיין איטאַליען, אָברוהען זיך דאָרט פונ'ם פאַמיליען־לע־בען.

איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך האָב זיך געהאַלטען נאַאיוו, ווי אַ גימנאַזיסט. ניט אויס איפּערזוכט, ניין, נור דאָס הארץ האָט מיר פאָראויסגעזאָגט עטוואָס שרעקליכעס, אונגעוועהנליכעס און איך האָב זיך געסטאַרעט, ווי וויט מעגליך זיי ניט צו לאָזען אליין... זיי האָבען זיך פון מיר אויסגעלאַכט און ווען איך פלעג אריינקומען, פלעגען זיי מאַכען אַן אָנשטעל, ווי זיי וואָלטען זיך נור וואָס געהאַט געקושט און אַזוי ווייטער.

איין מאָל, אַ אין דער־פריה, קומט צו מיר איהר ווייכער, ווייסער ברודער, דער ספּיריטואַליסט און דריקט אויס אַ פערלאַנג צו רעדען מיט מיר אויג אויף אויג. דאָס איז געווען אַ מענש אָהן אַ ווילען; ניט קוקענדיג אויף זיין ערציהונג און די עדעלע מאַניערען, האָט ער זיך פון דעסטוועגען בשום אופן נישט געקענט איינהאַלטען פון איבער־צולעזען אַ פרעמדען בריעף, ווען עס איז געלעגען פאַר איהם אויפ'ן טיש. און איצט ריידענדיג מיט מיר, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער האָט נישט ווילענדיג איבערגעלעזען לובקאָוו'ס אַ בריעף צו אריאַדנאַ'ן.

פון דעם דאָזיגען בריעף האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זי פאָהרט אין גיכען אוועק קיין אויסלאַנד.

— מיין ליעבער פריינד, איך בין זעהר אויפגערעגט, אונרוהיג! ערקלעהרט מיר, אום גאָטעס ווילען, וואָס דאָ טהוט זיך, איך הויב גאָר נישט אָן צו פערשטעהן!

און געזאָגט עס, האָט איהר ברודער געאָטהעמט שווער, געאָט־

העמט גלייך אין פּנים אריין, און פון איהם האָט געשמעקט מיט נע־קאָכטען פלייש.

— ענטשולדיגט, איך עפּען פאר אייך דאָס געהיימניס פון דיעזען בריעף — האָט ער ווייטער גערעדט — נור איהר זייט דאָך אריאַדנאַ'ס א פריינד, זי אכטעט אייך! אפשר איז אייך עפּעס בעקאַנט. זי וויל פאָהרען, אָבער מיט וועמען? הערר לובקאָוו קלייבט זיך אויך מיט איהר צו פאָהרען. ענטשולדיגט, אָבער דאָס איז עפּעס מאָדנע פון לובקאָוו'ס זייט. ער—א פערהייראַטהער מאַן א פאָטער פון קינדער, און דאָ ערקלעהרט ער זיך גאַר אין ליעבע, שרייבט צו אריאַדנאַ'ן „דו". ענטשולדיגט, נור דאָס איז זעהר מערקווירדיג!

א קעלט איז איבער מיר אריבער, הענד און פיס האָבען מיר אָבגענומען און אין ברוסט האָב איך דערפיהלט א וועהטאָג, ווי מען וואָלט מיר דאָרט א דרייעקיגען שטיין אריינגעלעגט. קאָטלאָוויטש איז אָהן קרעפטען געפאַלען אויף א פאָטעל און די הענד זיינען ביי איהם געבליבען הענגען, ווי פלעקער.

— וואָס־זשע קען איך טהאָן? — האָב איך געפרעגט.

— איהר ערקלעהרען, זי איבערצייגען... טהוט אליין א טראכט: וואָס פאר א מחותן איז מיט איהר לובקאָוו? איז ער דען פאר איהר א פּאָאַר? אך, מיין גאָט, ווי שרעקליך דאָס איז, ווי שרעקליך! — האָט ער ווייטער גערעדט און זיך געכאַפּט פאר'ן קאָפּ: — שטייט, זי קען טהאָן אזא טהייערען שידוך, מיט מאַקטועוו'ן אָדער... אָדער מיט אַן אנדערען. דער פירסט געהט אוים נאָך איהר און ערשט דאָ ניט לאַנג, פאַראכטאָגען מיטוואָך האָב איך געזעהן דעם גייסט פון זיין טויטען זיידען אילאַריאָן, און ער האָט מיך פערזיכערט, אזוי ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אז אריאַדנא וועט זיין דעם פירסט'ס פרוי! זיין זיידע אילאַריאָן איז אפילו א טויטער, אָבער ער איז א מערק־ווירדיג קלוגער מענש. זיין גייסט רופען מיר ארוים יעדען טאָג.

נאָך דעם דאָזיגען געשפּרעך בין איך נישט געשלאָפען א גאַנצע נאַכט, האָב זיך געוואָלט דערשיסען. אין דער פריה האָב איך אָנגע־שריעבען פינף בריעף און זיי אַלע צוריסען אויף ברעקלאך, דערנאָך בין איך אוועק אין שייער, האָב זיך דאָרט גוט אויסגעוויינט, און דער־נאָך האָב איך גענומען ביים פאָטער געלד און בין אוועק אין קאַווקאַז נישט זעגענענדיג זיך.

געוויס, אַ פרוי איז אַ פרוי, און אַ מאַן איז אַ מאַן, אָבער שוין־זשע איז אין אונזער צייט נאָך אַלעס אַזוי איינפאַך, ווי עס איז גע־ווען נאָך פאַר נח'ס תבה, און שוין־זשע דאַרף איך, אַ גייסטיג ענט־וויקעלטער מענש, זיך ערקלעהרען מיין שטאַרקע ליעבע צו אַ פרוי נור מיט דעם, וואָס די פאָרמען פון איהר קערפּער זיינען אַנדערע, ווי מיינע? אַך, ווי שרעקליך דאָס וואָלט געווען! מיר ווילט זיך טראַכטען, אַז דער מענש, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געקעמפּפט מיט דער נאַטור, האָט אויך געקעמפּפט מיט דער פיזישער ליעבע, ווי מיט זיינעם אַ שונא, און אויב ער האָט אפילו די דאָזיגע ליעבע נישט גע־קענט אין גאַנצען בעקעמפּפען, האָט זיך איהם דאָך איינגעגעבען אַרומ־צורינגלען דיעזע ליעבע מיט אַ נעץ פון אילוזיאָנען, ברידערליכקייט און פריינדשאַפט. איך, למשל, קען בשום אופן נישט קוקען אויף דעם, ווי אויף אַ בעפרידיגונג פון מיין טהירישען אינסטינקט; פאַר מיר איז דאָס אמת'ע ליעבע אַרויסגערופען פון אַ טיעפען הערצליכען גע־פיהל און אַכטונג צו דער פרוי. די פעראַכטונג צום טירישען אינסטינקט איז אין אונז ערצויגען צייט הונדערטער יאָהרען און הונדערטער דורות, די דאָזיגע פעראַכטונג האָב איך גע'יערשנ'ט צוזאַמען מיט מיין בלוט און זי איז געוואָרען אַ טהייל פון מיר אליין, און ווען איך פּאָעטיזיר איצנד די ליעבע, איז עס גראַד אַזוי נויטיג און נאַטירליך אין אונזער צייט, ווי דאָס, וואָס מיינע אויערען בעוועגען זיך נישט און איך אין גאַנצען בין נישט בעדעקט מיט האָאַר. אַזוי, דאַכט זיך מיר, טראַכט דאָס מעהרסטע טהייל פון די געבילדעטע מענשען. אמת, פּאָעטיזירענדיג די ליעבע, שרייבען מיר אָפּט צו צו די יעניגע, וועלכע מיר ליעבען אַ סך מעלות, וועלכע זיי בעזיצען אָפּט נישט און דאָס איז פאַר אונז אַ אייביגער קוואַל פון טעות'ן און ליידען. נור, עס איז נאָך מיין מיינונג, שוין בעסער צו ליידען, ווי צו בערוהיגען זיך מיט דעם, אַז די פרוי איז אַ פרוי און דער מאַן איז אַ מאַן.

אין טיפליס האָב איך פון פאָטער בעקומען אַ בריעף. ער האָט געשריעבען, אַז אַריאַדנאַ גריגאָריעוונאַ איז אין דעם און דעם טאָג אַוועק נאָך אויסלאַנד, וואו זי דענקט צו פערברענגען אַ גאַנצען ווינ־טער.

אין אַ מאָנאַט אַרום האָב איך זיך אומגעקעהרט אַהיים. עס איז שוין געווען יעסען־צייט.

יעדע וואָך האָט אריאדנא געשיקט צו מיין פאָטער בריעף אויף פערפיומירטען פאַפּיר. זיי זיינען געווען זעהר אינטערעסאנט און געשריעבען אין א גרויסאַרטיגער ליטעראַרישער שפּראַך. מיר דאכט זיך, אז יעדע פרוי קען זיין א שרייבערין. אריאדנא האָט זעהר אויס־פיהרליך געשריעבען, ווי שווער עס איז איהר אָנגעקומען גוט צו ווערען מיט דער מוהמען און אויסצובעטען ביי איהר טויזענד רובעל אויף דער רייזע, ווי לאַנג זי האט אין מאָסקווע ארומגעזוכט עפּעס איהרע א ווייטע קרובה, אַן עלטערע פרוי, ועמען זי האט איינגערעדט צו פאָהרען מיט איהר צוזאמען. פון די איבעריגע איינצעלהייטען האט מען גלייך געקענט דערשמעקען, אז דאס איז נישט מעהר, ווי אַן אויסגעטראכטע מעשה, און איך האב גלייך פערשטאַנען, אז זי האט נישט קיין שום בעגלייטערין.

אביסעל שפּעטער האב איך אויך ערהאַלטען פון איהר א בריעף, אויך א דופטענדיגען און ליטעראַרישען. זי האט געשריעבען, אז זי האט זיך פערבענקט נאָך מיר, נאָך מיינע שעהנע, קלוגע, פערליעבטע אויגען, און האט מיר פריינדליך אויפגעוואָרפען, וואס איך רואינער מיין יוגענד, וואס איך פערזויער זיך אין'ם דאָרף, אין דער צייט, ווען איך האב אויך אזוי ווי זי געקענט לעבען אין גן עדן, אונטער די פּאַלמען און איינאָטהעמען אין זיך דעם גערוך פון די פּאָמעראַנצען בוימער. און אונטערגעשריעבען האט זי זיך: „אייער פערלאָזענע אריאַדנא.״ דערנאָך, אין א פּאָאָר טעג ארום, א צווייטער בריעף פון דעם זעלבען מין, מיט אַן אונטערשריפט: „אייער פערגעסענע.״

ביי מיר האט זיך גענומען דרעהען אין קאָפּ. געליעבט האב איך זי ליידענשאַפטליך. יעדע נאַכט פון איהר גע'חלום'ט, און דאָ נאָ דיר נאָר: „פערלאָזענע,״ „פארגעסענע״ — צו וואס איז דאס אלעס? וואס מיינט עס? — און דאָ נאָך די דאָרפישע לאַנגוויילינקייט, די לאַנגע, אומעדיגע אבענדען און די פיינליכע געדאַנקען וועגען לוב־קאָוו'ן... די אונבעוואוסטקייט האט מיך געטאָטשעט, האט מיר פער'סם'ט די טעג און די נעכט, עס איז געוואָרען אונאויסשטעהליך. מעהר האב איך שוין נישט געקענט אויסהאַלטען און איך בין אוועק־געפאָהרען.

אריאדנא האט מיך גערופען קיין אבבאַציא. איך בין אוועקגע־פאָהרען אהין אין א ליכטיגען, ווארימען טאָג נאָך א רעגען, וואס זיינע

טראָפּענס זיינען נאָך געהאַנגען אויף די בוימער, איך האָב זיך אָבגע־שטעלט אין דעם זעלביגען, ריזיגען האָטעל, ווי א קאַזאַרמע, וואו עס האָבען געוואוינט אַריאַדנאַ און לובקאָוו.

זיי זיינען אין דערהיים נישט געווען. איך בין אוועק אין דעם דאָרטיגען פּאַרק, האָב געשפּאַצירט א ווײַלע איבער די אַלעען, דערנאָך געזעצט זיך.

עס איז פאַרבייגעגאַנגען א אויסטרייכישער גענעראַל, די הענד פאַרלעגט אַהינטער, מיט די זעלביגע רויטע לאַמפּאַסען, ווי עס טראָגען אונזערע גענעראַלען. מען האָט דורכגעפיהרט א קינד אין א וויגעלע און די רעדער האָבען געסקריפּעט איבער'ן זאַמד. עס איז פאַרבייגע־גאַנגען א קראַפּטלאָזער אַלטינקער, וועלכער האָט געליטען פון געלב־זוכט, א מענגע ענגלענדערקעס, א פּריסטער, דערנאָך ווידער א אויס־טרייכישער גענעראַל.

מוזיקאַנטען מיט בליסטשענדיגע טרובעס זיינען צוגעקומען צום בודקע, און עס האָט זיך דערהערט מוזיק.

זייט איהר ווען עס איז געווען אין אַבבאַציאַ? דאָס איז א שמוצ־ציג סלאַווישׁ שטעטעל מיט איין איינציגער גאַס, וועלכע שטינקט און וועלכע מען קען נישט איבערגעהן נאָך א רעגען אָהן קאַלאָשען.

איך האָב אַזוי פיעל און מיט אַזאַ ריהרענדען געפיהל געלעזען וועגען דעם דאָזיגען גן עדן אויף דער וועלט, אַז דערנאָך, ווען איך האָב, פאַרקאַשערענדיג די הויזען, פאָרזיכטיג דורכגעקראָכען דורך דער שמאָלער געסעל און האָב פון לאַנגווייליגקייט וועגען געקויפט האַרטע באַרנעס ביי אַן אַלטער פרוי, האָב איך בשום אופן נישט גע־קענט בעגרייפען, וואָס איך זאָל ווייטער טהאָן, וואו איך זאָל געהן און וואו זיך אַהין טהאָן? און ווען איך האָב אָנגעטראָפען נאָך רוסישע אָב־גענאַרטע, אַזוי ווי איך, האָט עס מיר פאַרדראָסען און איך האָב זיך געשעהמט.

דאָ געפינט זיך א שטילער בוכט, א טייך, איבער וועלכען עס געהען דאַמפּפערס און שיפלאַך מיט פאַרשיעדען־קאָלירטע זעגלען; פון דאַנען זעהען זיך די ווייטע אינזלען, מיט א לילאָווען נעבעל בע־דעקט, דאָס וואָלט געווען גאַנץ שעהן צו בעטראַכטען, ווען די אומ־געלומפּערטע האָטעלען, וועלכע האָבען פאַרנומען דעם גאַנצען גרינעם ברעג, וואָלטען נישט פאַרשטעלט די גאַנצע אויסזיכט, אַזוי, אַז אין

דעם דאָזיגען גן עדן זעהט איהר נישט מעהר, ווי פענסטער, טעראַ־סען און באַלקאָנען מיט ווייסע טישלאַך און שווארצע לאַקעיסקע פראַקען!

דאָ איז אויך דאָ אַ פּאַרק, וועלכען איהר קענט טרעפען אין יעדען אויסלענדישען קוראָרט. און די דונקעלע, אונבעוועגליכע, שוויינעדי־גע פּאַלמען, און דער העל־געלער זאמד אויף די אַלעען, און דער גלאַנץ פון די שרייענדיגע סאַלדאַטסקע טרובעס, און די רויטע לאַמפּאַסען פון גענעראַל — דאס אַלעס דערעסט אייך שוין אין די ערשטע צעהן מינוטען. און דאַך מוזט איהר דאָ אָבלעבען צעהן טעג, צעהן וואָכען!

נישט ווילענדיג ארומשלעפּענדיג זיך איבער די דאָזיגע קוראָר־טען, האב איך זיך אַלץ מעהר איבערצייגט, ווי אונבעקוועם און קאַרג עס לעבען זיך די רייכע, ווי שוואַך און פערשלאָפען עס איז זייער פאַנטאַזיע, און ווי נישט דרייסט זיינען זייער געשמאַק און פערלאַנ־גען. וויפיעל גליקליכער זיינען עס יענע אַלטע און יונגע טוריסטען, וועלכע האבען נישט קיין געלד צו לעבען אין די האָטעלען און לעבען וואו עס מאכט זיך. ליגענדיג אויף דעם גרינעם גראָז, אויף א הויכען בארג, קוויקען זיי זיך מיט דעם אויסזעהן פון ים, זיי געהען צופוס, זעהען פון נאָהענט די וועלדער, דערפער, בעאָבאַכטען און שטודירען די מנהגים פון'ם לאַנד, הערען זייערע ליעדער און פערליעבען זיך אין זייערע פרויען...

בעת איך בין געזעסען אין פּאַרק, האט גענומען פינסטער ווערען און אין דער דונקעלהייט האט זיך בעוויזען מיין אריאַדנא, א שעהנע, אַן אויסגעפּוצטע, ווי א פּרינצעסין; הינטער איז געגאַנגען לובקאָוו, אין גאַנצען אָנגעטהאָן אין נייע, ברייטע קליידער, וועלכע זיינען, וואהרשיינליך, געקויפט געוואָרען אין וויען.

— וואס־זשע זייט איהר אין כעס? — האט ער גערעדט — וואס האב איך אייך געטהאָן?

מיך דערזעהן, האט זי א געשריי געטהאָן פאר פרייד, און ווען דאס וואָלט נישט געווען אין פּאַרק, וואָלט זי זיך אודאי ארויפגעוואָר־פען מיר אויפ'ן האלז; זי האט מיר שטאַרק גערריקט די הענד און געלאַכט, און איך האב אויך געלאַכט און האב שיער נישט געוויינט פאר אויפרעגונג.

עס האבען זיך גענומען שיטען פראגען: וואס הערט זיך אין

דאָרף, וואס מאַכט דער פאָטער, צו האב איך געזעהן איהר ברודער, און אזוי ווייטער. זי האט געפאָדערט, איך זאָל איהר קוקען אין די אויגען, און געפרעגט, צו איך געדענק נאָך, ווי מיר האבען צוזאמען געכאפט פיש, אונזערע קליינע צאַנקערייען, די פּיקניקס...

— אייגענטליך, איז דאס אלעס געווען גאַנץ שעהן — האט זי א זיפץ געטהאָן — נור מיר לעבען זיך דאָ אויך נישט אומעדיג. מיר האבען א סך בעקאַנטע, מאָרגען וועל איך אייך דאָ פאָרשטעלען פאר א געוויסער רוסישער פאמיליע, נור איך בעט אייך, מיין ליעבער, מיין גוטער, קויפט זיך אַן אנדער הוט — זי האט מיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען און א קרים געטהאָן זיך — אבבאַציא איז נישט קיין דאָרף— האט זי געזאָגט — דאָ דאָרף מען האבען שיק.

דערנאָך זיינען מיר אוועק אין א רעסטאָראַן.

אריאַדנאַ האט די גאַנצע צייט געלאַכט, געשטיפט און גערופען מיך ליעבער, גוטער, קלוגער, און האט איהרע אייגענע אויגען, דאַכט זיך, נישט געגלויבט, אז איך בין מיט איהר. אזוי זיינען מיר אוועק־געזעסען ביז עלף אזייגער און זיך צוגאַנגען זעהר צופריעדענע אי פון דעם אבענד־עסען, אי איינער פון דעם אנדערן.

אויפ'ן צווייטען טאָג האט אריאַדנאַ מיך פאָרגעשטעלט פאר א רוסישער פאמיליע: „אלס דעם זוהן פון בעריהמטען פּראָפעסאָר און איהר שכן, וועמעס גיטער עס געפינען זיך נישט ווייט איינס פון'ס אנדערע.“

מיט דער דאָזיגער פאמיליע האט זי נור גערעדט פון הויפען, גיטער און פּרוכטבארקייט אויף די פעלדער, דערביי האט זי אלץ אָנ־געוויזען אויף מיר, ווי זי וואָלט מיך ארויסגעשטעלט אלס עדות. איהר האט זיך זעהר געוואָלט ארויסגעבען פאר א רייכער גוטס־בע־זיצערין און איהר האט זיך עס ווירקליך איינגעגעבען. זי האט זיך גע־האַלטען אויסגעצייכענט, ווי אַן אמת'ע אריסטאָקראַטקע, וואס זי איז אייגענטליך געווען צוליעב איהר געבורט.

— אבער וואס זאָגט איהר צו מיין טאַנטע? — האט זי פּלוצים געזאָגט, קוקענדיג אויף מיר מיט א שמייכעל — מיר האבען זיך מיט איהר אביסעל איבערגערעדט, האט זי געכאַפּט און איז אָבגע־פאָהרען קיין מעראַן. וואס זאָגט איהר צו איהר?

שפּעטער, ווען מיר זיינען געגאַנגען שפּאַציערען אין פּאַרק, האָב איך ביי איהר געפרעגט:

— ווענען וואס פאַר א טאַנטע האָט איהר אַנומעלט גערעדט? פון וואַנען האָט זיך ביי אייך גענומען א טאַנטע?

— דאס איז א ליגען אין נאָמען פון רעטונג — האָט זיך צולאַכט אריאַדנאַ — זיי טאָרען נישט וויסען, אז איך בין אָהן א בעגלייטע־רין. — נאָך א קורצען שווייגען, האָט זי זיך צוגעדריקט צו מיר און געזאָגט: ליעבינקער מיינס, טהייערינקער, ווערט בעפריינדעט מיט לובקאָוו'ן! ער איז אַזאַ אונגליקליכער נעבאַך, ער האָט א מאַמע און א ווייב, אז עס איז איינפאַך א שרעק.

זי האָט געזאָגט לובקאָוו'ן „איהר," און אוועקגעהענדיג שלאָפען, האָט זי זיך מיט איהם געזעגענט פּונקט אַזוי ווי מיט מיר, „ביז מאָר־גען." געלעבט האָבען זיי אין פערשיעדענע עטאַזשען — דאס האָט מיר געגעבען האָפנונג, אז אַלעס איז נאַרישקייט און אז צווישען זיי איז קיין ראָמאַן נישטאָ, און טרעפענדיג זיך מיט איהם, האָב איך זיך געפיהלט לייכט. און ווען ער האָט איין מאָל ביי מיר געבעטען לייהען דריי הונדערט רובעל, האָב איך עס איהם מיט פערגעניגען געגעבען.

יעדען טאָג האָבען מיר שפּאַצירט און נור שפּאַצירט. דאָ האָבען ארומגעוואַנדערט איבער'ן פּאַרק, דאָ געגעסען און דאָ געטרונקען. יעדען טאָג געשפּרעכען מיט דער רוסישער פאַמיליע. איך בין בים־לאַכוויז געוועהנט געוואָרען דערצו, אז ווען איך געה אריין אין פּאַרק, זאָל איך אונבעדינגט טרעפען דעם אַלטען מיט דער געלבזוכט, דעם פּריסטער און דעם אויסטרייכישען גענעראַל, וועלכער האָט מיטגע־טראָגען מיט זיך א קליינע טאַליע קאָרטען, און וואו עס איז נור געווען פּלאַץ, האָט ער זיך אוועקגעזעצט און צולעגט א פּאַסיאַנס, הויבענדיג נערוועז די אַקסלען. און די מוזיק האָט אימער געשפּיעלט איין און די זעלבע זאַך.

אין דער היים, אין דאָרף, פלעג איך זיך שעהמען פאַר די פּויערן, ווען איך פלעג אין מיטען וואָך פאָהרען מיט א געזעלשאַפט אויף א פּיקניק אדער כאַפּען פיש, און אַזוי איז מיר דאָ געווען א חרפּה פאַר די קוטשערס, לאַקעיען און די ארבייטער, וועלכע איך פלעג אָפט טרעפען; מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אז זיי קוקען אויף מיר און

טראכטען: „פארוואס טהוסטו גאָרנישט?" און די דאָזיגע חרפה האב איך געפיהלט פון פריה ביז נאכט, יעדען טאָג.

עפּעס א מאָדנע אונאנגענעהמע, איינטאָניגע צייט איז דאס געוועזן; און די דאָזיגע איינטאָניגקייט האט זיך נור אונטערשיידעט דערמיט, וואס לובקאָוו פלעגט כלומרשט לייהען ביי מיר דאָ הונדערט און פופציג גולדען, פון דעם געלד פלעגט ער פּלוצים לעבעדיג ווערען, ווי א מאָרפיום־טרינקער פון מאָרפיום, און פלעגט נעהמען לאכען אויפ'ן קול איבער זיין ווייב, איבער זיך, אדער איבער די קרעדי־טאָרען.

נור אָט האבען גענומען גיסען רעגענס, עס איז געוואָרען קאַלט. מיר זיינען אוועקגעפאָהרען קיין איטאליען, און איך האב טעלעגראָ־פירט צום פאָטער, ער זאָל, ווי גאָט איז איהם ליעב, מיר גלייך ארויס־שיקען אין רוים אכט הונדערט רובעל.

מיר האבען זיך אָבגעשטעלט אין ווענעציע, אין באָלאָניע, אין פלאָרענציע און אין יעדער שטאָדט זיינען מיר ארייגגעפאלען, ניט אנדערש, ווי נור אין א רייכען האָטעל, וואו מען האט ביי אונז געריסען אי פאר בעלייכטונג, אי פאר דער דינערשאפט, אי פאר בעהייצונג, אי פאר דעם ברויט צום פריהשטיק, אי פאר דאס רעכט צו עסען מיטאָג ניט אין דעם אלגעמיינעם זאל.

געגעסען האבען מיר שרעקליך פיעל. אין דער פריה האט מען אונז דערלאנגט קאפע, איינס אוהר פריהשטיק: פלייש, אָמעלעטס, קעז, פרוכט און וויין. זעקס אוהר א מיטאָג פון אכט געריכטען מיט לאנגע אנטראקטען צווישען איין געריכט ביז דעם אנדערן, וועלכע מיר האבען אויסגעפילט, טרינקענדיג ביער און וויין. א זייגער ניין האט מען אונז געגעבען טהעע. פאר האלבע נאכט האט אריאדנא ערקלערט, אז זי וויל עסען און האט פערלאנגט פלייש און פיינקוכענס. אום איהר צו לייסטען געזעלשאפט, פלעגען מיר אויך איבערבייסען מיט איהר צוזאמען.

אין דער צווישענצייט פון איין עסען ביז דעם אנדערן זיינען מיר ארומגעלאָפען איבער די מוזעען און אויסשטעלונגען, מיט דעם שטענדיגען געדאנק, אז מיר זאָלען חס ושלום נישט פערשפעטיגען צום פריהשטיק אדער מיטאָג.

איך האב געפיהלט אן אומעט שטעהענדיג פאר די בילדער, מיך

האט געצויגען אהיים, אַברוהען זיך, איך האב זיך אָנגעמאַטערט, גע־זוכט מיט די אויגען א שטוהל, צוזעצען זיך אויף א ווייל, און האב בלומרשט נאָכגערעדט נאָך די איבעריגע: „ווי שעהן! וויפיעל לופט!" ווי זאַטע ווערים, האבען מיר אונזער אויפמערקזאמקייט געשענקט נור די בליסטשענדיגע זאכען, די פענסטער פון די קראמען האבען אונז איינפאַך היפּנאָטיזירט און מיר האבען זיך בעגייסטערט פון די פאַלשע בראַשקעס און האבען איינגעהאנדעלט א מאַסע ניט נויטי־גע, אונוויכטיגע זאכען.

דאס זעלבע איז אויך געווען אין רוים. דאָ האט געגאָסען א רעגען און געבלאָזען א קאַלטער ווינד. נאָך א פעטען פריהשטיק זיי־נען מיר אוועק בעטראַכטען פּיאָטער'ס טעמפּעל, אבער צו צוליעב אונזער זאַטקייט, און אפשר צוליעב דעם שלעכטען וועטער, נור ער האט אויף אונז נישט געמאכט קיין שום איינדרוק. מיר האבען בע־שולדיגט איינער דעם צווייטען אין גלייכגילטיגקייט צו דער קונסט און האבען זיך שיער ניט צוקריגט.

פון פאָטער איז אָנגעקומען דאס געלד. איך געדענק, עס איז געווען אין א אין דער פריה, ווען איך בין אוועק עס אָבנעהמען. מיט מיר איז אויך געגאנגען לובקאָוו.

— די געגענוואַרט קען ניט זיין פול און גליקליך, ווען עס איז דאָ א פערגאַנגענהייט — האט ער געזאָגט — פון דער פערגאַנגענהייט איז ביי מיר אויפ'ן האלז געבליעבען הענגען א שווערער פּאַק. דאָך, ווען עס זאָל זיין געלד, וואָלט עס נאָך נישט געווען אזא אונגליק. אזוי אבער איז גרויסענע צרות... איהר וועט גלויבען, מיר איז אין גאַנצען פערבליעבען נור אכציג פראַנק — האט ער ווייטער גערעדט מיט א שטילערן קול — און פון דעם דאַרף איך דער ווייב שיקען הונדערט און דער מאַמע'ן אויך אזוי פיעל. און דאָ דאַרף מען אויך לעבען. אריאדנאַ איז ווי א קליין קינד, זי וויל גאַרנישט אריינגעהן אין דער לאַגע און וואַרפט מיט געלד, ווי א הערצאָגין. צו וואס האט זי נעכטען געקויפט דעם זייגערל? און זאָגט מיר, איך בעט אייך, צו וואס פּאַסט אונז נאָך לענגער צו שפּיעלען די ראָלע פון אונשולדיגע געבאַכלאָך? דאס, וואס זי און איך בעהאַלטען פון דער דינערשאַפט און בעקאַנטע אונזערע פערהעלטניסע, קאָסט אונז איבעריגע צעהן־

פופצעהן פראַנק א מעת־לעת, ווייל איך פאַרנעהם א בעזונדער'ן נו־מער. צו וואס דאַרף מען דאס?

עס האט מיר א שטאָך געטהאָן אין ברוסט. די אונבעשטימט־קייט איז אַצינד פערשוואונדען, פאר מיר איז איצט אַלעס קלאָר גע־וואָרען. א קאַלטער שוידער איז מיר אריבער איבער'ן גאַנצען לייב, און גלייך האט זיך אין מיר ערוועקט א פערלאַנג: זייביידען מעהר נישט אַנקוקען, אנטלויפען פון זיי, גלייך, שוין פאַהרען אהיים...

—צוזאַמענקומען זיך מיט א פרוי, איז לייכט—האָט ווייטער גע־רעדט לובקאָוו — מען דאַרף זי נור אויסטהאָן, דערנאָך אבער, שפּע־טער, ווי שווער אַלעס ווערט! וואס פאר א גרויסע נאַרישקייט!

ווען איך האב איבערגעצעהלט דאס געלד, וועלכע איך האב נור וואס געקראָגען, האט ער געזאָגט:

— אויב איהר לייהט מיר נישט קיין טויזענד פראַנק, מוז איך אונטערגעהן. אַט די דאָזיגע געלד אייערע איז מיין איינציגע רעטונג.

איך האב עס איהם געגעבען און ער איז באַלד א לעבעדיגער גע־וואָרען, האט גענומען לאַכען איבער זיין פעטער, דעם צודרעהטען, וועלכער האט ניט געקענט האַלטען בסוד פון דער ווייב זיין אדרעס.

געקומען אין האָטעל, האב איך זיך איינגעפּאַקט און בעצאָהלט מיין רעכנונג. עס איז מיר נאָך געבליעבען צו זעגענען זיך מיט אריאדנא'ן.

איך האב אָנגעקלאַפּט צו איהר אין טהיר.

— אריין!

אין איהר נומער האט געהערשט א פריהמאָרגענדיגע אונאָרד־נונג: אויפ'ן טיש האט זיך געפונען א טהעע־סערוויז, א ניט־דער־עסענע בולקע, די שאָלעכץ פון אייער; א שטאַרקער, שטיקענדער גערוך פון פּאַרפיום האט אָנגעפילט די לופט. די בעט איז נאָך נישט געווען פאַרבעט און עס איז קענטיג געווען, אז אויף איהר איז מען געשלאָפען זאַלבענאַנד. אריאדנא אליין איז געוועזט נאָך נישט לאַנג אויפגעשטאַנען פון בעט און איז געווען אָנגעטהאָן אין א פלאַנעלע־נער בלוזע, נאָך ניט פערקאַמט.

איך האב זי בעגריסט, דערנאָך געזעסען א ווײַלע שווייגענדיג, ביז זי האט צורעכט געמאַכט איהרע האָאר, און זיך טרייסלענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער, האב איך געפרעגט:

— צו וואס... צו וואס האט איהר מיך אויסגעשריעבען אהער אין אויסלאַנד?

ווי עס האט געשיינט, האט זי גלייך פערשטאַנען, וואס איך האב געמיינט; זי האט מיך אָנגענומען פאר א האַנד און געזאָגט:

— איך וויל, איהר זאָלט זיין דאָ. איהר זייט אַזאַ ריינער!

איך האב זיך פערשעהמט פאר מיין אויפרעגונג, פאר מיין ציטערען. און פלוצים קען איך זיך נאָך גאָר צואווייענען!

איך בין ארויס ניט זאָגענדיג מעהר קיין וואָרט, און אין אַ שטונדע ארום בין איך שוין געזעסען אין וואַגאָן.

די גאַנצע וועג האב איך זיך רק פאָרגעשטעלט אריאַדנאַ'ן אַ שוואַנגערע, און זי איז מיר געוואָרען אבשטויסענד... און אַלע פרויען, וועמען איך האב בעגעגענט אין די וואַגאָנעס און אויף די סטאַנציאָנען, האבען זיך מיר אויך עפּעס אויסגעוויזען, ווי שוואַנגערע און זיינען מיר געווען עקעלדיג און מיאוס...

איך האב זיך געפונען אין דער לאַגע פון אַ פערביסענעם, לייַדענשאַפטליכען קמצן, וועלכער דערוויסט זיך פלוצים, אז זיין גאַנצער אייגענס בעשטעהט פון פאַלשען געלד...

די ריינע, שעהנע בילדער, וועלכע האבען אזוי לאַנג געלאַסטשעט מיין, פון ליעבע צוואווארעמטע, פאַנטאַזיע, מיינע פּלענער, מיינע האָפנונגען, מיינע עראינערונגען, מיין בליק אויף דער ליעבע און דער פרוי — דאס אַלעס האט מיך איצט אויסגעלאַכט, ארויסגעשטעלט אַ צונג... אריאַדנאַ, האב איך זיך מיט שרעק געפרעגט, דיעזע יונגע, וואונדער־שעהנע, אינטעליגענטנע מיידעל, אַ סענאַטאָר'ס אַ טאָכטער, קען זיך פערבינדען מיט אַזאַ געוועהנליכען, ניט אינטערעסאַנטען, פּאַרגרעבטען מענשען? און פאַרוואס טאַקע זאָל זי נישט ליעבען לובקאָוו'ן? — האב איך זיך אַליין געענטפערט — מיט וואס איז ער ערגער פון מיר? עך, זאָל זי ליעבען, וועמען זי וויל, נור צו וואס דאַרף זי לייגען? און פאַרוואס עפּעס דאַרף זי דאס זיין אָפענהערציג מיט מיר? און די דאָזיגע געגענגעזעצטע געדאַנקען האבען ניט אויפגעהערט מיך צו מאַטערען די גאַנצע צייט.

און אין וואַגאָן איז געווען קאַלט. געפאָהרען בין איך אין ערשטען קלאַס. נור דאָרט זיצט מען זאַלבע־דריט אויף איין זאָפע, קיין צווייערדיגע ראַמען זיינען נישטאָ, די אויסענוועניגסטע טהיר עפענט

זיך גלייך אין וואַגאָן, און איך האב זיך געפיהלט, ווי אין קייטען, א צוזאַמענגעדריקטער, א פערוואָרפענער, א רחמנות'דיגער... די פיס זיינען ביי מיר געפראָרען און אין דערזעלבער צייט איז מיר אַלע ווײַלע געקומען אויף דעם זינען, ווי פאַרפיהרעריש זי איז היינט געווען אין איהר בלוזע מיט די צולאָזענע האָאר, און אַזא שטאַרקע, משונה־דיגע אייפערזוכט האט מיך פּלוצים באַהערשט, אז איך בין אויפגע־שפּרונגען פון וועהטאָג און מיינע שכנים האבען געקוקט אויף מיר מיט פערוואונדערונג און זאָגאַר שרעק.

אין דער היים האב איך געטראָפען בערג שנעע און א שטאַרקען פראָסט. איך האב ליעב דעם ווינטער, זעהר ליעב, ווײַל אין דער צייט, אפילו אין די ביטערסטע פרעסט, פלעגט מיר אין דער היים זיין בע־זונדערס וואַרעם. אין א ליכטיגען, פראָסטיגען וועטער איז אַנגענעהם אָנצוטהאָן א פוטערל, וואַרעמע שטיוועל און טהאָן עפּעס אין גאָרטען, אדער אויפ'ן הויף, אדער לעזען ביי זיך אין דעם וואַרעם־אָנגעהייצ־טען צימער, צו זיצען ביים פאָטער אין קאַבינעט נעבען קאַמין, אדער גאָר וואַשען זיך אין דער דאָרפישער באָד...

נור אָט וואס, ווען אין הויז איז נישט פאַראַן קיין מוטער, קיין שוועסטער, אדער קינדער, דאַן ווערט אין די ווינטערדיגע אבענדען עפּעס מאָדנע מורא'דיג און עס דאַכט זיך, אז די דאָזיגע אָבענדען ציהען זיך אונגעוועהנליך לאַנג און זיינען שטיל, שאַ שטיל... און וואס וואַרעמער און אַנגענעהמער, אַלץ שטאַרקער פיהלט זיך, אז זיי פעהלען.

אין יענעם ווינטער, ווען איך בין פון אויסלאַנד געקומען, זיינען די אָבענדען געווען לאַנגע־לאַנגע, איך האב שטאַרק געבענקט און פאַר בענקעניש האב איך אפילו לעזען ניט געקענט; ביי טאָג איז נאָך ווי עס איז, דאָ רייניגסטו אָב דעם שנעע אין'ם גאָרטען, דאָ פיטערסטו די היהנער, די קעלבלאַך, אבער אין אָבענד איז פשוט משוגע צו ווערען.

פריהער האב איך נישט ליעב געהאַט קיין געסט, איצט אבער האב איך זיך געפרעהט מיט זיי, ווײַל איך האב געוואוסט א פריהער, אז דער געשפּרעך וועט אודאי זיין וועגען אַריאַדנאַ'ן.

עס פלעגט אָפט קומען צופאָהרען דער ספּיריטואַליסט קאָטלאָ־וויטש, אום זיך דורכצוריידען וועגען דער שוועסטער און אַמאָל פלעגט

ער מיטברענגגען זיין פריינד, דעם פירסט מאַקטועוו, וועלכער איז געווען פערליעבט אין אריאַדנאַ'ן ניט ווייניגער פון מיר. זיצען אין אריאַדנאַ'ס צימער, איבערקלייבען די קלאַווישען פון איהר פּיאַנאָ, קוקען אויף איהרע נאָטען — איז פאַר דעם פירסט געוואָרען אַ בע־דירפניס, אָהן וועלכער ער האָט נישט געקענט לעבען. און דער גייסט פון זיין זיידען אילאַריאָן האָט נאָך אַלץ פאַראויסגעזאָגט, אַז פריהער אָדער שפּעטער, וועט זי פאַרט ווערען זיין ווייב.

געוועהנליך, פלעגט דער פירסט ביי אונז אָבזיצען זעהר לאַנג, פון פריהשטיק ביז האַלבע נאַכט און פלעגט אַלץ שווייגען; שווייגענ־דיג פלעגט ער אויסטרינקען צוויי־דריי פלעשער ביער און צייטענווייז, אום צו צייגען, אַז ער נעהמט אויך אַן אַנטהייל אין די געשפּרעכען, פלעגט ער לאַכען מיט אַ קורצען, אומעדיגען, נאַרישען געלעכטער.

פאַר זיין אָבפאָהרען אהיים, האָט ער מיר יעדעס מאָל אָבגערופען אַן אַ זייט און געזאָגט אין דער שטיל:

— ווען האָט איהר צום לעצטען מאָל געזעהן אריאַדנאַ גריגאָ־ריעוונאַ'ן? איז זי געזונד? איך דענק, איהר איז דאָרט ניט אומע־דיג?

דער פריהלינג איז געקומען. מען האָט זיך געדאַרפט נעהמען צו פערזייהען די פעלדער. עס איז געווען אומעטיג, אָבער שוין גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער, אויף אַ בעזונדערען פריהלינגס־שטייגער. עס האָט זיך געוואָלט פערגעסען דעם פערלוסט און לעבען אין פריע־דען. און ווען איך האָב געאַרבייט אין פעלד און זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון די פויגעלאַך, האָב איך זיך געפרעגט: אפשר, איז בעסער, איך זאָל פאַר איין מאָל ענדיגען מיט דער פראַגע וועגען פערזענליכען גליק, און טאָמער וואָלט איך גאָר אָהן די אַלע קונצען חתונה האָבען מיט אַן איינפאַכע בויערן־מיידעל?

און פּלוצים אין'ם סאַמע ברען פון דער אַרבייט קריעג איך אַ בריעף מיט אַ איטאַליענישער מאַרקע. און די פעלדער, דאָס זייהען, די קעלבלאַך און דאָס דאָרפישע מיידעל — אַלעס איז אוועק מיט'ן רויך.

דיעזעס מאָל האָט אריאַדנאַ געשריעבען, אַז זי איז זעהר, זעהר אונגליקלאַך. זי האָט מיר פאָרגעוואָרפען, פאַרוואָס איך האָב נישט אויסגעשטרעקט די האַנד איהר צו הילף, האָב אַראָבגעקוקט אויף

איהר פון דער הויכקייט פון מיין טוגענד און האב זי פערלאָזען אין אַ מינוט פון געפאהר...

דאס אַלעס איז געשריעבען געווען מיט א גרויסער, נערוועזער האנדשריפט, מיט א סך פלעקען און מעקען, עס איז קענטיג געווען, אז זי האט זיך געאיילט צו שרייבען און האט געליטען. צום שלום האט זי מיך געבעטען, איך זאָל קומען צופאָהרען און זי ראטעווען.

עס האט מיך ווידער אראָבגעריסען פון אנקער און גענומען טראָגען.

אריאַדנאַ האט געוואוינט אין רוים. געקומען בין איך צו איהר שפּעט ביי נאכט און, ווען זי האט מיך דערזעהן, האט זי זיך צוכלי־פּעט און געוואָרפען זיך מיר אויפ'ן האלז. פאר דעם ווינטער האט זי זיך גאָרנישט אומגעביטען און איז נאָך אַלץ געווען אזוי יונג און רייצענד־שעהן. מיר האבען צוזאמען געגעסען אָבענד־מאָלצייט און דערנאָך זיינען מיר ביז טאָג ארומגעפאָהרען איבער רוים, און די גאַנ־צע צייט האט זי מיר אַלץ דערצעהלט וועגען איהר בעפינדען זיך, איהר לעבען. איך האב געפרעגט אויף לובקאָוו'ן.

— דערמאָנט מיר נישט אָן יענער באשעפעניש! — האט זי א געשריי געטהאָן — ער איז מיר מיאוס און עקעלדיג!

— אבער, איהר האט דאָך איהם, דאכט זיך, געליעבט? — האב איך געזאָגט.

— ניין, קיין מאָל נישט! די ערשטע צייטען האט ער זיך אויס־געוויזען אָריגינעל און האט ארויסגערופען מיטלייד — דאס אַלעס. ער איז פרעך, נעהמט די פרוי מיט שטורם, און דאס איז אנציהענד. לאָמיר אבער וועגען איהם נישט ריידען. דאס איז א טרויעריגע בלע־טעל פון מיין לעבען. ער איז אוועק אין רוסלאַנד נאָך געלד — דאָרט איז פאר איהם דער ריכטיגער פּלאַץ! איך האב איהם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל נישט וואגען צוריק קומען.

זי האט שוין איצט געוואוינט נישט אין א האָטעל, נור אויף א פּריוואט קווארטיר פון צוויי צימערען, וועלכע זי האט איינגעריכטעט נאָך איהר געשמאק, קאַלט און מיט לוקסוס.

נאָכדעם ווי לובקאָוו איז אוועקגעפאָהרען, האט זי צווישען איהרע בעקאנטע אָנגעמאכט חובות אויף וואסערע פינף טויזענד פראנק, און מיין קומען איז פאר איהר אויף אָן אמת געווען א רעטונג.

איך האב גערעכענט זי אוועקצופיהרען אין דאָרף, נור דאס איז מיר ניט געלונגען. זי האט געבענקט נאָך דער היימאַטה, אבער די עראינערונגען וועגען דער איבערגעלעבטער אָרעמקייט, דעם פערזשאַ־ווערטען דאַך אויפ'ן ברודער'ס הויז האבען אין איהר ארויסגערופען א געפיהל פון עקעל און זי האט זיך אזש געטרייסעלט; און ווען איך האב איהר פאָרגעשלאָגען צו פאָהרען אהיים, האט זי פיבעריש מיר געדריקט די הענד און געזאָגט:

— ניין, ניין! איך וועל דאָרט שטאַרבען פאר אומעט!

דערנאָך איז מיין ליעבע אריבער איהר לעצטען פונקט, איהר לעצטע מדרגה.

— זייט מיין פריהערדיג טייבעלע, ליעבט מיך אביסעלע — האט גערעדט אריאַדנאַ, אריבערבויגענדיג זיך צו מיר — איהר זייט א רוהיגער, אן אויסגערעכענטער, איהר האט זיך מורא אָבצוגעבען דעם געפיהל און טראכט אלץ וועגען די פאָלגען, און דאס איז לאַנגווייליג. נו, איך בעט אייך, איך בעט אייך, זייט א ליעבינקער!... מיין ריינער, מיין הייליגער, מיין ליעבער, איך האב אייך אזוי ליעב!

איך בין געוואָרען איהר געליעבטער. אודאי א מאָנאַט צייט בין איך געווען ווי א משוגענער און האב געפיהלט נור גליק און ענטציקען. האַלטען אין די אָרעמס א יונגען, שעהנעם קערפער, זיך בערוישען מיט איהם, יעדעס מאָל זיך אויפכאַפּענדיג פון שלאָף, פיהלען איהר וואַרעמקייט און דערמאָנען זיך, אז זי איז דאָ, זי, מיין אריאַדנאַ — אָך, דערצו קען מען זיך ניט אזוי לייכט צוגעוועהנען! נור איך האב זיך פון דעסטוועגען פאָרט צוגעוועהנט און האב זיך ביסלאַכווייז גענומען פערהאַלטען בעוואוסטזיניג צו מיין נייער לאַגע. פריהער פאר אלץ, האב איך פערשטאַנען, אז אריאַדנאַ ליעבט מיך נישט, פונקט אזוי ווי פריהער. נור איהר האט זיך געוואָלט לעבען ערנסט, זי האט מורא געהאַט פאר דער איינזאַמקייט און די הויפּט־זאַך, איך בין געווען יונג, געזונד, שטאַרק... און מיר ביידע האבען געמאַכט אַן אָנשטעל, אז מיר זיינען זיך כלומרשט צוזאַמענגעקומען צוליעב אונזערביידענס ליידענשאַפטליכער ליעבע. שפּעטער האב איך פערשטאַנען נאָך עפּעס אַנדערעס.

מיר האבען געלעבט אין רוים, אין נעאַפּאָל, אין פלאָרענץ; מיר זיינען אפילו געוועזט געפאָהרען אין פּאַריז, אבער דאָרט, האט זיך

אונז געדאַכט, אַז עס איז קאַלט און מיר האבען זיך אומגעקעהרט צוריק נאָך איטאַליען.

איבעראַל האבען מיר זיך ארויסגעגעבען אלס מאַן און פרוי, אלס רייכע גוטסבעזיצער, מען האט גערן מיט אונז געשלאָסען בעקאַנטשאַפט, און אריאדנא האט געהאט גרויסען ערפאָלג. ווייל זי האט גענומען לעקציאָנען אין מאהלעריי, האט מען זי גערופען די מאהלערין, און דאס האט איהר זעהר געקליידעט, כאָטש זי האט ניט געהאט קיין ברעקעל טאַלענט.

געשלאָפען איז זי יעדען טאָג ביז צוויי־דריי א זייגער; קאַפע און פריהשטיק האט זי גענעסען אין בעט. צו מיטאָג האט זי אריינגעגעסען סופ, פלייש, פיש, ספּאַרגעל, פערשיעדענע פויגעל און דערנאָך, ווען זי האט זיך געלעגט, האב איך איהר אין בעט דערלאַנגט עפּעס א בים צו טהאָן, ווי, למשל, א בראַטען און זי האט עס אויפגעגעסען מיט א אומעדיגען, פאַרזאָרגטען אויסדרוק. און זיך אויפגעכאַפּט אין מיטען נאַכט, האט זי גענעסען עפּעל און אַפּעלסינען.

די הויפּט אייגענשאַפט פון דיעזער פרוי, קען מען זאָגען, איז געווען די פאַלשקייט. זי האט שטענדיג געכיטרעוועט, יעדע מינוט, קענטיג, אז זי האט עס געטהאָן גאָר אָהן א פאַרוואָס, עפּעס אזוי ווי אינסטינקטיוו, צוליעב די זעלבע אורזאַכען, וואס באוועגען דאָס פויגעלע צו טשריקען, אדער דעם פּריים צו דרעהען מיט די וואָנצעס.

זי האט געכיטרעוועט מיט מיר, מיט די לאַקעיען, מיט די הענדלער אין די קראָמען, מיט די בעקאַנטע. אָהן קרימען זיך און פאַרשטעלען זיך איז נישט אוועק קיין איין געשפּרעך, קיין איין באַגעגעניש. צו אונז אין צימער האט נור געדאַרפט אריינקומען א מאַן — ער האט געמעגט זיין א דינער אדער א פּריץ — האט זי גלייך אומגעביטען דעם בליק, דעם אויסדרוק, די שטימע, אפילו די פיגור איהרע האט זיך אין גאַנצען אומגעביטען. ווען איהר זאָלט זי דאַן זעהען כאָטש איין מאָל, וואָלט איהר געזאָגט, אז קיין רייכערע און וועלטליכערע מענשען, ווי מיר זיינען, איז אין גאַנץ איטאַליען נישטאָ. זי האט נישט דורכגעלאָזען קיין איין מאהלער, קיין איין מוזיקער, אז זי זאָל איהם נישט אָנזאָגען א שאָק מיט ליגענס וועגען זיין מערקווירדיגען טאַלענט.

— איהר זייט אַזאַ טאַלענט! — פלעגט זי זאָגען מיט א זיס־

לאך־זינגענדיג קול — מיט אייך ווערט אזש מורא׳דיג. איך דענק, איהר מוזט זעהן די מענשען דורך און דורך.

און דאס אלץ האט זי געטהאן נור אום צו געפעלען, צו האבען ערפאלג, צו זיין רייצענד! זי האט זיך יעדען פריהמארגען אויפגע־כאפט מיט דעם איינציגען געדאנק: „געפעלען!" און דאס איז געווען דער צוועק און דער זינן פון איהר לעבען.

ווען איך זאל איהר זאגען, אז אויף אזא און אזא גאס, אין אזא און אזא הויז וואוינט א מענש, וועמען זי געפעלט נישט, וואלט זי דערפון ערנסט געליטען.

זי האט יעדען טאג געמוזט בע׳כישוף׳ען, בערוישען, משוגע מאכען.

דאס וואס איך בין געווען אין איהר מאכט, אין גאנצען בא־הערשט פון איהרע רייצען, האט איהר פארשאפט דעם זעלבען פער־גענינען, וואס די זיעגער האבען אמאל געשפירט אויף די אלטע טור־נירען.

מיין ערנידערונג איז איהר נישט גענוג געווען, און זי פלעגט אין די נעכט נעהמען זיך צו לובקאוו׳ם בריעף, וועלכע ער האט איהר געשריעבען פון רוסלאנד. צולעגט זיך, ווי א טיגעריון, אן אבגעדעקטע — איהר איז שטענדיג הייס געווען — האט זי געלעזען די דאזיגע בריעף, אין וועלכע ער האט זיך געבעטען ביי איהר, זי זאל קומען צוריק אין רוסלאנד, אז נישט, האט ער געשווארען, וועט ער וועמען עס איז בע׳גנב׳ענען, דער׳הרג׳ענען, אבי צו קריעגען געלד און קומען צו איהר. זי האט איהם געהאסט, אבער זיינע ליידענשאפטליכע, שקלא־פישע בריעף האבען זי אויפגערעגט.

אין איהרע רייצען האט זי זעהר שטארק געגלויבט און האט גע־האט וועגען זיי א גאר בעזונדערע מיינונג; איהר האט זיך אויסגע־וויזען, אז ווען מען זאל וואו עס איז אויף א גרויסער פערזאמלונג דערזעהן, ווי שעהן זי איז געבויט און פון וואס פאר א פארב איהר הויט איז, דאן וואלט זי איינגענומען און באהערשט גאנץ איטא־ליען, די גאנצע וועלט.

די געשפרעכען וועגען איהר קערפער געבוי, דער פארב פון די הויט האבען מיך בעליידיגט, און, באמערקט עס, האט זי, ווען זי איז אויף מיר אין כעס געווען און געוואלט מיר טהאן צו להכעים, גערעדט

מיאוסע, גראָבע רייד און זיך גערייצט מיט מיר. איין מאָל איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען זי איז אין כעס געוואָרען, זייענדיג ביי אַ בעקאַנטער דאַמע אויף אַ זומער־פּלאַץ, האָט זי צו מיר געזאָגט:

— אויב איהר הערט מיר נישט אויף צו דערעסען מיט אייער מוסר, טהו איך זיך אויס נאַקעט און לייג זיך אוועק אָט אויף דיזע בלומען!

אָפט, קוקענדיג, ווי זי שלאָפט אדער עסט, אדער ווי זי סטאַרעט זיך צו מאַכען אַ נאַאיווען אויסדרוק אין איהר בליק, האָב איך גע־טראַכט: צו וואָס האָט איהר גאָט געגעבען דיעזע אונגעוועהנליכע שעהנהייט, דיעזע שלאַנקייט, אַזאַ פערשטאַנד? שוין־זשע נור צוליעב דעם, אום זי זאָל קענען אַרומוואַרפען זיך אין בעט, עסען און לייגען, ליגען אָהן אַסוף? און איז זי דען ווירקליך געווען קלוג? זי האָט מורא געהאַט פאַר דריי ליכט, פאַר דעם דרייצעהנטען דאַטום, האָט געציטערט פאַר אַן עין־הרע און שלעכטע חלומות; פון פרייער ליעבע און פרייהייט בכלל האָט זי גערעדט ווי אַ פרומע נשמה, האָט פער־זיכערט, אַז באָלעסלאַוו מאַרקאָוויטש איז בעסער פון טורגענעוו'ן. זי איז אָבער געווען כיטרע און שאַרפזיניג, ווי אַ שד, און אין דער געזעלשאַפט האָט זי געוואוסט, ווי צו שפּיעלען די ראָלע פון אַ זעהר געבילדעטען און פאָרגעשריטענעם מענשען.

איהר איז נישט שווער געווען אפילו אין דער פרעהליכסטער מי־נוט צו בעליידיגען די דינערשאַפט, הרג'ענען אַן אינסעקט; זי האָט ליעב געהאַט די אָקסען־שלאַכטען, האָט געליעבט צו לעזען וועגען מאָרד־טהאַטען און האָט זיך געבייזערט, ווען מען האָט פרייגעשפּראָ־כען בעשולדיגטע.

פאַר דעם לעבען, וואָס איך מיט אַריאַדנאַ'ן האָבען געפיהרט, האָבען מיר געדאַרפט האָבען אַ סך געלד. מיין אָרימער פאָטער האָט מיר אַרויסגעשיקט זיין פּענסיע, אַלע זיינע זייטיגע פערדינסטען, האָט פאַר מיר געליהען, וואו מען האָט נור געקענט, און ווען ער האָט מיר איין מאָל געענטפערט, אַז ער קען מעהר נישט שיקען, האָב איך איהם אוועקגעשיקט אַ פערצווייפעלטע טעלעגראַמע, וואו איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל פערזעצען דעם גוט.

שפּעטער אביסעל האָב איך איהם געהייסען אַ צווייטען מאָל פער'משכן'ען דעם גוט און קריעגען אויף דעם געלד. ער האָט אויס־

געפיהרט אי דאס ערשטע, אי דאס אנדערע אָהן שום טענות און מיר ארויסגעשיקט די גאַנצע געלד ביז אַ גראָשען. און אריאַדנאַ האט פער־אכטעט דאס פּראקטישע לעבען, האט זיך מיט די אַלע זאכען גאָרנישט אינטערעסירט, אזוי ווי עס וואָלט ניט געווען איהר עסק. אָפּט, וואר־פענדיג טויזענדער פראַנקען אום צו ערפילען איהרע משוגענע פער־לאַנגען, האב איך געקרעכצט, ווי אַן אַלטער בוים, זי אבער האט מיט אַ לייכטען הארצען אונטערגעזונגען „אדריאַ בעללאַ נאַפּאָלי."

ביסלאַכווייז האב איך זיך צו איהר אָבגעקיהלט און גענומען זיך שעהמען מיט אונזערן פערהעלטעניסען. איך האב ניט ליעב קיין שוואַנגערשאַפט, קיין קינדבעטען, איצט אבער האב איך צייטענווייז יאָ געטרוימט וועגען אַ קינד, וועלכער זאָל כאָטש אָבערפלעכליך רעכט־פערטיגען אונזער צוזאמען־לעבען.

אום אז איך זאָל זיך אַליין נישט אין גאַנצען מיאוס ווערען, האב איך גענומען בעזוכען די מוזעען, בילדער גאַלערעען און לעזען ביכער, האב ווייניג געגעסען און אין גאַנצען געוואָרפען דאס טרינ־קען. אויף אַזאַ אופן טרייבסטו זיך ארום פון פריה ביז נאַכט, און עס דאַכט זיך, אז עס איז עפּעס פּאַרט לייכטער אויפ'ן הארצען.

איך האב אויך דערעסען אריאַדנאַ'ן. גראָדע זיינען די מענשען, ביי וועמען זי האט געהאט ערפאָלג, געווען אַלץ געוועהנליכע, מיטעלע מענשען, קיין געזאַנדטע און קיין סאַלאָן איז נאָך אַלץ נישט געווען. געלד האט קיינמאָל נישט געסטאַיעט און דאס האט בעליידיגט אריאַד־נאַ'ן און זי געמאַכט צו וויינען. צום סוף האט זי מיר ערקלערט, אז זי וואָלט ניט זיין דאַגעגען צו פאָהרען אין רוסלאַנד. און אָט פאָהרען מיר.

אין די לעצטע מאָנאַטען פאר'ן אוועקפאָהרען האט זי זעהר פלייי־סיג דורכגעשריעבען זיך מיט איהר ברודער. ווי עס שיינט, האט זי עפּעס געהיימע פּלענער, אבער וועלכע, ווייס איין גאָט. מיר האט שוין דערעסען אריינצודרינגען אין איהרע שמד־שטיק.

אבער מיר פאָהרען ניט אין דאָרף, נור אין יאַלטע, דערנאָך פון יאַלטאַ אויף קאַווקאַז. זי קען איצט לעבען נור אין די קוראָרטען, און ווען איהר זאָלט וויסען, ווי איך האס די דאָזיגע קוראָרטען, ווי מיך שטיקט דאָרט און ווי איך שעהם זיך.

איך וואָלט אַצינד בעדאַרפט זיין אין דאָרף! וואָלט איצט בע־

דאַרפט ארבייטען, פאַרדיענען דאס ברויט מיט׳ן שוויים פון מיין פּנים, אויסקויפען, גוט מאַכען די טעות׳ן... איך פיהל איצט אין זיך אַן איבערפלוס פון קרעפטען און מיר דאַכט זיך, אז איך זאָל זיך גוט אַ נעהם טהאָן און אַנווענדען אַלע כוחות, וואָלט איך אפשר אויסגע־קויפט דעם גוט אין אַ יאָהר פינף.

נור, אַט ווי איהר זעהט, איז דאָ פאַראַן אַ געוויסע שוועריגקייט. דאָ איז נישט אויסלאַנד, דאָ איז די היימישע רוסלאַנד, מען וועט מוזען אַ טראַכט טהאָן וועגען אַ געזעצליכער הייראַטה. געוויס, די הינרייסונג איז שוין לאַנג אוועק, פון דער פריהערדיגער ליעבע איז קיין זכר נישט פערבליעבען, נור ווי דאַרט זאָל שוין ניט זיין, בין איך פאַרפליכטעט מיט איהר צו הייראַטהען.

שאַמאָכין, אַן אויפגערעגטער פון זיין ערצעהלונג, און איך זיינען אראָב אונטען און האבען ווייטער גערעדט וועגען פרויען. עס איז שוין געווען שפּעט. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז מיר ביידע, איך און ער, פערנעהמען די זעלבע קאַיוטע.

— דערווייליע שטעהט די פרוי נישט אָב פון מאַן נור אין דאָרף — האט געזאָגט שאַמאָכין — דאַרט טראַכט זי און פיהלט, און קעמפּפט מיט דער נאַטור אים נאָמען פון דער קולטור, פונקט אזוי ווי דער מאַן. די שטאָדטישע אבער, די רייכע, אינטעליגענטע פרוי, איז שוין לאַנג אָבגעשטאַנען און קעהרט זיך צוריק צו איהר אַמאָליגען צושטאַנד. זי איז שוין איצט האלב מענש—האלב חיה און, אַ דאַנק איהר, איז פיעלעס, וואס איז אויסגעקעמפּפט געוואָרען מיט דעם מענשליכען שכל, מיט זיין געניאַליטעט, צוריק פערלאָרען געגאַנגען. ביסלאַכווייז פערשווינדעט די פרוי, און איהר פּלאַץ פערנעהמט די אַמאָליגע, ניט ציוויליזירטע נקבה. אַט דאס דאָזיגע אָבשטעהן פון דער אינטעליגענטער פרוי, איז אַן ערנסטע געפאַהר פאר דער קולטור. אין איהר רעגרעסיווער בעוועגונג אויף צוריק סטאַרעט זיך די פרוי מיט רייסען מיט זיך אויך דעם מאַן און פערהאַלט אויף אַזאַ אופן זיין מאַרש פאָראויס. דאס איז אונבעשטרייטבאַר.

איך האב געפרעגט: ווארום זאָלען מיר אַלע פרויען מעסטען מיט דער מאָס פון אַן אריאַדנא? שוין דער פרוי׳ס שטרעבען אליין צו בילדונג און געשלעכטליכער גלייכהייט, וועלכע איך נעהם אָן

פאר אַ שטרעבונג צו גערעכטיגקייט, שליסט אויס יעדע פּאראָויסזע־צונג ווענען אַ רעגריסיווער בעוועגונג.

אבער שאַמאַכין האט מיך קוים געהערט און האט אונגלויבליך געשמייכעלט. דאס איז שוין געווען אַ ליידענשאַפטליכער, איבער־ציינטער פרויען־האסער, און עס איז שוין נישט מעגליך געווען איהם אַנדערש צו איבערציינען.

— עך, הערט אויף! — האט ער מיך איבערגעשלאָגען — איין מאָל זעהט די פרוי אין מיר נישט קיין מענשען, נישט איהר גלייכען, נור אַ זכר, און זאָרגט איהר גאַנץ לעבען נור אום מיר צו געפעלען, דאס הייסט, מיך צו בעהערשען, טאָ ווי קען דאָ זיין אַ רייד ווענען גלייכהייט? אַך, גלויבט זיי נישט, זיי זיינען זעהר, זעהר שלוי! מיר, מענער, זאָרגען ווענען זייער פרייהייט, אבער זיי ווילען גאָר־נישט די דאָזיגע פרייהייט, זיי מאַכען נור אַן אָנשטעל, אז זיי ווילען. שרעקליך שלוי זיינען זיי, מורא'דיג שלוי!

מיר איז לאַנגווייליג געוואָרען צו פיהרען דעם ויכוח מיט איהם און עס האט זיך מיר געוואָלט שלאָפען. איך האב זיך איבערגעקעהרט מיט'ן פּנים צום וועגטעל.

— יאָ, יאָ — האב איך געהערט, איינשלאָפענדיג — יאָ. און אין אַלעמען, טאַטעלע, איז שולדיג אונזער ערציהונג. אין שטאָדט בעשטעהט די גאַנצע ערציהונג און בילדונג פון דער פרוי הויפּטזעכ־ליך אין דעם ,אז פון איהר זאָל אויסגעארבייט ווערען אַ מענש־חיה, דאס הייסט, אז זי זאָל געפעלען ווערען דעם זכר און זאָל איהם קענען בעהערשען.

— יאָ — שאַמאַכין האט אַ זיפץ געטהאָן — די מיידלאַך און די איינגלאַך האבען זיך געדארפט ערציהען צוזאַמען און שטענדיג זיין אין איינעם. מען האט געדארפט ערציהען די פרוי, אזוי אז זי זאָל קע־נען גראָדע ווי דער מאַן, איינזעהן איהר אונגערעכטיגקייט, אז ניט מיינט זי, אז זי איז אימער גערעכט. בעאיינפלוסט די מיידעלע, ווען זי איז נאָך אין איהרע ווינדעלאַך, אז דער מאַן איז פריהער פון אַלץ נישט קיין קאַוואַלער, און ניט קיין חתן, נור אַ מענש, וועלכער איז איהר נאָהענט און אין אַלעמען גלייך. לערענט זי אויס לאָגיש דענקען, בעגרייפען אַלגעמיינע זאכען און פערזיכערט זי ניט, אז איהר מאָרך וועגט וועניגער, ווי דעם מאַן'ס און דערפאַר מעג זי בלייבען

גלייכגילטיג צו דער וויסענשאַפט, קונסט און אנדערע קולטור פראגען.

א פועל־אינגעל, א שוסטער, אדער א מוליער, האט אויך א קלע־נערען מארך, ווי אַן ערוואקסענער מענש, פון דעסטוועגען געהמט ער אַן אַנטהייל אין דעם אַלגעמיינעם קאמפף פיר דאס דאָ זיין, ארבייט, ליידעט. מען מוז אויך אויפהערען אלעס צו פערענטפערען מיט דער פרוי'ס פיזיאָלאָגיע, מיט דער שוואנגערשאַפט און קינדבעט, ווייל, ערשטענס, האט די פרוי נישט יעדען מאָנאט; צווייטענס, ניט אַלע פרויען האבען קינדער און, דריטענס, א נאָרמאַלע דאָרפּישע פרוי ארבייט אין פעלד א טאָג פאַר'ן האָבען — און איהר מאכט עס גאָר־נישט אויס. דערצו מוז אויך זיין א פאָלשטענדיגע גלייכהייט אין דעם אַלטעגליכען לעבען. אויב א מאַן דערלאַנגט א פרוי א שטוהל, אדער הויבט אויף איהר טיכעל, טאָ זאָל זי פאַר איהם אויך טהאָן דאס זעלבע. איך וועל גאָרנישט האבען דאגעגען, ווען א מיידעל פון אַן אַנשטענדיגער פאַמיליע וועט מיר העלפען אָנטהאָן דעם ראָק אדער וועט מיר דערלאַנגען א גלאָז וואסער...

מעהר האב איך שוין נישט געהערט, ווייל איך בין אַנשלאָפען געוואָרען.

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען מיר זיינען צוגעקומען צו סע־וואסטאָפאָל, איז געווען אַן אונאַנגענעהמער נאַסער וועטער. די שיף האט זיך געוויגט. שאַמאַכין איז געזעסען מיט מיר אין דער געהילץ־ביידעל, האט וועגען עפּעס געטראכט און געשוויגען.

ווען מען האט אָנגעקלונגען צום טהעע, זיינען די מענער מיט אויפגעהויבענע קראַגענס פון זייערע רעק און די דאַמען מיט בלאַסע, פערשלאָפענע פּנים'ער, אראָב אונטען. איין דאַמע, א יונגע און זעהר א שעהנע, די זעלביגע, וועלכע האט אין וואָלאָטשיסק זיך געבייזערט אויף די בעאַמטע פון צאָהל־הויז, האט זיך אַוועקגעשטעלט פאר שאַ־מאַכין'ען און צו איהם געזאָגט מיט אַן אויסדרוק פון א קאַפּריזנעם, נאָכגעגעבענעם קינד:

— זשאַן, דיין פייגעלע איז פערוויגט געוואָרען!

דערנאָך, וואוינענדיג אין יאַלטע, האב איך אַמאָל געזעהן, ווי די דאָזיגע שעהנע דאַמע האט זיך געיאָגט אויף א טהייערען פערד און הינטער איהר האבען קוים נאָכגעהאַלטען עפּעס צוויי אָפיציערען און ווי זי האט איין מאָל אין דער פריה אין א היטעלע און אין א פאַרטוך געמאָהלען מיט אויל־פאַרב אַן עטיוד. זי איז דאַן געזעסען ביים ברעג

ים און א גרויסער עולם איז געשטאַנען פון ווייטען און מיט בעגיי־סטערונג געקוקט אויף איהר.

איך האב זיך אויך מיט איהר בעקענט. זי האט פעסט, פעסט מיר די האַנד געדריקט, געקוקט אויף מיר מיט התפעלות און מיט א זיס־זינגענדיג שטימעלע, האט זי מיר בעדאַנקט פאר דאס פערגעני־גען, וואס איך האב איהר פערשאַפט מיט מיינע פערפאַסונגען.

— גלויבט איהר נישט — האט מיר איינגערוימט שאַמאָכין — זי האט אייערס גאָרנישט געלעזען.

איין מאָל, עפּעס א פאַרנאַכט, בעת איך האב געשפּאַצירט ארום ים, האב איך אָנגעטראָפען שאַמאָכין'ען. אין די הענד האט ער געהאַל־טען פעקלאַך מיט צובייסען און פרוכטען.

— פירסט מאַקטויעוו איז דאָ! — האט ער געזאָגט א פרעה־לאַכער — נעכטען איז ער אהער געקומען מיט איהר ברודער, דעם ספּיריטואַליסט. איצט פערשטעה איך שוין וועגען וואס זי האט זיך דורכגעשריעבען מיט איהם! גאָטוניו! — האט ער אויסגעשריען, קוקענדיג אויף'ן הימעל און צודריקענדיג די פּעקלאַך צו דער ברוסט — ווען ביי איהר מיט דעם פירסט זאָל עפּעס ארויסקומען, דאַן בין איך דאָך בעפרייט, דאַן וועל איך קענען אוועקפאָהרען צום פאָטער אין דאָרף!

און ער איז אוועקגעלאָפען ווייטער.

—איך הויב אויך אָן צו גלויבען אין גייסטער — האט ער צו מיר א געשריי געטהאָן, אומקוקענדיג זיך — דער גייסט פון דעם זיידען איליאַריאָן האט, דאַכט זיך, די וואהרהייט פּראָפעצייהט! אָה, ווען דאס זאָל זיך טאַקע אזוי אויסלאָזען!

אויף מאָרגען נאָך דער דאָזינער בעגעגעניש האב איך פערלאָזען יאַלטע, און מיט וואס עס האט זיך געענדיגט שאַמאָכין'ס ראָמאַן, ווייס איך נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג נישט.

גנבים

דער פעלדשער יערגונאָוו, א מענש א גרויסער גאָרנישט, וואס האט געהאַט א שם איבער גאַנצען בעצירק פאר א גרויסען ליגנער און שכור, האט איינמאָל אין א יום טוב'דיגען פארנאכט זיך צוריק־געקעהרט פון דעם קליין שטעדטעל רעפינא, וואוהין ער איז געפאָהרען איינקויפען זאכען פאר'ן שפיטאָל.

אום ער זאָל זיך נישט פערשפעטיגען און צוריקקעהרען זיך פאר־פריה, האט דער דאָקטאָר איהם געגעבען זיין בעסטען פערד.

אפריהער איז דאס וועטער געווען נישקשה'דיג, שטיל, נור ארום אכט האט זיך אויפגעהויבען א שטארקער שנעע־שטורם און ווען ער איז שוין געווען א וויאָרסט זיעבען פון דער־היים, האט דער פעלד־שער פערלאָרען דעם וועג...

ווי צו קירעווען ריכטיג א פערד האט ער ניט געוואוסט, דער וועג איז איהם אויך ניט געווען בעקאַנט, איז ער געפאָהרען סתם אין דער וועלט אריין, וואוהין די אויגען פיהרען, האָפענדיג, אז דער פערד אליין וועט שוין אויסגעפינען דעם וועג.

אזוי זיינען אוועק א צוויי שעה, דער פערד האט זיך פערמאָר־טערט, ער אליין איז דערפראָרען געוואָרען און עס האט זיך איהם שוין גענומען דאכטען, אז ער פאָהרט נישט אהיים, נור צוריק אין רעפינא. פלוצים האט ער דערהערט אין דעם טומעל פון דעם שנעע־שטורם א פערשטיקטען בילען פון א הונד, און פאר איהם איז ארויסגעשוואו־מען א רויט־דונקעלער פלעק, דערנאָך האבען ביסלעכווייז גענומען ארויסטרעטען הויכע טויערען און א לאַנגער פארקאַן, אויף וועלכען עס זיינען אָנגעשלאָגען געווען טשוועקעס מיט די שפיצען ארויף, דערנאָך האט פון אהינטער'ן פארקאַן ארויסגעשוואומען א קרומער שטיינג פון א ברונים.

דער ווינד האט פעריאָגט פון די אויגען די שנעע־פינסטערניש, און דאָרט, וואו עס איז ערשט געווען דער רויט־דונקעלער פלעק, איז ארויסגעוואַקסען א קליין, ניעדריג שטיבעל מיט א הויכען דאַך, וואס איז בעדעקט געווען מיט וואסער־פּלאַנצען. פון די דריי פענסטער איז איינס, וואס איז פערהאנגען געווען פון אינווענינ מיט עפּעס רויטעס, געווען בעלייכטעט.

וואס איז עס פאר א הויז? דער פעלדשער האט זיך דערמאָנט, אז אויף דער רעכטער זייט פון'ם וועג, א זעקס־זיעבען ווערסט פון'ם שפּיטאָל, דאַרף זיך ערגעץ געפינען דער גאַסט־הויף פון אנדריי טשיריקאָוו.

ער האט זיך אויך דערמאָנט, אז טשיריקאָוו'ן האבען ניט לאַנג דער'הרג'עט פּוהרמאַנעס, אז נאָך איהם זיינען פערבליעבען זיין אַלטע און א טאָכטער ליובקא, וועלכע איז פאר צוויי יאָהרען געפּאָה־רען אין שפּיטאָל זיך קורירען.

דער דאָזיגער גאַסט־הויף האט געהאט א שלעכטען נאָמען און פאַרפּאָהרען אהין שפּעט בייאַכט, און נאָך מיט א פרעמדען פערד, איז געווען אביסעלע געפעהרליך. ער האט זיך אבער נישט געקענט העלפען. ער האט אָנגעטאַפּט ביי זיך אין רייזע־טאַש דעם רעוואָלווער, האט שטרענג א הוסט געטהאָן און אָנגעקלאַפּט מיט'ן בייטש אין פענסטער.

— העי, ווער איז דאָרט? — האט ער אויסגעשריען — לאָזט אריין זיך אָנוואָרעמען!

א שוואַרצער הונד האט מיט א הייזעריגען בילען זיך א קייקעל געטהאָן דעם פערד אונטער די פיס, נאָך איהם א צווייטער הונד, א ווייסער, און דערנאָך אַנדערע, אזוי א שטיק צעהן!

דער פעלדשער האט אויסגעקליבען דעם גרעסטען פון זיי און האט איהם מיט דער גאַנצער קראַפט מכבד געווען מיט'ן בייטש. דער הונד, ניט קיין גרויסער, מיט לאַנגע פיס, האט פעררעסען אין דער הויך זיין שפּיציגע מאָרדע און האט גענומען סקאַוואוטשען מיט א דין, שניידענדיג קול־כעל.

א לאַנגע צייט איז דער פעלדשער געשטאַנען פאר'ן פענסטער און געקלאַפּט. נור אָט האט הינטער'ן פאַרקאַן, נעבען הויז, א רויטער שיין אָפּגעשלאָגען אויף דעם אייז־טהוי, וואס איז געלעגען אויף די

ביימער, די טויער האט א קרעכץ געטהאָן, און עס האט זיך בעוויזען אן איינגעוויקעלטע פרויען־געשטאַלט מיט א לאַנטערנע אין די הענד.

— לאָז מיך אריין אָנווארעמען זיך, באבוניו — האט דער פעלד־שער געזאָגט — איך בין געפאָהרען אין שפּיטאָל און האב דעם וועג פערלאָרען. א וועטער, זאָל גאָט אויסהיטען פון אזא — האב נור נישט מורא, באבוניו, מיר זיינען אייגענע מענשען.

— די אייגענע מענשען זיצען אלע אין דער־היים און פרעמדע האבען מיר ניט געבעטען צו קומען — האט די פרויען־געשטאַלט גראָב ארויסגערעדט — און וואס קלאַפּט איהר גלאַט אין דער וועלט אריין? די טויער איז ניט פערשפּארט.

דער פעלדשער איז ארויפגעפאָהרען אויפ'ן הויף און האט זיך אָפּגעשטעלט נעבען פּליעגעל.

— הייס, באבוניו, דיין ארבייטער, ער זאָל דעם פערד אויס־שפּאַנען — האט ער געזאָגט.

— איך בין ניט קיין באבוניו.

און אין דער אמת'ן איז דאס ניט געווען קיין „באבוניו." ווען זי האט געלאָשען איהר לאַנטערנע, האט זיך איהר פּנים בעלייכטעט און דער פעלדשער האט דערזעהן שווארצע ברעמען, און האט גלייך דערקענט ליובקא'ן.

— וואו זאָל מען אייך איצט נעהמען ארבייטער — האט זי גע־זאָגט, געהענדיג אין שטוב — אַנדערע פון זיי ליעגען דאָרט שכור'ע און שלאָפען און די איבעריגע זיינען נאָך אין דער פריה אוועק אין שטעדטעל. עס איז יום טוב היינט...

צוגעבונדען דעם פערד אונטער דעם וועטער־דאך, האט יערגו־נאָוו דערהערט א הירזשען. ער האט זיך איינגעקוקט אין דער פינ־סטערניש און דערזעהן נאָך עמיצענס א פערד און אָנגעטאַפּט א קאָ־זאקען־זאָטעל.

פון דעם האט ער זיך אָנגעשטויסען, אז אין שטוב געפינט זיך נאָך עמיצער, חוץ די בעלי הבית'טעס.

פון זיכערקייט וועגען האט ער ארונטערגענומען דעם זאָטעל פון זיין פערד און האט איהם צוזאמען מיט די איינגעקויפטע זאכען מיט זיך מיטגענומען אין שטוב אריין.

אין דעם ערשטען צימער, וואוהין ער איז אריינגעקומען, איז גע־

ווען גראם, היים און עס האט געשמעקט דאָרט מיט ניט לאַנג אויס־געוואַשענע פּאָדלאָגעס.

ביים טיש אונטער די הייליגע בילדער איז דאָרט געזעסען א ניעדריגער מאָגערער פּויער, א יאָהר פערציג אַלט, מיט א קליין דונ־קעל־בלאָנד בערדעל און אין א בלויען העמד.

דאס איז געווען קאַלאַשניקאָוו, א בעוואוסטער שווינדלער און פערד־גנב. זיין טאַטע און זיין פעטער זיינען געווען שענקערס און האבען אויך געהאנדעלט מיט גע'גנב'עטע פערד, וואו נור עס האט זיך געמאַכט.

דעם דאָזיגען קאַלאַשניקאָוו'ן האט ער נישט איין מאָל געזעהן אין שפּיטאָל. ער פלעגט קומען אהין ניט קורירען זיך, נור א טאָפּ טהאָן דעם דאָקטאָר, אויב זיין וואוילגעבורט דער הערר דאָקטאָר וויל ניט פערקויפען אדער בייטען זיך אויף פערד.

איצט איז דער קאָפּ ביי איהם געווען אָנגעפּאַמאַדעוועט און אין אָן אויער האט ביי איהם געבלישצעט א זילבערן אויערינגעל, און אין גאַנצען האט ער אויסגעזעהן שטאַרק יום טוב'דיג.

אָנגעכמורעט און מיט דער אונטערשטער ליפּ ארונטערגעלאָזט, האט ער מיט התמדה אריינגעקוקט אין א גרויסען, צוריסענעם בוך מיט בילדער. אויסגעצויגען אויף דער פּאָדלאָגע נעבען אייווען, איז געלעגען א צווייטער פּויער; זיין פּנים, אַקסלען און ברוסט זיינען איי־בערגעדעקט געווען מיט א פּעלצעל, הפּנים ער האט געשלאָפען. נעבען זיינע נייע שטיוועל מיט בלישצענדיגע פּאָדקאָוועס זיינען געשטאַנען צוויי דונקעלע בלאַטקעס פון דעם צוגאַנגענעם שנעע.

אז קאַלאַשניקאָוו האט דערזעהן דעם פעלדשער, האט ער איהם בעגריסט.

— נו, א וועטערל — האט געזאָגט יערגונאָוו, רייבענדיג מיט די הענד די געפראָרענע קניע — דער שנעע איז אפילו אונטער'ן קאָל־נער פארקראָכען, איך בין אין גאַנצען נאס... און וואס הערט זיך עפּעס מיט'ן רעוואָלווער?...

ער האט ארויסגענומען דעם רעוואָלווער, ארומגעקוקט איהם פון אַלע זייטען און איהם צוריק אריינגעלייגט אין זיין רייזע־טאַש. אבער דער רעוואָלווער האט קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט: דער פּויער האט, ווי פריהער, געקוקט אין בוך אריין.

— נו, א וועטערל... איך האב דעם וועג פערלאָרען און ווען ניט די הינט פון דאַנען, קען זיין, אז איך וואָלט קיין לעבעדיגער ניט ארויס... א שעהנע געשיכטע וואָלט דאס געווען. און וואו זיינען עפּעס די בעלי הבית׳טעם?

— די אַלטע איז אין שטאָדט אוועק און דאס מיידעל קאָכט וועטשערע — האט קאַלאַשניקאָוו געענטפערט.

א שוויינען. דער פעלדשער האט זיך געטרייסעלט און געבלי־פּעט, געהויכט אויף די לאַדאָנעס, האט זיך אין גאַנצען געקנויטשט און געקאַרטשעט און האט זיך געמאַכט, אז ער איז זעהר דערפראָרען און אויסגעמאַרטערט.

פון הויף האט זיך געטראָגען דאס בילען פון די הינט. עס איז געוואָרען לאַנגווייליג.

— דו אליין קומסט פון באגאליעווקי, ניין? — האט פּלוצים דער פעלדשער זיך געווענדעט צום פּויער מיט א שטרענגען טאָן.

— יאָ, פון באגאליעווקי — האט דער פּויער געענטפערט.

דער פעלדשער האט געקענט די דאָרף באגאליעווקי. א גרויסע דאָרף און זי איז געלעגען אין א טיעפען טהאָל, אז ווען מען פלעגט פאָהרען אין א לבנה־נאַכט איבער׳ן ברייטען וועג און מען פלעגט א קוק טהאָן אין דעם טיעפען טהאָל ארונטער און דערנאָך ארויף צום הימעל, פלעגט זיך אויסדאכטען, אז די לבנה הענגט איבער א טיעפען, אָהן אן עק טיעפען אָפּגרונד און אז דאָ איז די ענד פון דער וועלט. דער וועג צו דער דאָרף ציהט זיך א משופּע׳דיגער, א פערדרעהטער און אזא שמאָלער, אז ווען מען פאָהרט אהין אויף א מגפה אדער אויף פּאָקען־שטעלען, מוז מען די גאַנצע צייט האַלטען אין איין שרייען און געוואַלדעווען אדער פייפען, אניט קען מען זיך נאָך אָנטרעפען מיט א וואָגען אנטקעגען און דעמאָלט סטאָפּ! נישט אהער און נישט אהין...

די פּויערען פון באגאליעווקי האבען א שם פאר גוטע גערטנערס און פערד־גנבים; זייערע סעדער זיינען רייכע: פריהלינג־צייט באַדט זיך די גאַנצע דאָרף אין ווייסע קאַרשען־בליטהען, און זומער פער־קויפט מען דאָרט קאַרשען צו דריי קאָפּיקעס אַן עמער. בעצאָהל דריי קאָפּיקעס און ווער צוזעצט פרעסענדיג. די פרויען ביי יענע פּויערים זיינען שעהנע און זאַטע, זיי האבען זיך ליעב צו פּוצען און געהען

ארום לעדיג, אפילו אין מיטען־וואָך טהוען זיי אויך גאָרנישט, זיצען נור אויף די פריזשבעס און זוכען אין די קעפּ איינער ביים אנדערן.

אבער אָט האבען זיך דערהערט טריט. אין צימער איז אריינגע־קומען ליובקא, א מיידעל א יאָהר צוואַנציג אַלט, אין א רויטען קלייד, און א בארפוסע...

זי האט פון דער זייט א קוק געטהאָן אויפ'ן פעלדשער און איז זיך א פּאָאר מאָל דורכגעגאַנגען פון איין ווינקעל אין דעם אנדערן.

געטראָטען האט זי ניט איינפאַך, נור מיט קליינינקע טריטעלאַך, אויסגעשטעלט אין פאָראויס די ברוסט. עס איז קענטיג געווען, אז זי האט הנאה פון שליאָפּען מיט די בארפוסע פיס איבער דער ניט־לאַנג אויסגעוואַשענער פּאָדלאָגע און האט אומיסטנע צוליעב דעם זיך בארפוס אויסגעטהאָן.

קאַלאשניקאָוו האט עפּעס א שמייכעל געטהאָן און זי א מאַניע געטהאָן צו זיך מיט א פינגער.

זי איז צוגעגאַנגען צום טיש און ער האט איהר אָנגעוויזען אין בוך אויף אליהו הנביא, וועלכער האט אָנגעטריבען דריי פערד, וואס האבען זיך געטראָגען צום הימעל.

ליובקא האט זיך מיט עלענבויגענס אָנגעלויגט אָן טיש; זי האט אריבערגעוואָרפען איבער'ן אַקסעל איהר לאַנגען געלען צאָפּ מיט א רויטער שטענגע ביים עק, וועלכער האט שיעור ניט דערגרייכט די פּאָדלאָגע, האט זיך אין בילד איינגעקוקט און אויך א שמייכעל גע־טהאָן.

— אָן אויסגעצייכענט, א מערקווירדיג בילד! — האט געזאָגט קאַלאשניקאָוו — א מערקווירדיג בילד! האט ער איבערגע'חזר'ט, און א מאַך געטהאָן מיט די הענד אזוי, אַקוראט ווי ער וואָלט גע־וואָלט אנשטאט אליהו הנביא די לייצעס אליין אריינגעהמען אין די הענד.

אין אייווען האט דער ווינד געוואָויעט; עפּעס האט דאָרט געגור־מען רימשען און א קוויטשע געטהאָן, אַקוראט ווי א גרויסער הונד וואָלט א ראט דערשטיקט.

— ווי די שדים האבען זיך דאס צוהוליעט! — האט ליובקא זיך אָנגערופען.

— דאס איז דער ווינד — האט קאַלאשניקאָוו געזאָגט. ער איז

אנשווייגען געוואָרען, אָנגעקוקט דעם פעלדשער און געפרעגט:

— און ווי מיינט איהר, אָסיפּ וואַסיליטש, לויט אייער וויסענשאַפטליכען שכל, ווי מיינט איהר: זיינען דאָ אויף דער וועלט שדים, צו ניין?

— ווי זאָל איך דיר זאָגען, ברודערקע? — האט געענטפערט דער פעלדשער און א דריק געטהאָן מיט איין אַקסעל — ווען מען זאָל עס בעטראַכטען לויט דער וויסענשאַפט, זיינען קיין שדים אודאי ניטאָ, ווארום דאס איז א פאַראורטהייל; אבער ווען מיר זאָלען עס בעטראַכטען אויף א פשוט'ען שטייגער, אָט אזוי צווישען מיר און דיר, זיינען, קורץ גערעדט, שדים יאָ דאָ... איך האב אויף מיין לעבען שוין א היבשע ביסעל געזעהן... אז איך האב געענדיגט מיין שטודיאום, בין איך דערנאָך אריינגעטראָטען אלס מיליטער־פעלדשער אין דראַגונעם רעגימענט און בין געוועזן אויף דער מלחמה אויך, וואו איך האב בעקומען א מעדיאַל פון דעם „רויטען קרייץ" פאר אויסצייכענען זיך. נאָך דער מלחמה בין איך געקומען צוריק נאָך רוסלאַנד און בין אריינגעטראָטען אלס פעלדשער אין דאָרף־שפּיטאָל. מחמת אזאַ גרויסער צירקוליאַציאָן פון מיין לעבען, קען איך זאָגען, אז איך האב אזוי פיעל געזעהן און אזוינס, וואס קיינעם האט זיך עס אפילו נישט גע'חלום'ט. איך האב שדים אויך געזעהן, דאס הייסט, ניט מיט הערנער און ווידלען — דאס איז אלץ א באָבע־מעשה, נור אזוינע, אזוי צו זאָגען, וואס זיינען געוועזן פון דעם שד'ישען מין...

—וואו האט איהר זיי געזעהן? — האט קאַלאשניקאָוו געפרעגט.

— אין פערשיעדענע ערטער. שאַ, וואס דארף איך וייט זוכען? לעצטען זומער, נישט הײנט ביינאַכט געדאַכט, האב איך איהם געטראָפען דאָ דערביי, מען קען זאָגען, עטליכע טריט פון דעם הויף. איך בין געפאָהרען, געדענק איך, אין גאַלישינאַ, האב געדארפט דאָרט פּאָקען שטעלען. ווי געוועהנליך, בין איך געפאָהרען אויף א לייכטער דראָשקע מיט א פערד, מיט די אלע זיעבען זאַכען, דערצו האב איך ביי זיך געהאט מיין זייגער און אזוי וייטער, קורץ: בין איך געפאָהרען און זיך געהיט. טאָמער, אין אָן אונגליקליכער שעה זאָל נישט זיין אויסגערעדט, טאָמער... ווענינ וואַגאַבונדען שלעפּען זיך ארום, וואס?... פאָהר איך מיר אזוי באַרג אראָפּ, פּלוצים, דאס, עמיצער

געהט. שוואַרצע האָאַר, שוואַרצע אויגען און דער גאַנצער פּנים איז ווי פערדרויכערט... געהט ער צו צו מיין פערד און טהוט א כאַפּ אַן די לינקע לייצע — סטאָפּ! האט ארומגעקוקט דעם פערד, דערנאָך מיך און ארויסגעלאָזען די לייצע. אפילו, קיין שלעכט וואָרט האט ער נישט געזאָגט. „וואוהין פאָהרסטו?" — פרעגט ער, און די צייהן זיינען ביי איהם אויסגעשצירעט, און די אויגען אזוינע בייזע... אַך, דו ליץ איינער — טראַכט איך מיר און זאָג איהם: „איך פאָהר פּאָקען שטעלען." מאַכט ער: „אויב אזוי, שטעל מיר אויך פּאָקען." האט פערקאַשערט די האנד און רוקט זי מיר אונטער דער נאָז. מסתמא האב איך מיט איהם א סך ניט גערעדט, האב גענומען און איהם גע־שטעלט פּאָקען, אבי אָפּטשעפּען זיך פון איהם. דערנאָך טהו איך א קוק אויף מיין לאַנצעט, מיט וועלכען איך האב איהם די פּאָקען גע־שטעלט, ערשט ער איז אין גאַנצען פערזשאַווערט.

דער פויער, וואס האט געשלאָפען נעבען אייווען, האט מיט אמאָל זיך גענומען קעהרען און ארונטערגעוואָרפען פון זיך דעם פעלצעל, מיט וועלכע ער איז געווען צוגעדעקט. דער פעלדשער האט איהם דער־זעהן און ווייט געעפענט די אויגען. ער האט אין דעם פויער דערקענט יענעם אונבעקאַנטען, פון וועלכען ער האט נור וואס גערעדט. די האָאַר, באָרד און אויגען זיינען ביי דעם דאָזיגען פויער געווען שוואַרצע, ווי קויל, דער פּנים דונקעל און נאָך אלס צוגאָב צו דעם איז אויף דער רעכטער באַק ביי איהם געווען א שוואַרצער פלעק, ווי א לינז די גרויס.

— פאר דער לינקער לייצע האב איך טאַקע אָנגענומען — דאס איז אמת, און מכוח פּאָקען שטעלען — דאס האָסטו געבולען, מיין הערר. מכוח פּאָקען שטעלען איז ביי אונז אפילו קיין וואָרט נישט גערעדט געווען.

דער פעלדשער איז צומישט געוואָרען.

— איך רייד ניט וועגען דיר — האט ער געזאָגט — ליען, אז דו ליענסט.

דער דונקעלער פויער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין שפּיטאָל און דער פעלדשער האט ניט געוואוסט, ווער ער איז און פון וואַנען און, קוקענדיג איצט אויף איהם, האט ער ביי זיך בעשלאָסען, אז דאס איז הפּנים א ציגיינער.

דער פויער האט זיך אויפגעהויבען און, ציהענדיג זיך און גענעצענדיג אויפ'ן קול, איז ער צוגעגאַנגען צו ליובקע'ן און קאַלאַשניקאָוו'ן, האט זיך אנידערגעזעצט נעבען זיי און אויך גענומען קוקען אין בוך אריין.

אויף זיין פערשלאָפענעם פּנים איז ארויסגעטראָטען אַן אויסדרוק פון התפּעלות און קנאה.

— אָט, מעריק — האט זיך צו איהם געווענדעט ליובקאַ — קריג מיר אַזעלכע פערדלאַך און איך וועל אויפ'ן הימעל אַוועקפאָהרען.

— דער הימעל איז ניט פאר זינדיגע, — האט געזאָגט קאַלאַשניקאָוו — נור פאר הייליגע.

דערנאָך האט ליובקאַ געגרייט דעם טיש, אריינגעטראָגען א גרויסען שטיק חזיר־שמאַלץ, געזאַלצענע אוגערקעס, געקאָכטען פלייש אויף א הילצערנעם טעלער, וואס איז צושניטען געווען אויף קליינע שטיקעלאַך, דערנאָך א פאַן, אויף וועלכער עס האט געשיפּעט וואורשט מיט קרויט. זי האט אויך געבראכט א גראפין מיט שנאַפּס, פון וועלכען עס האט זיך צוטראָגען איבער'ן גאַנצען שטוב, בעת מען האט עס נעגאָסען אין די גלעזעלאַך, א ריח פון אראַנדזש.

דעם פעלדשער האט פערדראָסען, וואס קאַלאַשניקאָוו און דער דונקעלער מעריק ריידען צווישען זיך און קוקען זיך אויף איהם גאָרנישט אום, אקוראט ווי ער וואָלט דערביי ניט געווען.

און איהם האט זיך אזוי געוואָלט מיט זיי א שמועס טהאָן, א בעריהם טהון זיך, אויסטרינקען, אָנעסען זיך און טאַקי א שטיעף טהאָן מיט ליובקאַ'ן אויך, אויב עס וועט נור מעגליך זיין.

ליובקאַ האט איהם גערייצט. פאר דער קורצער צייט, זייט זי האט דאס עסען אויפ'ן טיש געשטעלט, האט זי זיך אמאָל פינף נעבען איהם געזעצט און, ווי ניט ווילענדיג, איהם אָנגעריהרט מיט איהרע שעהנע שולטערען און זיך געגלעט מיט די הענד איהרע ברייטע היפטען.

דאס איז געווען א געזונדע מיידעל, א פרעהליכע, א פלינקע, וועלכע האט אויף איין אָרט ניט געקענט איינזיצען: דאָ זעצט זי זיך, דאָ הויבט זי זיך אויף ווידער און, אז זי זיצט שוין, קעהרט זי זיך צו איהר שכן אדער מיט דער ברוסט, אדער מיט'ן רוקען און בעת

דעם פערטשעפּעט זי זיך אָן איהם אדער מיט׳ן עלענבויגען אדער מיטן דער קניע.

דעם פעלדשער איז אויך ניט געפעלען געוואָרען, וואס די פּויערים האבען נור אויסגעטרונקען צו איין גלעזעלע און האבען שוין מעהר ניט געטרונקען, עפּעס אליין טרינקען מעהר האט איהם ניט געפּאסט. ער האט אבער ניט אויסגעהאלטען און אויסגעטרונקען א צווייטע גלעזעלע, דערנאָך א דריטע און האט אויפגעגעסען דעם גאַנ־צען וואורשט.

אום די פּויערים זאָלען זיך פון איהם ניט האלטען פון ווייטען, זאָלען מיט איהם חבר ווערען, האט ער בעשלאָסען צו געבען זיי א חניפה:

— וואוילע יונגאטשעס זיינען ביי אייך אין באגאליעווקי! — האט ער געזאָגט און מיט׳ן קאָפּ א דרעה געטהאָן.

— אין וואס פאר א הינזיכט וואוילע יונגאטשעס? — האט קאַ־לאשניקאָוו געפרעגט.

— נו, כאָטש אין דער הינזיכט פון גנב׳ענען פערד. גרויסע בריה׳אקעס צו גנב׳ענען!

— געפונען אויך בריה׳אקעס! זיי זיינען נישט מעהר ווי שכורים און גנבים!

— געווען אמאָל א צייט, זי איז שוין אבער אוועק! — האט זיך אָנגערופען מעריק נאָך א קורצען שווייגען — היינט איז ביי זיי פער־בליעבען נור איין פיליא און ער אליין איז איצט אויך בלינד.

— יאָ, איין פיליא — האט קאלאשניקאָוו אונטערגעבאָפּט מיט א זיפץ — ער מוז שוין זיין איצט אודאי א יאהר זיעבציג אלט. איין אויג האבען איהם די דייטשע קאָלאָניסטען אויסגעשטאָכען און אויפ׳ן אנדערן קוים וואס ער זעהט: א בעלמאָ אויפ׳ן אנדערן אויג. אמאָליגע יאָהרען, אז דער סטאנאָוואָי האט איהם דערזעהן, האט ער גלייך געשריען: „העי, דו שאמיל!" און די פּויערים האבען איהם אויך גערופען: שאמיל און שאמיל, און איצט האט ער קיין אנדער נאָמען ניט, ווי דער קרומער-פיליא. און דער איז דאָך אמאָל געווען אזא בריה׳אק! מיט דעם זעליגען ליובא׳ס טאטען האבען זיי אמאָל בייגאנד אונטערגע׳גנב׳עט זיך אונטער ראָזשנאָוואָ א ביינאכט און דאָרט זיינען געשטאנען רעגימענטען סאָלדאטען אויף פערד, און זיי

האבען א פאַרצאַפּע געטהאָן א ניין שטיק פון די דאָזיגע סאָלדאַטישע פערד, פון די סאַמע בעסטע, און אוועק! פאר דער וואָך האבען זיי אפילו ניט מורא געהאַט און אויף מאָרגען אין דער־פריה האבען זיי די אַלע ניין פערד פערקויפט צו דעם ציגיינער אַפאַנקע פאר צוואַנ־ציג רובעל! יאָ! און דער היינטיגער פערד־גנב וועט צונעהמען א פערד ביי א שכור'ען מענשען צו ביי א שלאָפענדען מענשען, האָט ניט גאָט אין זיין הארצען און וועט אפילו אוועקנעהמען פון'ם שכור'ען זיינע שטיוועל, דערנאָך ציטערט ער, פאָהרט אוועק מיט'ן גע'גנב'־עטען פערד א צוויי הונדערט ווי'אַרסט ווייטער און דערנאָך דינגט ער זיך אויפ'ן מארק, דינגט זיך און דינגט זיך, ווי א איד, ביז דער אוראַדניק ארעסטירט איהם ניט, דעם נאַר. אזוינע זיינען נור א שאַנד, קליינינקע מענשעלאַך די היינטיגע פערד־גנבים, וואס זאָל מען ליי־קענען, ווערט, מען זאָל אויף זיי א שפיי טהאָן.

— און מעריק? — האט ליובקא געפרעגט.

—מעריק איז ניט איינער פון אונזערע — האט קאַלאַשניקאָוו געענטפערט — ער איז א כארקאָווער, אוים מיזשיריטש. און אז ער איז א בריה'אָק דאס איז זיכער, מען קען נישט זאָגען, א בראַווער מענש.

ליובקא האט כיטרע און פרעהלאַך א קוק געטהאָן אויף מעריק'ן און געזאָגט:

— יאָ, ניט אומזיסט האבען איהם גוטע מענשען אין לונקעס גע־באָדען.

— וואס הייסט? — האט זיך א כאַפּ געטהאָן דער פעלדשער.

— אזוי ווי איהר הערט... — האט מעריק אליין געזאָגט און א שמייכעל געטהאָן — פיליא האט צוגענומען ביי די סאַמאָילאָווער אַרענדאַרס דריי פערד, האבען זיי געמיינט, אז דאס איז מיין מלאכה. זיי אַלע, די אַרענדאַרס, זיינען אין סאַמאָילאָווע א מאָן צעהן און צוזאַמען מיט זייערע ארבייטער זיינען זיי אָן ערך א מאָן דרייסיג, און אַלץ אזוינע געזונטע כלאָפּעס, מאָלאָקאַנעס... זאָגט איינער צו מיר אויפ'ן מארק: „מעריק, קום צוגעהן, א קוק טהאָן אונזערע נייע פערד, וואס מיר האבען געבראַכט פון'ם מארק"... בין איך דאָך מסתמא נייגעריג און קום מיר צוגעהן צו זיי; זיינען זיי מיך אַלע בע־פאַלען, א מאָן דרייסיג, האבען מיר די הענד פערדרעהט אהינטער און אוועקגעשלעפּט צום טייך. מיר וועלען דיר שוין ווייזען פערד,

זאָגען זיי. איין לונקע איז שוין דאָרט געװען א פּאַרטיגע, האָבען זיי אויסגעהאַקט נעבען איהר א צװייטע, אויף א קלאַפטער אַן ערך די ברייט. דערנאָך האָבען זיי גענומען א שטריק, האָבען זי מיר אונטער די פּאַכװעס פערצװיגען מיט א קנופּ און צום צװייטען עק האָבען זיי אָנגעבונדען א קרומען שטעקען, װאָס אז מען האָט איהם אריינגע־רוקט אין איין לונקע, איז ער מיט'ן שפּיץ ארויס פון דער צװייטער. נו, האָבען זיי אריינגערוקט דעם שטעקען אין איין לונקע, האָבען איהם גענומען שלעפּען ביים שפּיץ דורך דער צװייטער. די שטריק נאָכ'ן שטעקען, איך נאָך דער שטריק — בוכץ אין לונקע אריין! מיט די שטיװעל און פּעלץ, אָט װי איך בין געשטאַנען! און זיי שטעהן ארום און שטופּען מיך, און שטופּען מיך טיעפער, װער מיט א פוס און װער מיט א פלאָקען. דערנאָך האָבען זיי מיך אװעקגעשלעפּט אונטער'ן אייז און האָבען מיך ארויסגעשלעפּט דורך דער צװייטער לונקע.

ליובקא האָט א ציטער געטהאָן און זיך אין גאַנצען צונויפגעקאָר־טשעט.

— אפריהער האָט מיך געװאָרפען פון דער קעלט אין היץ — האָט מעריק דערצעהלט װייטער — און אז מען האָט מיך צוריק ארויסגעשלעפּט, האָב איך אויף די פיס נישט געקענט איינשטעהן און בין געבליבען ליגען אויפ'ן שנעע, און די מאַלאַקאַנעס שטעהען איבער מיר און שלאָגען מיך מיט שטעקענס איבער די קניע און ארעמס. עס האָט מורא'דיג װעה געטהאָן! האָבען מיך געשלאָגען און געשלאָגען און דערנאָך אװעקגעגאַנגען... און אויף מיר פריהרט אלעס, מיינע קליידער זיינען געװאָרען איין שטיק אייז. האָב איך זיך אויפגעהויבען און קיין כוח ניטאָ א טראָט צו טהאָן. צו מיין גליק, איז פערבייגעפאָהרען א פּויערטע, האָט זי מיך אויף איהר שלי־טען גענומען.

דערװיילע האָט דער פעלדשער אריינגעקנאַקט א פינף — זעקס גלעזלאך און איהם איז פרעהלאך געװאָרען אויפ'ן הארצען, און איהם האָט זיך אויך פערגלוסט צו דערצעהלען עפּעס אומגעװעהנליכעס, װאונדערליכעס, און ארויסװייזען זיך, אז ער איז אויך א יונג מיט ביינער און האָט פאַר גאָר נישט מורא.

— און ווען ביי אונז אין פּענזער גובערניע... האָט ער גע־וועזט אָנגעהויבען.

אָבער צו דערפאר, ווייל ער האָט פיעל געטרונקען, און אפשר דערפאר, ווייל מען האָט איהם קיין ברעקעל אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט און האָבען זאָגאר אויפגעהערט איהם צו ענטפערען אויף זיינע פראגען. מעהר: אין זיין געגענוואַרט האָבען זיי גענומען ריידען אזעלכע אָפענע דבורים, אז איהם איז קאַלט און וואַרעם געוואָרען פאר שרעק, און די דאָזיגע אָפענע דבורים זיינען געווען דער בעס־טער סימן, אז זיי בעמערקען איהם גאָר ניט.

די מאַנירען ביי קאַלאַשניקאָוו'ן זיינען געווען סאָלידע, ווי ביי א מענשען א געזעצטען און אויסגערעכענטען, גערעדט האָט ער טאָל־קאָווע און אז ער האָט א גענעץ געטהאָן, האָט ער זיך דעם מויל פער־שטעלט מיט א האַנד און קיינעם וואָלט ניט געקענט איינפאַלען, אז ער איז א גנב, א מיאוסער גנב, וועלכער האָט בע'גנב'עט אָרימע לייט און וועלכער איז שוין צוויי מאָל געזעסען אין טורמע. די פּויערים פון די ארומיגע דערפער האָבען שוין איינמאָל געהאַט וועגען איהם אַן אסיפה, אויף וועלכער עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו פאַרדרען, מען זאָל איהם פערשיקען קיין סיביר. נור זיין טאַטע און זיין פעטער, אויך אזוינע גנבים ווי ער, האָבען איהם אויסגעקויפט.

מעריק האָט זיך געהאַלטען פאר א בריה'אַק. ער האָט געזעהן, אז ליובקאַ'ן און קאַלאַשניקאָוו'ן איז ער שטאַרק געפעהלען, האָט ער זיך „געבראָכען", דאָ האָט ער זיך אָנגענומען ביי די זייטען, דאָ האָט ער די ברוסט ארויסגעשטעלט ווייט אין פאָראויס און דאָ האָט ער זיך אזוי אויסגעצויגען, אז די באַנק אונטער איהם האָט געקרעכצט...

נאָך דער וועטשערע האָט זיך קאַלאַשניקאָוו איבערגע'צלמ'ט פארן הייליגען בילד און א דריק געטהאָן מעריק'ן די האַנד. מעריק האָט זיך אויך איבערגע'צלמ'ט און א דריק געטהאָן די האַנד קאַלאַשניקאָוו'ן. ליובקאַ האָט צוגענומען פונ'ם טיש און זיי דערנאָך מכבד געווען מיט מיאַטנע לעקעכלאַך, ניס, יאַדרעס פון קאַווענעס און מיט זיסען וויין.

— זאָל ער האָבען א ליכטיגען גן עדן — האָט זיך אָנגערופען קאַלאַשניקאָוו, זאָגענדיג לחיים צו מעריק'ן: — ליובקאַ'ס טאַטע, מיין איך, אַנדרעי גרינאַריטש, ווען ער האָט געלעבט, פלעגען מיר

זיך פערקלייבען אָדער דאָ, אָדער ביי דעם ברודער מארטין — און, מיין גאָט, מיין גאָט! וואס פאר א מענשען, וואס פאר א געשפּרעכען! מערקווירדיגע געשפּרעכען! דאָ איז געוועזען אי מארטין, אי פיליא, אי פּיאָדער... אלץ אזוי עדעל און אנשטענדיג... און אז מיר זיינען אוועק הוליען, אוי האבען מיר געהוליעט! שטייטש, האבען מיר געהוליעט!...

ליובקא איז ארויסגעגאנגען און אין א ווײַלע ארום האָט זי זיך צוריקגעקעהרט אין אָ גרינעם טיכעל און מיט קאָרעלען אויפ'ן האלז.

— מעריק, זעה נור, וואָס קאלאשניקאָוו האָט מיר היינט געבראכט — האָט זי געזאָגט.

זי האָט זיך אוועקגעשטעלט פאר'ן שפּיעגעל און עטליכע מאָל א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, אום די קארעלען זאָלען קלינגען. דערנאָך האָט זי געעפענט א קופערט און אנגעהויבען ארויסצושלעפּען פון דאָרט דאָ א סיטצען קלייד מיט רויטע און בלויע פּינטעלאך, דאָ אן אנדער קלייד, א רויטס, מיט באנדען, וואָס האָט געשורשעט און געשאָכצעט, ווי פאפּיר. דאָ א נייעס טיכעל, א בלויעס, וואָס האָט אָפּגעשלאָגען מיט רעגענבויגען קאָליר, — און דאָס אלעס האָט זי געוויזען, לאכענדיג און פרעהענדיג זיך, און האָט מיט די הענד געפּאטשט, אקוראט ווי זי וואָלט זיך געוואונדערט, וואָס ביי איהר געפינען זיך אזעלכע קאָסטבארע זאכען.

קאלאשניקאָוו האָט אָנגעסטראָיעט א פּייפעל און גענומען שפּילען, און דער פעלדשער האָט בשום אופן נישט געקענט פערשטעהן, וואָס פאר אניגון. ער שפּיעלט, אן אומעטיגען צו א פרעהליכען, ווייל געקלונגען האָט עס דאָ זעהר טרויעריג, אזוי טרויעריג, אז וויינען האָט זיך געוואָלט, און באלד זעהר פרעהלאך.

און פּלוצים איז מעריק אויפגעשפּרונגען און גענומען טאנצען אויף איין אָרט אויף די קאָרקעס און דערנאָך, צושפּרייט די הענד, האט ער אויף די קארקעס אוועקגעשפּרייזט פון טיש צו דער אויווען, פון דער אויווען צום קופערט, דערנאָך האָט ער א שפּרונג געטהאָן אין דער הויך, אקוראט ווי מען וואָלט איהם א ביס געטהאָן, האָט א הילך געטהאָן מיט זיינע פּאָדקאָוועס אין דער לופטען און אוועקזעצען מיט'ן הינטען די פּאָדלאָגע.

ליובקאַ האט אַ מאַך געטהאָן מיטביידע הענד, ארויסגעלאָזען אַ ווילדען קוויטש און איז אוועק נאָך איהם.

אפריהער האָט זי זיך גערוקט צו איהם מיט אַ זייט, מיט אַ זייט, פער'גנב'עט אקוראט ווי זי וואָלט ברעה געהאט אונטערצו'גנב'ען זיך צו עמיצען און איהם אַ זעץ טהאָן פון הינטען, האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען פאַמעליך מיט די פּיאַטעס, אזוי ווי מעריק מיט די קאָרקעס, דערנאָך האָט זי זיך אַ דרעה געטהאָן, מעשה וואָלף, און האָט זיך צוגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע און איהר רויט קלייד האָט זיך בעת דעם אויפגעבלאָזען ברייט, ברייט.

און קוקענדיג אויף איהר בייז, מיט זיינע צייהן אויסגעשצירעט, האָט זיך מעריק אַ טראָג געטהאָן צו איהר, טאַנצענדיג אויף זיין הינטען, האט געוואָלט זי צודריקען מיט זיינע מורא'דיגע פיס; אבער זי איז אויפגעשפּרונגען, האָט דעם קאָפּ אַהינטער פערוואָרפען און, אַ מאַך געטהאָן מיט די הענד, ווי אַ גרויסער פויגעל מיט זיינע פליגלען, האט זי אוועקגעשוועבט איבער'ן צימער, קוים בעריהרענדיג מיט איהרע פיס די פּאָדלאָגע...

— אַך, וואָס פאַר אַ פייער אַ מיידעל! — האָט געטראַכט דער פעלדשער, זעצענדיג זיך אויפ'ן קופערט און קוקענדיג פון דאָרט אויף די טענץ: — אַ מיידעל פלאַם־פייער! דאָס לעצטע העמד איהר אוועקצוגעבען...

און איהם האָט וועה געטהאָן, וואָרום ער איז אַ פעלדשער און ניט קיין פּשוט'ער פויער, וואָרום איז אויף איהם אַ פּידזשאַק און אַ קייטעלע מיט אַ בעגלידעטען שליסעלע, און ניט קיין בלויע פויערשע העמד, מיט אַ שטריקעל אונטערגעגאַרטעלט. דעמאָלט וואָלט ער אויך אזוי דרייסט געקענט זינגען, טאַנצען, טרינקען און מיט ביידע הענד ארומכאַפּען ליובקאַ'ן און קוועטשען זי, און דריקען, אזוי ווי מע־ריק...

פון דעם ווילדען קלאַפּען, שרייען און ליאַרמען האט דאָס געשיר אין אַלמער געקלונגען און דאָס פייער פון דעם ליכט האָט געשפּרונ־גען.

האָט זיך איבערגעריסען דער פאָדים און די קאָרעלען האָבען זיך צושאָטען איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע, איז ארויסגעפאַלען פונ'ם קאָפּ דאָס גרין טיכעל און אנשטאָדט ליובקאַ'ן האָט זיך נור אַ רויטער

וואָלקען גערדרעהט און שווארצע אויגען האָבען געבליסטשעט און ביי מעריק'ן אליין וועלען, דאכט זיך, באלד־באלד הענד און פיס זיך אָפּ־רייסען...

נור אַט האָט מעריק צום לעצטען מאָל אַ קלאַפּ געטהאָן מיט די פיס און איז שטעהן געבליבען, ווי אַן איינגעגראָבענער... און ליובּ־קאַ, אַ פערמאַטערטע, קוים אָטהעמענדיג, איז מיט'ן קאָפּ צו איהם אויף דער ברוסט צוגעפאַלען און האָט זיך צוגעדריקט צו איהם, ווי צו אַ זייל, און ער האט זי ארומגענומען און, קוקענדיג איהר אין די אויגען, האָט ער געזאָגט ווארעם און צערטליך, אזוי ווי אויף אַ שפּאַס:

— איך ווייס שוין, וואו דיין אַלטע האָט איהר געלד בעהאַל־טען. איך וועל זי טויטען און דיר וועל איך די העלזעלע מיט אַ מע־סער איבערשניידען און דערנאָך וועל איך אונטערצינדען אייער גאַסט־הויף... לייט וועלען דעמאָלט מיינען, אַז איהר זייט אומגע־קומען אין דער שרפה, און איך וועל אוועק מיט אייער געלד נאָך קובאַן, וועל דאָרט טאַבונעס פערד טרייבען און וועל שעפּסען האָ־דעווען...

ליובקאַ האָט גאָר ניט געענטפערט, האָט נור אַ קוק געטהאָן אויף איהם מיט אַ שולדיגער מינע און געפרעגט:

— מעריק, איז עפּעס אין קובאַן גוט?

ער האָט גאָר נישט געענטפערט, איז צוגעגאַנגען צום קופערט, האָט זיך אַנידערגעזעצט און פערטראַכט, מסתמא האָט ער פון קו־באַן גענומען טראַכטען.

— מיר איז שוין צייט צו פאָהרען — האָט קאַלאַשניקאָוו גע־זאָגט און זיך אויפגעהויבען — פיליאַ ווארט שוין דאָרט אודאי. האָב מיר אַ גוט'ן, ליובאַ!

דער פעלדשער איז ארויס אויפ'ן הויף, אום אכטונג צו געבען, קאַלאַשניקאָוו זאָל ניט אוועקפאָהרען אויף זיין פערד.

דער שנעע־שטורם האָט נאָך געבושעוועט. ווייסע וואָלקענס, טשעפּענדיג זיך מיט זייערע לאַנגע עקען אָן די בוימער און בוישעס, האָבען זיך געטראָגען איבער'ן הויף און אהינטער'ן פּאַרקאַן, אויפ'ן פעלד, האָבען זיך ריעזען אין ווייסע קיטלען מיט ברייטע ארבעל גערדרעהט און געפאַלען, האָבען זיך ווידער אויפגעהויבען, געמאַכט

מיט די הענד און זיך ארומגעשלאָגען. און דער ווינד איז גאָר ארויס פון די כלים! די נאַקעטע בירקען־בוימער און קארשען־בוימער, ניט קענענדיג אויסהאַלטען זיינע גראָבע ליעבשאַפטען, האָבען זיך צו דער ערד צוגעבויגט און געוויינט: — גאָטוניו, פאַר וואָס פאַר א זינד האָסטו אונז צו דער ערד צוגעשמיעדט און ווילסט אונז ניט בע־פרייען?

— טפּרר! — האָט קאַלאשניקאָוו אויסגעשריען מיט כעס און ארויפגעזעצט זיך אויף זיין פערד. די טויער איז געווען האַלב אָפען און נעבען איהר איז געלעגען אָנגעוואָרפען א הויכע קופּע שנעע.

— נו, ריהר זיך! — האָט קאַלאשניקאָוו א געשריי געטהאָן, אין זיין קליין פערדעל אויף קורצע פיס האָט זיך א ריהר געטהאָן און איז אריין אין שנעע ביז'ן בויך. קאַלאשניקאָוו איז וויים געוואָרען פון שנעע און באַלד איז ער פערשוואונדען מיט'ן פערד אהינטער דער טויער.

ווען דער פעלדשער איז אריינגעקומען צוריק אין הויז, האָט ער דאָרט געטראָפען ליובקאַ'ן אליין, אָהן מעריק'ן. זי איז געקראָכען איבער דער פּאָדלאָגע און צונויפגעקילבען די קאָרעלען.

— א וואוילע מיידעל — האָט דער פעלדשער געטראַכט, אויס־ציהענדיג זיך אויף א באַנק און אונטערלייגענדיג זיין פעלצעל צו קאָפּענס: — אַך, ווען מעריק וואָלט דאָ ניט געווען!

ליובקאַ האָט איהם צורייצט, קריכענדיג איבער דער פּאָדלאָגע נעבען דער באַנק, און ער האָט געטראַכט, אז ווען מעריק וואָלט דאָ ניט געווען, וואָלט ער אויפגעשטאַנען און זי ארומגענומען און וואָס ווייטער וואָלט ער שוין שפּעטער געזעהן...

אמת טאַקי, זי איז א מיידעל, אָבער קיין אָרענטליכע מסתמא ניט... און ווען זי איז אפילו אַן אָרענטליכע איז וואָס? עס לוינט זיך נישט צו צערעמאָניען אין אזא פּלאַץ פון באַנדיטען!

ליובקאַ האָט צונויפגעקליבען איהרע קאָרעלען און איז ארויסגע־גאַנגען. דאָס ליכט האָט שוין געהאַלטען ביי אויסגעהן, דאָס פייערל האָט שוין ארומגעכאַפּט דאָס פּאַפּיר אין לייכטער. דער פעלדשער האָט אוועקגעלייגט נעבען זיך דעם רעוואָלווער און א קעסטעלע מיט שוועבלאַך און פערלאָשען דאָס ליכט.

דאָס פייערל פונ'ם לעמפּעל האָט שטאַרק געפינטעלט, אזש די

אויגען האבען וועה געטהאן, און פלעקען זיינען ארומגעשפרינגען איבער'ן סופיט, איבער דער פאדלאגע, איבער'ן אלמער און צווישען זיי האט געשוועבט ליובקא, א שטארקע, מיט א הויכען בוזים: דא דרעהט זי זיך ווי א וואלף און דא שטעהט זי אויסגעמאטערט און אטהעמט שווער...

— אך, ווען דער שווארץ יאהר וואלט מעריק'ן אוועקגעטראגען!

— האט דער פעלדשער געטראכט.

דאס לעמפעלע האט צום לעצטען מאל א פינטעל געטהאן, א קנאק געטהאן און האט זיך פערלאשען. עמיצער אזי אריין אין צימער און זיך אויף א באנק אנידערגעזעצט — מסתמא מעריק. ער האט א ציה געטהאן פון זיין פיפקע און אויף א רגע האט זיך באלייכטעט זיין דונקעלע באק מיט'ן שווארצען פלעק. פון דעם רויך פון דעם שלעכטען טאבאק האט ביים פעלדשער אין האלז גענומען בייסען.

— אבער רויכערסטו טאבאק — האט זיך דער פעלדשער זיך אנגערופען — עס ווערט אזש נישט גוט פון איהם!

— איך צומיש מיין טאבאק מיט האבער־בליהונג — האט מעריק געזאגט — פאר דער ברוסט געזינטער.

ער האט אויסגערויכערט, אויסגעשפייט זיך און איז ווידער אוועק. עס איז פערביי אן ערך א האלבע שעה און אין פיהר־הויז האט פלוצים א שיין א בלישצע געטהאן. עס האט זיך בעוויזען מעריק אין א היטעל און פעלצעל, דערנאך ליובקא מיט א ליכט אין די הענד.

— בלייב, מעריק! — האט ליובקא זיך געבעטען.

— ניין, ליובא, פערהאלט מיך ניט!

—— הער מיך אויס, מעריק — האט געזאגט ליובקא, און איהר שטימע האט געקלונגען אזוי ווייך און צערטליך: — איך וויים, דו וועסט אוועק נאך קובאן צו פיהרען ליעבעס מיט אנדערע מיידלאך, מילא זאל דיר גאט העלפען! הײנט אבער טהו מיר צוליעב, נשמה מיינע; בלייב דא!

— ניין! איך וויל הוליען — האט געזאגט מעריק און זיך פערגארטעלט.

— דו וועסט זיך דאך אבער ניט שלעפען צופוס. אויף וואס וועסטו פאהרען?

מעריק האָט זיך צוגעבויגען צו ליובקא'ן און איהר עפּעס איינגערוימט אויפ'ן אויער; זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער טהיר אין זיך צולאַכט דורך טרעהרען.

— און ער שלאָפט דאָרט, דער נארישער ליז... — האָט זי געזאָגט.

מעריק האָט זי ארומגענומען, געשמאַק זי אַ קוש געטהאָן און איז ארויס אין דרויסען. דער פעלדשער האָט אריינגערוקט דעם רעװאָלװער אין קעשענע, איז מיט אימפּעט אויפגעשפּרונגען און זיך אַ לאָז געטהאָן צו איהם.

אָבער אין פיהר־הויז איז ליובקא איהם פערלאָפען דעם װעג, פערררוקט די טהיר מיט'ן ריגעל און האָט זיך אװעקגעשטעלט אויפ'ן שװעל.

— װאָס האָסטו זיך אװעקגעשטעלט אויפ'ן װעג? לאָז דורכגעהן! — האָט דער פעלדשער אויסגעשריען.

— װאָס דארפסטו דאָרט? — האָט זי געזאָגט.

— איך װיל זעהן מיין פערד.

ליובקא האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן פון אונטען ארויף פריינדליך און פערפיהרעריש.

— װאָס איז דאָרט צו זעהן? דו בעסער טהו אַ קוק אויף מיר...

— האָט זי געזאָגט, דערנאָך האָט זי זיך צו איהם איינגעבויגט און אָנגעריהרט מיט אַ פינגער דעם בעגילדעטען שליסעלע, װאָס איז געהאנגען אויף זיין קייטעל.

— לאָז, אניט װעט ער אװעקפאָהרען אויף מיין פערד! — האָט דער פעלדשער געזאָגט — לאָז, דו טייפעל! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן און, אַ קלאַפּ געטהאָן מיט רציחה איהר איבער'ן אַקסעל, האָט ער מיט אַלע זיינע קרעפטען זי אַ שטויס געטהאָן מיט דער ברוסט, אום זי אָפּצושטופּען פון דער טהיר, זי אָבער האָט זיך איינגעשצעמעט אין דעם ריגעל און איהם געהאַלטען אַזוי שטאַרק, אַזוי װי זי װאָלט פון אייזען געװען.

— לאָז, זאָג איך דיר! — האָט ער געשריען אַ פערמאַטערטער — ער װעט אװעקפאָהרען!

— נישקשה, ער װעט ניט אװעקפאָהרען.

און, אָטהעמענדיג שװער און גלעטענדיג זיך דעם אַקסעל,

וואָס האָט איהר וועה געטהאָן, האָט זי ווידער אַ קוק געטהאָן אויף איהם פון אונטען אַרויף, איז רויט געוואָרען און זיך צולאַכט.

— געה ניט אוועק, נשמה מיינע, מיר וועט זיין אומעטיג אַליין — האָט זי געזאָגט.

דער פעלדשער האָט אַ קוק געטהאָן איהר אין די אויגען, געטראַכט אַ ווײַלע און האָט זי אַרומגענומען. זי האָט זיך נישט געוועהרט.

— נו, לאָז! — האָט ער זיך געבעטען.

זי האָט געשוויגען.

— איך האָב געהערט, ווי דו האָסט ערשט געזאָגט מעריק'ן, אַז דו ליעבסט איהם.

— מילאַ... ווענען איך האָב ליעב, פון דעם ווייסען מיינע געדאַנקען — האָט זי געענטפערט.

זי האָט זיך ווידער צוגעריהרט מיט אַ פינגער צו דעם שליסעלע אויף זיין קיטעל און שטיל געזאָגט:

— שענק מיר דאָס...

דער פעלדשער האָט אַרונטערגענומען דעם שליסעלע און איהר דערלאַנגט.

פלוצים האָט זי אויסגעצויגען די האַלז, האָט זיך צוגעהערט און געמאַכט אַן ערנסטע מינע. איהרע אויגען זיינען ווידער געוואָרען קאַלט און כיטרע. דעמאָלט האָט זיך דער פעלדשער ווידער דערמאָנט אָן זיין פערד און זי אָפּגעשטופּט פון דער טהיר, דאָס מאָל שוין לייכט, און איז אַרויסגעלאָפען אויפ'ן הויף.

אונטער'ן וועטער־דאַך האָט אַ פערשלאָפענער חזיר פויל געכרויקעט און אַ בהמה האָט מיט איהרע הערנער געקלאַפּט... דער פעלדשער האָט אָנגעצונדען אַ שוועבעלע און האָט דערזעהן אי דעם חזיר, אי די בהמה, אי די הינט, וואָס האָבען זיך פון אַלע זייטען אַ וואָרף געטהאָן צו איהם אויפ'ן פייער, אָבער פון דעם פערד איז קיין סימן ניט געוועזן.

שרייענדיג און מאַכענדיג מיט די הענד אויף די הינט, פאַלענדיג און זינקענדיג אין די קופּעס שנעע, איז ער פון דער טויער אַרויסגעלאָפען און איינגעגעסען זיך מיט די אויגען אין דער פינסטערניש. ער האָט אָבער נור געזעהן, ווי דער שנעע האָט זיך געדרעהט און פאַרגעשטעלט פערשיעדענע פיגורען: דאָ קוקט אַרויס פון דער פינס־

טערניש א ווייסער לאַכעדיגער פּנים פון א בר מנן, דאָ פליהט פּערביי א ווייסער פערד און אויף איהם זיצט אַן אמאַזאָנקע אין א טוליע־נעם קלייד און באַלד טראָגט זיך פּערביי איבער זיין קאָפּ א רייהע פון ווייסע שוואַנען...

ציטערענדיג פאַר צאָרן און קעלט און ניט וויסענדיג, וואָס צו טהאָן, האָט דער פעלדשער אויסגעשאָסען פון זיין רעוואָלווער אין די הינט און קיינעם פון זיי ניט געטראָפען. דערנאָך האָט ער זיך צוריק א וואָרף געטהאָן אין שטוב.

ווען ער איז אין פיהר־הויז אריין, האָט ער קלאָהר געהערט, אַז עמיצער האָט זיך ארויסגעכאַפּט פונ'ם צימער און א קלאַפּ געטהאָן מיט דער טהיר.

אינ'ם צימער איז געווען פינסטער. דער פעלדשער האָט א שטופּ געטהאָן די טהיר — זי איז פערשלאָסען. דאן, אָנצינדענדיג א שוועבעלע נאָך א שוועבעלע, האָט ער זיך צוריק א וואָרף געטהאָן אין פיהר־הויז, פון דאָרט אין קיך אריין און פון דער קיך אין א קליין צימערל אריין, וואו אַלע ווענד זיינען פערהאַנגען געווען מיט אונטער־קליידלאַך און קליידלאַך און וואו עס האָט געשמעקט מיט קאָרנ־בלומען און מיט אוקראָפּ. אין א ווינקעל איז דאָרט געשטאַנען עמי־צענ'ס א בעט מיט א גאַנצען באַרג קישענס.

דאָ האָט הפּנים געוואוינט די אַלטע, ליובקאַ'ס מאַמע; פון דאַ־נען איז ער אריין אין א צווייטען צימער, אויך נישט קיין גרויסען, און דאָ האָט ער דערזעהן ליובקאַ'ן. זי איז געלעגען אויף א קופערט, איבערגעדעקט מיט א פיעל־פאַרביגער קאָלדרע, וואָס איז צונויפ־געשטעלט געווען פון פערשיעדענע קאָלירטע שטיקלאַך פון סיטץ, און האָט זיך געמאַכט, ווי זי שלאָפט. איבער איהר צוקאָפּענס האָט גע־ברענט א לעמפּעלע.

— וואו איז מיין פערד? — האָט דער פעלדשער ארויסגערעדט שטרענג.

ליובקאַ האָט זיך ניט א ריהר געטהאָן.

— איך פרעג דיך, וואו איז מיין פערד? — האָט דער פעלד־שער איבערגע'חזר'ט נאָך שטרענגער און ארונטערגעריסען פון איהר די קאָלדרע: — איך פרעג ביי דיר עפּעס, טייפעל!

זי איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף די קניע

און, אונטערהאלטענדיג מיט איין האנד דאס העמד, האט זי מיט דער צווייטער זיך געסטארעט אנכאפען די קאלדרע און זיך געדריקט צו דער וואנד...

זי האט געקוקט אויפ'ן פעלדשער מיט עקעל, מיט מורא און איהרע אויגען, ווי ביי א געפאנגענער חיה, האבען כיטרע נאכגעקוקט זיין מינדסטע בעוועגונג.

— זאג, וואו איז דער פערד, אניט מאך איך דיר די פגירה! — האט דער פעלדשער א געשריי געטהאן.

— געה אוועק, דו העסליכע בריאה! — האט זי געזאגט מיט א הייזעריגען קול.

דער פעלדשער האט זי געטהאן א כאפ אן ביים קאלנער פונ'ם העמד און א ריס געטהאן; און דא האט ער ניט אויסגעהאלטען און האט מיט אלע קרעפטען ארומגענומען דאס מיידעל. און זי, שיפענדיג ווי א שלאנג, האט זיך גענומען ווארפען און גליטשען אין זיינע ארעמס און, בעפרייט איין האנד — די צווייטע האט זיך פערפלאנ־טערט אין דעם צוריסענעם העמד — האט זי איהם מיט'ן פויסט „פערפאהרען" אין פנים אריין.

אין קאפ האט איהם גענומען מישען פאר וועהטאג, אין די אויערען האט גענומען קלינגען און האמערען, ער איז אפגעפלויגען אהינטער און אין דער זעלבער צייט האט ער געקראגען א צווייטען „רייב" איבער'ן שלייף. שאקלענדיג זיך און אנכאפענדיג זיך פאר די פריטילקעס, אום נישט צו פאלען, האט ער זיך קוים דערשלעפט ביז דעם צימער, וואו זיינע זאכען זיינען געלעגען, און האט זיך אוועק־געלייגט אויף א באנק. דערנאך, אז ער איז א ווײלע געלעגען, האט ער ארויסגענומען פון א קעשענע דאס קעסטעלע מיט שוועבעלאך און גענומען רייבען איין שוועבעלע נאך דער אנדערער אהן א פארוואס און צו־וואס: אנגעצונדען א שוועבעלע, פערלאשען זי מיט'ן מויל און א ווארף געטהאן זי אונטער'ן טיש — און אזוי אלע, אלע, ביז דער לעצטער שוועבעלע.

דערווײלע האט הינטער'ן פענסטער אנגעהויבען צו טאגען; די לופט אין דרויסען האט גענומען בלוי ווערען, די העהנער קרייהען און דער קאפ האט אלץ וועה געטהאן, און אין די אויערען האט אזוי געהילכט און געטומעלט, אז יערגונאוו'ן האט זיך אויסגעוויזען, אז

ער זיצט ערגעץ אונטער אַן אייזענ־באַהן־בריק און איבער זיין קאָפּ טראָגט זי אַ צוג.

ער האט ווי־עס־איז אָנגעטהאָן זיין פּעלצעל און היטעל; זיין זאָטעל און דעם פּעקעל מיט די איינגעקויפטע זאַכען האט ער ניט געפונען. זיין רייזע־טאַש איז געלעגען אַ לעדיגער: ניט אומזיסט האט ער געהערט, ווי עמעצער האט זיך ארויסגעכאַפּט פון'ם צימער און מיט דער טהיר אַ קלאַפּ געטהאָן.

ער האט גענומען פון קיך אַ קאָטשערע, אום אָפּצואווערען זיך פון די הינט, און איז ארויס אויפ'ן הויף, לאָזענדיג אָפען הינטער זיך די טהיר.

קיין שנעע־שטורם איז שוין מעהר ניט געווען, און אויפ'ן הויף איז געווען שטיל...

אַז ער איז ארויס פון דער טויער, האָט ער דערזעהן פאַר זיך אַ ווייסען טויטען פעלד און קיין איין פויגעל האָט זיך ניט געזעהן אויף דעם פריהמאָרגענדיגען הימעל פוןביידע זייטען וועג און ווייט אין פאָראויס האָט ארויסגעקוקט שיטערער בלויער וואַלד.

דער פעלדשער האט געוואוסט אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען דעם, ווי מען וועט איהם אויפנעהמען אינ'ם שפּיטאָל און וואָס דער דאָקטאָר וועט זאָגען; ער האָט געוואָלט אויסטראַכטען אין פאַר־אויס תירוצים אויף די פראַגען, אָבער די דאָזיגע געדאַנקען זיינע האָ־בען זיך געפּלאָנטערט און געמישט און זיינען אין גאַנצען פערשוואונ־דען. ער איז געגאַנגען און געטראַכט וועגען ליובקאַ'ן און וועגען די פויערים, מיט וועלכע ער האָט די נאַכט פערבראַכט; ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם, ווי ליובקאַ, בעת זי האט איהם דעם צווייטען מאָל „מכבד" געווען, האָט זיך צוגעבויגט צו דער פּאָדלאָגע נאָך דער קאָלדרע און ווי ביי איהר האָט זיך דעמאָלט צושאָטען דער שווערער געלער צאָפּ איבער דער פּאָדלאָגע.

ביי איהם האָט זיך געפּלאָנטערט אין מוח און ער האָט גע־טראַכט: צו־וואָס זיינען דאָ אויף דער וועלט דאָקטוירים, פעלדשערס סוחרים, שרייבערס, פויערים און ניט פּשוט פרייע מענשען? עס זיינען דאָך פאַראַן פרייע פויגעל, פרייע חיות, אַ פרייער מעריק, און פאַר קיינעם האָבען זיי ניט מורא און קיינעם דאַרפען זיי ניט! און ווער האָט עס אויסגעטראַכט, ווער האָט עס געזאָגט, אַז אויפשטעהן

מוז מען אין דער־פריה, מיטאָג עסען האלבען טאָג און לייגען זיך שלאָפען ביינאַכט? אז א דאָקטאָר איז מעהר מיוחס פון א פעלדשער, אַז מען דארף וואוינען אין א צימער און ליעב האָבען דאָס אייגענע ווייב? און וואָרום ניט פערקעהרט: עסען מיטאָג ביינאַכט און שלאָפען בייטאָג, צום ביישפּיעל? אַך, ארויפכאַפּען זיך אויף א פער־דעל, ניט פרעגענדיג, צו וועמען ער געהערט, און יאָגען זיך אויף איהם נאָכ'ן ווינד איבער פעלדער, וועלדער און טהאָלען און ליעב האָ־בען מיידעלאך, און לאַכען פון דער גאַנצער וועלט...

דער פעלדשער האָט א וואָרף געטהאָן די קאָטשערע אויפ'ן שנעע, איז צוגעלאָפען מיט'ן שטערן צו דעם ווייסען קאַלטען שטאַהם פון א א בירקענ־בוים און האָט זיך פערטראַכט, און זיין אייגען לאַנגווייליג לעבען, זיין געהאַלט, זיין אונטערוואָרפענקייט, די אַפּטהעק, דאָס שטענדיגע ארומפיהרען זיך מיט די באַנקעס, מיט די שפּאַנישע פליי־גען, — דאָס אַלעס האָט זיך איהם אויסגעדאכט אזוי העסליך און נודנע.

— ווער זאָגט עס, אַז הוליען איז א זינד? — האָט ער געפרעגט זיך אליין מיט פערדרוס — יענע, וואָס זאָגען עס, האָבען קיינמאָל ניט געלעבט אזוי פריי, ווי קאַלאשניקאָוו און מעריק, און האָבען ניט ליעב געהאַט ליובקאַ'ן; דעם גאַנצען לעבען זייערען האבען זיי אויפגע־לעבט אָהן פערגעניגען און האָבען נור ליעב געהאַט זייערע אייגענע ווייבער, וואָס זיינען עהנליך צו זשאַבעס.

און ביי זיך אין הארצען האָט ער איצט געפיהלט, אויב ער איז ביז איצט ניט געוואָרען קיין גנב, קיין שווינדלער, און קיין מערדער אפילו, איז עס נור דערפאַר, ווייל ער קען ניט, אָדער ווייל עס מאַכט זיך איהם נישט די ריכטיגע געלעגענהייט.

*

*   *

עס איז אוועק א יאָהר און א האַלב. איינמאָל, באַלד נאָך יום טוב, אין א פריהלינג־ נאַכט, איז דער פעלדשער, וועלכער האָט שוין לאַנג געהאַט פערלאָרען זיין פּלאַץ אינ'ם שפּיטאָל, ארויס פון א שענק

אין דער שטעדטעל רעפּינאָ און איז אוועק איבער דער גאַס אָהן אַ צוועק.

ער איז ארויס אויפ'ן פעלד. דאָרט האָט געשמעקט מיט פריה־לינג און אַ ווארעם, לאַסצענדיג ווינטעלע האָט געבלאָזען. פונ'ם הי־מעל האָט אַרונטערגעקוקט אַ שטילע אויסגעשטערנטע נאַכט אויף דער אויפגעוואַכטער ערד. מיין גאָט, ווי טיעף איז דער הימעל און ווי אָהן אַ סוף ברייט ער האָט זיך צו־וואָרפען איבער דער וועלט! די וועלט איז ניט שלעכט בעשאַפען געוואָרען. האָט געטראַכט דער פעלדשער — נור צו־וואָס זאָל מען צוטהיילען די מענשען אויף ניכטערע און שיכורים, אויף מענשען מיט און אָהן פלעצער? וואָרום זאָל אַ ניכ־טערער און אַ זאַטער שלאָפען רוהיג ביי זיך אין דער־היים און אַ שיכורער און אַ הונגעריגער זאָל געצוואונגען זיין צו שלעפּען זיך אי־בער פעלדער, ניט ווייסענדיג, וואו דעם קאָפּ צוצושפּאַרען? וואָרום זאָל דאָס זיין, אַז דער וואָס האָט ניט קיין פּלאַץ און בעקומט ניט קיין געהאַלט, מוז אונבעדינגט הונגערען, אַרומגעהן נאַקעט און באָר־פוס? ווער האָט עס אַזוינס אויסגעטראַכט? וואָרום עפּעס די פויגעל און די חיות אין וואַלד לעבען אין פערגעניגען, ווען זיי אַרבייטען ניט און בעקומען קיין געהאַלט ניט?

ווייט אויפ'ן הימעל איבער'ן גאָריזאָנט האָט אָפּגעשלאָגען אַ שעהנער פייער־שיין.

דער פעלדשער איז געשטאַנען, האָט לאַנג געקוקט אויף איהם און אַלץ געטראַכט: וואָרום, אַז ער האָט נעכטען צוגענומען אַ פרעמדען סאַמאָוואַר און איהם פער'משכנ'ט אין שענק, — וואָרום עפּעס איז עס אַ זינד? וואָרום?

פערביי איהם זיינען פערבייגעפאָהרען צוויי פוהרען: אויף איי־נער האָט געשלאָפען אַ פרוי, אויף דער צווייטער איז געזעסען אַן אַל־טער פויער אָהן אַ היטעל.

— זיידוניו, וואו ברענט עס? — האָט דער פעלדשער אַ פרעג געטהאָן.

— אַנדרעי טשיריקאָוו'ס גאַסט־הויז — האָט געענטפערט דער אַלטער פויער.

און דאַן האָט זיך דער פעלדשער דערמאָנט, וואָס מיט איהם

האָט פאַסירט מיט א יאָהר און א האַלב צוריק אין יענעם גאַסט־הויז, און אָן מעריק׳ס ווערטער... און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי עס ברענען די נעקוילעטע אַלטע און ליובקאַ, און ער האָט מקנא געווען מעריק׳ן.

און אַז ער איז געגאַנגען צוריק אין שענק, האָט ער, קוקענדיג אויף די הייזער פון די רייכע שענקערס און שמיעדען, געטראַכט: עס וואָלט גוט געווען אריינצוכאַפּען זיך ביינאַכט צו דעם רייכסטען...



נו, א פובליקום!

— שאבאש, מעהר טרינק איך נישט!... פאר קיין... קיין פאל נישט! שוין צייט צו קומען צום שכל. מען דארף ארבייטען, האָרעווען... ווילסט קריעגען געהאלט, טאָ ארבייט עהרליך, פלייסיג, געוויסענהאפט, נים אכטענדיג אויף רוה און שלאָף. דאָס שפיעלען זיך ווארף אוועק... האסט, ברודער, זיך צוגעוואָהנט אומזיסט געהאלט צו קריעגען, און דאָס טאקע איז נישט רעכט... ניין, נישט רעכט...

און זיך אָבגעזאָגט דאָס דאָזיגע ביסעל מוסר, האָט דער אָבער־קאָנדוקטאָר פּאָטיאָגין דערפיהלט א בעזונדערען חשק צו ארבייטען. עס איז שוין צוויי א זייגער ביינאכט, נור, נישט קוקענדיג אויף דעם, וועקט ער אויף די קאָנדוקטאָרען און געהט אוועק מיט זיי צוזאמען איבער די וואגאָנעס, איבערקוקען די בילעטען.

— אייערע בילעטען! — שרייט ער אויס פרעהלאך, קלאפענדיג מיט זיין צווייגנגעל.

די פערשלאָפענע פיגורען, איינגעוויקעלט אין דער האלב־פינסטערניש פון די וואגאָנעס, ציטערען אויף, טהוען א טרייסעל מיט די קעפּ און דערלאנגען זייערע בילעטען.

— אייער... בילעט! — ווענדעט זיך פּאָטיאָגין צו א פּאסאַזשיר פונ'ם צווייטען קלאס, א מאגערען, אָדערדיגען מענשען, וועלכער איז איינגעוויקעלט אין א פוטער און א קאָלדרע און איז ארומגעלייגט פון אלע זייטען מיט קישענס: — אייער... בילעט!

דער פּאסאזשיר גיט זיך א טרייסעל, עפענט די אויגען און קוקט מיט שרעק אויף פּאָטיאָגין'ען.

— וואָס? ווער? הא?

— מען רעדט צו אייך, ווי צו א מענשען: אייער... בילעט! בעמיהט זיך, זייט אזוי גוט!

— מיין גאָט! — קרעכצט דער אָדערדיגער מענש, מאַכענדיג א וויינענדיג פנים: — רבונו של עולם, גאָטעניו! איך לייד פון רהוּ־מאַטיזם... דריי נעכט נישט געשלאָפען, האָב אומיסטנע איינגענוּ־מען מאָרפיום, אום צו קענען איינשלאָפען, און איהר... קומט מיט אייער בילעט! דאָס איז דאָך גאָר אָהן רחמנות, אונמענשליך! ווען איהר וואָלט וויסען, ווי שווער מיר איז איינשלאָפען, וואָלט איהר מיר נישט קומען דרעהען א קאָפּ מיט אזעלכע נארישקייטען... אָהן א פונק רחמנות, אומגעלומפּערט! און צו־וואָס דאַרפט איהר עס אזוי נויטיג מיין בילעט? נאריש און גאָר!

פּאַטיאָגין טראַכט צו זאָל ער זיך בעליידיגען, צו נישט — און בעשליסט, אז מען דאַרף זיך בעליידיגען.

— איהר מאַכט דאָ נישט קיין קולות! דאָ איז נישט קיין שענק! — זאָגט ער.

— יאָ, אין שענק זיינען די מענשען א סך מענשליכער... — הוסט דער פּאַסאַזשיר — געה, זיי מוחל, ווער אנשלאָפען א צווייטען מאָל! און, א מאָדנע זאַך: אין גאַנץ אויסלאַנד בין איך אַרומגעפאָה־רען און קיינער האָט ביי מיר דאָרט קיין בילעט נישט געפרעגט, און דאָ, ווי דער טייפעל וואָלט זיי געשטופּט, אלע ווייל, אלע ווייל!...

— נו, טאָ פאָהרט זיך אין אויסלאַנד, ווען אייך געפעהלט דאָר־טען אזוי!

— דאָס איז נאריש, מיין הערר! יאָ! נאָך נישט גענוג, וואָס מען מאַטערט די פּאַסאַזשירען מיט טשאַר, שטיקענעש און צוג־ווינד, וויל מען עס נאָך דערקאָנטשען מיט פאָרמאַליטעטען, דער שוואַרץ יאָהר זאָל זיי נעהמען... א בילעט האָט זיך איהם פערגלוסט! זאָגט, אדרבה, וואָס פאַר א פלייסיגקייט! וואָלט עס כאָטש געטהאָן געוואָרען צו קאָנטראָלירען די בילעטען, פאָהרט דאָך דאָ אָבער א העלפט מענ־שען גאָר אָהן בילעטען!

— הערט אויס, מיין הערר! — צוקאָכט זיך פּאַטיאָגין — אויב איהר וועט נישט אויפהערען צו שרייען און בעאונרוהיגען דאָס פּוב־ליקום, וועל איך זיין געצוואונגען אייך אַרויסצוזעצען אויף דער סטאַנ־ציאָן און אויפהויבען געגען אייך א קלאָגע!

— דאָס איז אונאויסשטעהליך! — בייזערט זיך דאָס פּובליקום

— האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אַ קראַנקען מענשען! הערט אויס, האָט דאָך וויפיעל עס איז מיטלייד!

— אָבער זיי זידלען דאָך זיך אליין! — דערשרעקט זיך פּאַ־טיאַגין — גוט, איך וועל נישט נעהמען דעם בילעט... ווי איהר ווילט זיך... איהר ווייסט דאָך אָבער אליין, אז מיין דיענסט פער־לאַנגט עס... ווען נישט מיין פליכט, דאן, געוויס... איהר קענט אפילו פרעגען דעם אָבער־בעאַמטען פון סטאַנציאָן... פרעגט, וועמען איהר ווילט...

פּאַטיאַגין טהוט אַ דריק מיט די אַקסלען און טרעט אָב פון דעם קראַנקען.

אין אָנהויב פיהלט ער זיך אביסעל בעליידיגט, שפּעטער אָבער, דורכגעהענדיג צוויי־דריי וואַגאָנעס, הויבט ער אָן צו פיהלען אין זיין קאָנדוקטאָרסקער ברוסט עפּעס אַ מין אונרוהיגקייט, וואָס איז עהנליך צו געוויסענסביסע.

— מען האָט טאַקע נישט בעדאַרפט וועקען אַ קראַנקען — טראַכט ער — אייגענטליך, בין איך נישט שולדיג... זיי טראַכטען זיך דאָרט, אז איך האָב עס געטהאָן גלאַט אין דער וועלט אריין, ווייל איך האָב נישט וואָס צו טהאָן, אָבער דאָס ווייסען זיי נישט, אז איך מוז עס טהאָן, מיין דיענסט פאָדערט עס פון מיר... אויב זיי גלויבען עס מיר נישט, קען איך זיי ברענגען דעם הויפּט־בעאַמטען פון דער סטאַנ־ציאָן.

אַ סטאַנציאָן. דער צוג שטעהט פינף מינוטען.

פאר'ן דריטען קלונג געהט אריין אין דעם בעשריעבענעם וואַ־גאָן פון צווייטען קלאַס פּאַטיאַגין. הינטער איהם טרעט דער הויפּט בעאַמטער פון דער סטאַנציאָן, אין אַ רויטען היטעלע.

— אָט דיעזער הערר — הויבט אָן פּאַטיאַגין: — זאָגט, אז איך האָב נישט דאָס פולע רעכט צו פערלאַנגען ביי זיי אַ בילעט, און... און בעליידיגען זיך. איך בעט איך, הערר נאַטשאַלניק, זיי צו ער־קלעהרען — צו האָב איך אַ רעכט ביי זיי צו בעטען אַ בילעט, אָדער איך טהו עס גלאַט אין דער וועלט אריין... מיין הערר — ווענדעט זיך פּאַטיאַגין צום אָדערדיגען מענשען — מיין הערר! אָט קענט איהר פרעגען דעם נאַטשאַלניק, דעם הויפּט־בעאַמטען פון סטאַנציאָן, אויב איהר גלויבט מיר נישט.

דער קראַנקער טהוט זיך אַ טרייסעל, אזוי ווי מען וואָלט איהם אַ ביס געטהאָן, עפענט די אויגען און, געמאַכט אַ וויינענדיגען פּנים, וואַרפט ער זיך אַב אויף דער ווענטעל פון זאָפע.

— גאָט מיינער! איך האָב איינגענומען אַ צווייטען פּראָשעק, בין נור וואָס אנדרימעלט געוואָרען, און ער איז שוין ווידער דאָ... ווידער! איך בעט אייך, האָט איבער מיר רחמנות!...

— איהר קענט פרעגען ביי דעם הערר'ן הויפּט־בעאַמטען... האָב איך רעכט צו פרעגען ביי אייך אַ בילעט, צו נישט!

— דאָס איז אונערטרעגליך! נאָט אייך אייער בילעט! נאָט! איך וועל קויפען נאָך פינף בילעטען, נור לאָזט מיך רוהיג שטאַרבען! שוין־זשע זייט איהר קיין מאָל נישט קראַנק געווען? ווילדעס, גע־פיהלאָזעס פאָלק!

—דאָס איז אַן איינפאַך חוזק געמאַכט!—בייזערט זיך עפּעס אַ הערר אין אַ מיליטער־פאָרמע — אנדערש קען איך נישט פערשטעהן אַזא מין צוטשעפּעניש!

— לאָזט צופריעדען... — קרימט זיך דער הויפּט־בעאַמטער פון דער סטאַנציאָן, ציהענדיג פּאַטיאַגין'ען פאר אַן ארבעל.

פּאַטיאַגין טהוט אַ דריק מיט די אַקסלען און געהט לאַנגזאַם ארוים הינטער דעם הויפּט בעאַמטען.

— הײנט געה, שטעל זיי צופריעדען! — טראַכט ער און קען נישט בעגרייפען — איך האָב עס דאָך צוליעב איהם גערופען דעם הויפּט־בעאַמטען פון דער סטאַנציאָן, אום ער זאָל איהם ערקלעהרען און ער זאָל פערשטעהן, זאָל זיך בערוהיגען און צום סוף... זידעלט ער זיך גאָר.

אַ צווייטע סטאַנציאָן. דער צוג שטעהט צעהן מינוט. פאַר דעם צווייטען קלונג שטעהט פּאַטיאַגין ביים בופעט און טרינקט סעלצער־וואַסער, צו איהם קומען צו צוויי הערר'ן, איינער אין דער פאָרמע פון אַן אינזשעניער, דער צווייטער אַ מיליטער־מאַנטעל.

— הערט אויס, אַבער־קאָנדוקטאָר! — ווענדעט זיך דער אינזשע־ניער צו פּאַטיאַגין'ען — אייער אויפפיהרונג אנטקעגען דעם קראַנקען פּאַסאַזשיר האָט אונז אַלעמען אויפגעבראַכט. איך בין דער אינזשע־ניער פּוזשיצקי און דאָס איז — דער הערר אָבערסט. אויב איהר וועט

זיך נישט ענטשולדיגען פאר'ן פּאסאזשיר, וועלען מיר אייך פערקלאָגען פאַר אונזער אַלעמענס בעקאנטען, דעם הויפּט־בעאַמטען פון די אייזענ־באהנען.

— מיינע העררען, אָבער איך... אָבער איהר... — האָט א צר־שראָקענער געגומען שטאמלען פּאָטיאגין.

— אייערע ערקלעהרונגען דארפען מיר נישט! נור מיר זאָגען אייך פּאַראוים אויב איהר וועט זיך נישט ענטשולדיגען, דאן נעהמען מיר דעם פּאסאזשיר אונטער אונזער שוץ.

— גוט, איך... איך וועל זיך ענטשולדיגען... גוט... זאָל זיין אזוי...

אין א האלב שעה ארום, אויסגעטראַכט א פראַזע מיט וועלכער ער זאָל זיך קענען ענטשולדיגען, א פראזע, וועלכע זאָל בעפרידיגען אי דעם פּאסאזשיר, אי זאָל נישט קלענער מאַכען זיין אייגענע ווערדע, געהט פּאָטיאגין אריין אין וואגאָן.

— מיין הערר! — ווענדעט ער זיך צום קראנקען — הערט מיך אויס, מיין הערר!

דער קראנקער טהוט זיך א טרייסעל און שפּרינגט אויף.

— וואָס?

— איך וויל... ווי הייסט ער?... איהר בעליידיגט זיך נישט...

— אַך, וואסער... שטיקט זיך דער קראנקער, אָנכאַפּענדיג זיך פאר'ן הארצען: — א דריטען פּראָשעק מאָרפיום האָב איך איינגענומען, האָב איינגעדרעמעלט און... ווידער!

— איך... איך... ענטשולדיגט!...

— הערט... זעצט מיך ארוים אויף דער נעכסטער סטאנציאָן... איך בין שוין מעהר נישט אים שטאנד צו ליידען.. איך... איך שטאַרב...

— דאָס איז א מערדעריי, העסליך! — שרייט דאָס פּובליקום — איהר זאָלט שוין ארוים פון דאנען! דאָס היינטיגע חוזק מאַכען וועט אייך טהייער קאָסטען! נישקשה! ארוים!...

פּאָטיאגין טהוט א מאַך מיט א האנד, זיפצט זיך אָב און געהט ארוים פון וואגאָן.

ער געהט אריין אין בעאַמטען־וואַגאָן, זעצט זיך אוועק א פּער־מאַטערטער צום טיש און נעהמט זיך קלאָגען:

— נו, א פּובליקום! געה, שטעל עס צופריעדען! אַט געהט, זייט מוחל, עהרליך דיענען, ארבייטען ווילענדיג, נישט ווילענדיג וועסטו א שפּיי טהאָן אויף אַלעם און נעהמען טרינקען... טהוסטו גאָרנישט — איז מען אין כעס, הויבסטו אָן עפּעס צו טהאָן — איז מען ווייטער אין כעס... אריינגיסען און גאָר!

פּאָטיאָגין טרינקט אוים מיט א מאָל א האלבע פלאַש בראָנפען און מעהר טראַכט ער שוין נישט וועגען ארבייט, פליכט און עהרליכ־קייט.